STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11450

TSU FUS KAYN ERETS-YISROEL

Abraham Karpinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם קאַרפּינאָוויטש

*

צו פוס קיין ארץ־ישראל

אברהם קאַרפּינאָוויטש

צו פוס
קיין ארץ־ישרא

אברהם קאַרפּינאָוויטש / צו פוס קיין ארץ־ישראל
שער־בלאַט / אלכסנדר באָגען
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב
גערדרוקט אין תל־אביב, 1985

ABRAHAM KARPINOWITZ
ON FOOT TO ERETZ-ISRAEL
Frontispiece by Alexander Bogen

Published by I. L. Peretz Publishing Hause, Tel-Aviv
Printed in Israel 1985 **נדפס בישראל**

דפוס „אורלי" — פרידמאַן, תל־אביב, רח' עקיבא איגר 8, טל. 372062

אברהם קאַרפּינאָוויטש / צו פוס קיין ארץ־ישראל

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
אליעזר פּינעס־פאָנד,
קרן תל־אביב לספרות ואמנות,
יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

פֿאַר אַנקעטן

צו פוס קיין ארץ־ישראל

צו פוס קיין ארץ־ישראל

— ...זענען מיר אַרויס אין אַ ווינטערדיקן טאָג פון קירילאָוועץ. די פּאָדעשוועס האָבן געברענט פון קעלט. דער פראָסט האָט אונדז צעקרימט די מיילער. מיר האָבן רעכט ניט געקענט אַרויסריידן דאָס וואָרט: בולבע.

— ווו איז דאָס קירילאָוועץ?

— ניט ווייט פונעם דניעסטער. אַליין שטאַם איך פון אַ שטעטל לעבן וויניצע, אוקראַינע. עטלעכע בחורים, און איך בתוכם, האָבן מיר זיך צונויפגערעדט צו גיין קיין ארץ־ישׂראל. ס׳איז געווען אין דער צייט פון פּאָגראָמען. יעדע וואָך אַן אַנדער מושל: דעניקין, קאָרנילאָוו, פּעטליורע. דערנאָך האָט אַלץ איבערגענומען דער רעווקאָם, האָט מען סתם געשאָסן מענטשן.

— דער רעווקאָם?

— נו יאָ, דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. אַ מאָדנער ייִד זענט איר, פול מיט שאלות.

— אַז איך ווייס ניט! איר דערציילט זאַכן פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט.

— בערך.

— פּאָלג מיך אַ גאַנג!

— כ׳האָב געפּאָלגט. כ׳בין אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. אָן אַ גראָשן, מיט אַ זאַק אויפן אַקסל. די מאַמע האָט געעצהט אַריינצולייגן אין יעדער ווינקל פון זאַק אַ קאַרטאָפל און בינדן איבער דעם די שטריק. שפּעטער האָבן די פּאָר קאַרטאָפל פאַרטריבן אַ ווילדן הונגער. ווען מען קאָן עסן זעק, וואָלטן מיר אויך זיי אָפּגעקאָכט.

— אַזוי שלעכט איז געווען?

— שלעכט, ביטער! וואָס מיינט איר, ווי איצט?

— אַנדערע צייטן...

— ניט די צייטן זענען אַנדערע, נאָר די מענטשן... האָבן מיר זיך צונויפגערעדט צו גיין קיין ארץ־ישׂראל — דריי בחורים און איין מיידל, אסתּר. מ׳האָט דערציילט אַז אין ארץ־ישׂראל בויט מען קאָלאָניעס, און אפשר וועט מען גאָר בויען אַ ייִדיש לאַנד, זענען מיר אַהין אַוועק.

— מ׳האָט געדאַרפט האָבן כּוח דערצו.

— מיר האָבן געהאַט, מ׳איז געווען יונג, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך געקענט איבערקערן אַ וועלט.

— ווי קומט עס אַז מ׳האָט אייך אַצינד מאָביליזירט, אין אייער עלטער?

— ניט מיך האָט מען מאָביליזירט, נאָר מיין אויטאָ. דער קצין האָט מיר געזאָגט אַז איך קאָן גיין אַהיים, אָבער איך וויל ניט איבערלאָזן מיין אויטאָ אין פרעמדע הענט.

כ׳בין געזעסן מיט דעם ייִדן אויף אַ צעפּוילטן קלאָץ, צווישן צענדליקער לאַסטאויטאָס און געוואַרט אויף אַ באַפעל וואַהין צו פירן סחורה. די יום־כּיפּור־מלחמה האָט צוגעבונדן די אַרמיי צו דעם גולן און דעם סועץ, און מיר האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די שאָפערן וואָס זענען געזעסן אין די טאַנקען אויפן פראָנט. אַ מלחמה ברענגט גרויס צעטומלעניש: וויפל לאַסטמאַשינען מען האָט מאָביליזירט, איז אַלץ געווען צו ווינציק, און וויפל מ׳האָט אַרויסגעשיקט — איז געווען צו פיל. פון איין נסיעה צו דער אַנדערער האָט מען געפּטרט שעהען. בין איך געזעסן מיט דעם ייִדן און געשמועסט. דערווייל האָט מען מיר געהייסן פאָרן אין אַ פאַבריק, אָפּנעמען סחורה פאַרן מיליטער. דעם ייִדן מיט זיין אויטאָ האָט מען אויך ערגעץ אַוועקגעשיקט. די מעשׂה זיינע איז מיר ניט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי ער איז געגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל, אָבער ווי אַזוי איז ער אָנגעקומען? — דאָס האָב איך געוואָלט וויסן. איך בין געקומען צו פאָרן אין ארץ־ישׂראל מיט אַן אויסגעדינטער מלחמה־שיף, וואָס אויף איר פאַרזשאַווערטן באָרט איז געווען אויפגעמאָלן די אויפשריפט:

„טעאָדאָר הערצל״. ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך דער וועלט־מלחמה, אין טויזנט ניין הונדערט זיבן און פערציק. די ענגלענדער האָבן אונדז געכאַפּט לעבן חיפה. מיר האָבן זיך ניט געלאָזט פירן קיין ציפּערן, אין זייערע אינטערנירונג־לאַגערן, האָבן זיי געשאָסן פיר בחורים אויפן דעק. אין ציפּערן פלעגט אין די אָוונטן זיצן אַ יונג מיידל ביי די שטעכלדראָטן און קוקן אין דער ווייט. איר חתן איז געווען צווישן די געשאָסענע.

כ׳האָב געבענקט נאָך דעם ייִדן. ער האָט מיך איבערגעלאָזט ביים דניעסטער און איך האָב געוואָלט וויסן: זענען זיי אַריבער, זענען זיי געבליבן?

— ...איבערן גרענעץ האָבן אונדז געפירט פויערים. ס׳איז געווען אַ סלוך, אַז זיי הרגענען די מענטשן און נעמען ביי זיי צו ביז אַ פאָדעם. מיר האָבן טאַקע גאָרנישט ניט פאַרמאָגט, אָבער אין יענע טעג פלעגט מען אַוועקהרגענען אַ מענטש פאַר אַ פּאָר שטיוול.

מיט אונדז איז געגאַנגען אַ יונג אַ גבר. ער האָט געהייסן זאַוועלע פרענט. פרענט איז געווען זיין צונאָמען. ער האָט געהאַט אַ פּאָר ידיים, לאַנגע ביז די קני, ווי צוויי אייזערנע פרענטן. אַ פראָסטער בחור, איך ווייס ניט ביזן היינטיקן טאָג ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם ציוניזם. ער האָט זיך אָנגעטשעפּעט, ער וויל גיין מיט אונדז. האָבן מיר אים מיטגענומען. דאָס איז געווען אַ בחור אַ גאָלד, אַ צדיק. ווי ער האָט אונדז געהיט! בעיקר אסתּרקען. פאַר זיך האָט ער קיין מאָל גאָרנישט באַדאַרפט. זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, הגם ער אַליין האָט געקענט אויפעסן אַ טשוגון מיט אַרבעס. איין חסרון האָט ער געהאַט: ער איז געווען היציק. מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט, טאָמער וואַרפן זיך אויף אונדז די פויערים, זאָל זאַוועלע דער ערשטער אַרויס מיט אַ מעסער. די פּראָוואָדניקעס האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ פּוסטער סטאָדאָלע, איבערוואַרטן ביז ס׳וועט ווערן פינצטער, און זענען אַוועק טרינקען. ביי נאַכט האָט ער

איך פּאַמעלעך סקריפּען די טיר. די פויערים זענען עפּעס צו שטיל אַריינגעקומען. כ'האָב געטאָן זאַוועלען אַ צי ביים פוס און ער איז שוין געשטאַנען קעגן איבער זיי ווי אַ וואַנט. די פויערים האָבן ניט געהאַט קיין שלעכטע כוונות, זיי האָבן אונדז אַפילו געבראַכט עטלעכע בלינצעס. אָבער זאַוועלע האָט זיך ניט געקאָנט באַרויקן, ווי אַ צעפּלאָשעט פערד. ער האָט געהאַלטן אין איין שושקען מיר אין אויער: מען דאַרף זיי שוין פּטרן?

— ער לעבט, דער זאַוועלע?

— ניין, אין ניין און צוואַנציקסטן יאָר, בעת די אומרועןְ, האָט מען אים דערשאָסן. די אַראַבער. זיי האָבן אים גוט געקענט. ער פלעגט גיין אין יפו פראַנק־און־פריי, אָן מורא. גאַנץ מנשיה איז געווען זיינע.

— און דער אַנדערער חבר?

— לעבט. אַ גרויסער נאַטשאַלניק, כמעט אַ מיניסטער. מיר זעען זיך ניט. איך בין שוין ניט זיינס גלייכן...

כ'האָב געזען דעם ייִדנס פאַרדראָס, פאַרשניטן אין דער לינקער באַק. אין דמיון האָב איך אויך געזען זיין חבר. אַ האַרט פּנים, וואָס מען באַגעגנט אין שטילע קאַבינעטן. זיי זעען אויס ווי בלייענע זעלנערס. ערשט נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה האָבן זיי אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן.

כ'האָב געמיינט אַז דער ייִד וועט דאַרפן אַ גוטע פּאָר מינוט שווייגן, כדי אַראָפּצושלינגען די עוולה, אָבער ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ממשיך געווען:

— יאָ, וואָס איז דאָ צו רעדן, יענער מיינט אַוודאי אַז די מדינה שטייט נאָר אויף אים. נו, מען קאָן ניט זאָגן, עפּעס האָט ער דאָ אויפגעטאָן, אָבער איר ווייסט דאָך ווי דאָס זעט אויס: איך וווין נאָך אַלץ אין מיין כאַטע אין נחלת־יצחק, און ער... ער האָט מער אויפגעטאָן...

— און איר האָט ווינציק אויפגעטאָן? איר זענט דאָך געקומען צו פוס אין ארץ־ישׂראל.

דער ייִד האָט זיך אויפגעמונטערט:

— און נאָך ווי אַזוי! איר האָט געדאַרפט זען ווי מיר האָבן זיך געשאַרט איבער דעם פאַרפרווירענעם דניעסטער. מער ווי אַלע האָט געליטן אסתּרקע. זי איז געווען אַן אויסגעבאַליעט מיידל, פון אַ גוטער שטוב, אַ פאַרחלומטע געווען, שטענדיק מיט אַ ביכל אין האַנט. אַ קול האָט זי געהאַט, ווי אַ קאַנאַריק. זי פלעגט זינגען „אויף ציונס בערג" און רוסישע לידער.. אויך ניט געווען קיין מיאוסע.

— זענט איר, הייסט עס, אריבער דעם דניעסטער.

— אַריבער. דעם לעצטן שטיקל וועג האָט זאַוועלע גענומען אסתּרקען אויף דער פּלייצע. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ קלויז, ווי אונטערגעהאַקטע ביימער. ווי האָט געהייסן דאָס שטעטל אויף יענער זייט? כ'געדענק שוין ניט, אַרויס פון קאָפּ. ייִדן האָבן אונדז דערוואַרעמט. מיר האָבן אָפּגעגעסן, זיך אויסגעשלאָפן, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וואָס ווייטער. ווען מיר האָבן דערציילט די ייִדן וואָהין מיר גייען, זענען זיי אַוועקגעלאָפן רופן דעם רב. דער רב האָט געפרעגט וועמעס כּלה איז אסתּרקע, און אויב ניט קיין כּלה, וואָס טוט זי דאָ צווישן דריי ייִנגלעך? דער אַנדערער חבר, ניט זאַוועלע, — ביי אים האָט תּמיד דער קאָפּ געאַרבעט — האָט געזאָגט אַז מען מוז זיך דערקלייבן צו אַ גרויסער שטאָט. דאָרט וועט מען זיכער טרעפן נאָך חלוצים. האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און זענען אַוועק קיין קישענעוו. ס'איז גוט צו זאָגן: אַוועק. וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן ביז קישענעוו, איז ניטאָ אַזוי פיל פּאַפּיר דאָס צו באַשרייבן. איך מאַך דאָס בקיצור, אָבער איר דאַרפט פאַרשטיין אַז מיר האָבן געוואַנדערט חדשים, אַן אַ גראָשן, הונגעריקע, ווי ציגיינערס. זאַוועלע, אונדזער גיבור, איז קוים געשטאַנען אויף די פיס. ווו אַ ברעקל ברויט, האָט ער עס אָפּגעגעבן אסתּרקען. איך האָב געגריזשעט די פויסט און געזען אין חלום דער מאַמעס מאכלים. צום בעסטן האָט זיך געהאַלטן דער אַנדערער חבר, געווען אַ פאַרביסענער, ניט געלאָזט דער הונגער זאָל אים אומוואַרפן. גאַנץ פרי אויסגעריבן מיט שניי דעם

האַלבן גוף, און פּאַרטיק — גרייט צום מאַרש. אפשר דערפאַר איז ער אַזוי הויך דערגאַנגען...

ביזן האַלבן טאָג האָט דער ייִד געמאַכט צוויי נסיעות. מיך האָט מען געשיקט אָוועקצופירן רפואות פון דער באַזע אין שפּיטאָל. מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט. דער ייִד איז דערגאַנגען צו די פּרטים וועגן זיין אָנקומען אין קישענעוו. און איך, זיצנדיק ביים רעדל, האָב געטראַכט וועגן זיין לעבן אין ארץ־ישראל, נאָכן דערגרייכן דעם ציל: געגעסן ביליקע מאַראַנצן, געשלאָפן אויפן זאַמד, געטאַנצט גאַנצע נעכט. אַלע זענען זיי געווען פאַרשיכּורט פון פרייהייט. און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרייסן פון קאַראַהאַד טרוקענע מוחות, וואָס האָבן ניט פאַרגעסן דעם טאַטנס זאָג: תּכלית.

— די טענצערס זענען געבליבן הינטערשטעליק — האָט דער ייִד זיך אַליין באַדויערט.

— האָט איר כאָטש געהאַט עטלעכע פריילעכע יאָר.

— אמת, אָבער ווען ס'איז געוואָרן די מדינה, איז מען אין גאַנצן ניט געווען צוגעגרייט. מ'האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן איינער דעם אַנדערן אויף דער פּלייצע: ליאָווקע, אַבראַשע... אָנצוקומען צו אַן אַלטן חבר, האָט מען געדאַרפט קלאַפּן אין טיר. איי, מיין פריינד, ווען אַ סך פון אונדז ווייסן דעמאָלט אַז ס'וועט קומען אַ צייט און מען וועט שאַצן אַ מענטש אין ארץ־ישראל לויט דער לענג פון זיין אויטאָ... איך אַליין האָב פּאַר צען פונט געקענט קויפן אַ באָדן, אַ מגרש, וואָס איז איצט ווערט אַ מיליאָן. נאָר ווער האָט געטראַכט וועגן דעם?

— ניט אַלץ איז דער מגרש.

— אַז מ'האָט אים, איז אָבער בעסער.

די לאַסטמאַשינען זענען געשטאַנען אויפן פעלד ווי אַ סטאַדע אויפגעטריבענע בהמות, פאַרלאָזטע פון די פאַסטעכער אויף הפקר. אַן אומעט האָט געהויערט אויף זייערע בלעכענע לייבער. ס'האָט

אויסגעזען ווי אַט וועט אַן אויטאָ אַרויס מיט אַ צעצויגענעם קוויטשן מו, פון בענקשאַפט צום שטאַל.

מיר זענען ביידע געזעסן אויף אַ געפאַלענעם בוים. דער ייִד האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן קישענעוו און פּלוצעם אָפּגעהאַקט. כ'האָב פאַרשטאַנען אַז ער איז צוגעקומען צו אַ פּרט וואָס ער האָט ניט געוואָלט דערמאָנען.

כ'האָב אַרויסגענומען מיין פלעשל קאָניאַק און אים דערלאַנגט אַ שלוק פונעם קאָרעק־בעכערל, אַליין האָב איך אַ ציי געטאָן פונעם פלעשל.

— אין ארץ־ישׂראל זאָל אַ ייִד האַלטן קאָניאַק ביי זיך... וואָס ווייס מען דאָ פון אַ גוטן טרונק?

— איך ריר זיך ניט אָן משקה.

— הלוואַי וואָלט מען דאָ מער געטרונקען... די מדינה איז צו ניכטער...

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— כ'מיין אַז די מדינה איז צו טרוקן. מען האַלט אין איין חשבונען. אַוועק די אמתע פרייד, אַ מאָל האָבן מיר געמאַכט אַ קאַראַהאַד אַרום יעדן נייעם בנין.

— וואָס איז צו רעדן וועגן פרייד, ווען מיר האָבן אַזוי פיל קרבנות?

— איך רעד ניט וועגן איצט, נאָר בכלל. און די קרבנות זענען אויך צוליב די מומחים, די חשבון־מאַכערס. הלוואַי וואָלט מען ווינציקער גערעכנט און זיך מער צוגעגרייט. ווערדליק זייער חשבון איז אויסגעקומען אַז די אַראַבער קאָנען ניט אַריין...

— זיי קאָנען טאַקע ניט.

— יאָ, אָבער וויפל האָט געקאָסט זיי אָפּצוהאַלטן? יונגער־מאַן, די מדינה איז בבחינת אַ נס, און אַ נס טרעפט איין מאָל, ניט צוויי מאָל.

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— כ'וויל זאָגן... אין דער מדינה איז עפּעס קאַליע געוואָרן. מ'איז געוועזן צו האַפּערדיק.

— איר מעגט זיין זיכער אַז די מלחמה האָט אונדז אַ סך אויסגעלערנט!

— ייִדן האָבן אַ קורצן זכּרון.

דער מפקד האָט ניט אָפּגעלאָזן אַהיים. איך מיט דעם ייִדן האָבן זיך פאַרקליבן אין אַן אָפענער לאַסטמאַשין, אויסצוגלייכן אַ ביסל די פיס ביז צו אַ נייעם באַפעל. דער ייִד האָט אונטערגעלייגט אַ האַנט אונטערן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. פּלוצעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און געפרעגט:

— איר זענט געווען אַ מאָל פאַרליבט?

— כ'ווייס? אַוודאי... געווען...

— איר לאַכט? איר מעגט לאַכן. זיך באַקענט מיט אַ ייִדן אַ טשודאַק...

— ניט פון דעם לאַך איך. אייער שאלה איז פּשוט געקומען אַזוי אומגעריכט.

— מילא, כ'האָב שוין אָנגעהויבן, וועל איך שוין דערציילן ווייטער: ס'האָט קיין סך ניט געפעלט איך זאָל בלייבן אין קישענעוו.

— און ניט קומען אין ארץ־ישׂראל?

— ממש. צוליב אסתּרקען. כ'בין אויפגעשטאַנען אין אַ שיינעם ווינטערדיקן פרימאָרגן און דערפילט אַז איך האָב ליב אסתּרקען. אַ נאַכט פריִער האָב איך געהאַט אַ ייִנגלשן חלום. אַכצן יאָר איז ניט אַכציק. כ'האָב ביז דעמאָלט קיין מיידל אַפילו אַ קוש ניט געגעבן. האָב איך אסתּרקען פאַרשלייערט אין געלויִנע שלייערס פון אַ ראָמאַן וואָס איך האָב געהאַט געלייענט, און בין געווען גרייט צו גיין פאַר איר אין טויט. אין קאָפּ זענען אַרומגעפלויגן זומער־פייגעלעך.

אסתּרקע האָט ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך איינגעבראָכן. אַזאַ מיידל, אַ בת־יחידה, לאָזט זיך אין אַזאַ וועג. זי האָט געסטראַשעט אין דער היים אַז זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן אויב מען וועט זי ניט לאָזן גיין קיין ארץ־ישׂראל. האָט זיך די משפּחה גוט אויסגעוויינט און זי געלאָזן גיין. איין טרייסט האָבן

זיי געהאַט, וואָס עס גייט אויף מיין חבר, כ׳מיין ניט זאַוועלען, ער האָט געהאַט אין שטאָט זייער אַ גוטן נאָמען.

אסתּרקע האָט זיך געהאַט אַ מאָל פאַר אונדז אויסגערעדט אַז אין ארץ־ישׂראל וועט זי קויפן אַ האַרף און שפּילן ביים ברעג פון כּנרת. זי האָט אויך גערעדט וועגן אַ ווייס קלייד. אין קישענעוו האָט מען אָבער געדאַרפט פאַרדינען אויף ברויט. האָבן מיר זיך פאַרדונגען ביי אַ רייכן ייִדן האַקן האָלץ אין וואַלד. דער ווינטער האָט געסקריפּעט אונטער די צעקרימטע שטיוול און די קעלט איז פאַרקראָכן אין לעבן אַריין. האָט זיך אסתּרקעס פאַנטאַזיע אָפּגעקילט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט צו קומען אין ארץ־ישׂראל ווי אַ טויב, מיט פרייד אין שנאָבל, ניט מיט פראַסטביילן און געשוואָלענע פיס; האָט זי געוואָלט בלייבן אין קישענעוו. און איך האָב באַשלאָסן, טאָמער בלייבט אסתּרקע, בלייב איך מיט איר ביז זי וועט זיך שטאַרקן און קענען גיין ווייטער. אָבער מיין חבר האָט געזאָגט אַז ער וועט ניט בלייבן איין טאָג מער. דער גלות וועט אונדז אַריינצִיען, האָט ער געזאָגט, און מ׳וועט פאַרגעסן דעם ציל. צום מערסטן האָט מיך איבערראַשט זאַוועלע. ער, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג געגעסן ברעקלעך און דאָס ברויט אָפּגעגעבן אסתּרקען, דווקא ער איז געווען גרייט זי איבערצולאָזן, און גיין ווייטער קיין ארץ־ישׂראל.

מיטן לעצטן געלט האָבן מיר געקויפט אסתּרקען אַ פּאָר וואָליקעס און זי איז אַוועק מיט אונדז קיין גאַלאַץ.

דעם אָפּשניט גאַלאַץ—קושטאַ איז דער ייִד דורכגעלאָפן אין צוויי מינוט. ער האָט בלויז אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן זיך צו דערמאָנען ווי אַזוי די שיף האָט געהייסן, און שוין איז די גאַנצע חברותא אַראָפּ אויפן טערקישן ברעג.

— לעבן קושטאַ — דערציילט ער ווייטער — איז געווען אַ פאַרם, וואָס טרומפּעלדאָר האָט נאָך גענוצט ווי אַ זאַמלפּונקט פאַר חלוצים. זענען מיר אַהין אַוועק אַרבעטן. צווישן אונדז און ארץ־ישׂראל איז געלעגן דער ים און אויף אים האָבן אונדזערע פיס

ניט געהאַט קיין שליטה. מ׳האָט אונדז געהייסן וואַרטן ביז ס׳וועט זיין אַן אָקאַזיע צו ציִען ווייטער.

וואָס האָבן מיר אין יענער פֿאַרם ניט געטאָן? איך האָב געפּאַשעט אָקסן. ניט קיין היימישע, נאָרמאַלע בהמות, נאָר עפּעס ווילדע חיות, וואָס האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ מורא. זאָוועלע האָט געבויט אויוונס. אסתּרקע איז געווען אַ קעכין. קאָבן איז אָבער ניט געווען וואָס. געווען דאָרטן אַ דאָקטער, האָט ער אונדז געראָטן צו גיין אין וואַלד און ברענגען טשערעפּאַכעס און זיי אָפּקאָכן...

— אין די לאַגערן איז געווען ערגער!

— וואָס זענט איר אַרויף אויף די לאַגערן? איך ווייס אַז מ׳האָט געליטן, אָבער איך זע ניט אין דעם קיין גבורה.

— איר וועט נאָך באַלד זאָגן אַז מיר האָבן זיך געלאָזן פֿירן...

— איך ווייס ניט ווי מ׳האָט אייך געפֿירט, איך ווייס נאָר ווי מיר זענען געגאַנגען.

— איי, רעב ייִד, מיר וועלן זיך ניט פֿאַרשטיין.

— קאָן זיין. מיר, די וותיקים, וועלן אייך ניט פֿאַרשטיין און איר, די נייע, וועט אונדז ניט פֿאַרשטיין. און ארץ־ישׂראל וויל קיינעם ניט פֿאַרשטיין... דעם לאַנד אַרט ניט, איר מעגט קומען פֿון גיהנום, אַבי איר זאָלט צוטראָגן אַ ציגל.

— ס׳וואָלט געווען גוט צו טראָגן ציגל, ווען די אַראַבער לאָזן.

— די אַראַבער האָבן קיין מאָל ניט געלאָזן און פֿון דעסטוועגן האָט מען געבויט.

— אָבער איצט זענען אַנדערע אַראַבער.

— דאַרפֿן מיר ווערן אַנדערע ייִדן...

מיר האָבן געשוויגן. ס׳איז ניט געווען קיין געמיט פֿאַר וויכּוחים. מיר האָבן צו טייער באַצאָלט פֿאַר אונדזער יעדער נצחון. דער ייִד האָט מסתּמא אויך אַזוי פֿאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער ווייטער געצויגן די זכרונות, דערציילט ווי דער הונגער האָט אים אויסגעהיילט פֿון דער ליבע צו אסתּרקען. אין אַ שיינעם טאָג זענען זיי אָפּגעפֿאָרן פֿון קושטאַ קיין ארץ־ישׂראל.

— ווען מיר דאַרפֿן זיצן נאָך איין טאָג אין דער שיף, טראָגן אונדז אַוועק די פליי.

— איך האָב שוין געזען ערגערס.

— כיבע אין די לאַגערן.

— טאָקע דאָרטן.

— אָבער דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געוווּסט פון אַזעלעכס. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך קראַצן אין קושטאַ און געענדיקט אין אַלעקסאַנדריע.

— ווי קומט איר אין אַלעקסאַנדריע?

— אַ שיינע שאלה! ווי מיר זענען אָנגעקומען אין חיפה, האָט די פּאָליציי געהייסן אויסדרייען די שיף: מען האָט קיינעם ניט אַראָפּגעלאָזן אויפֿן ברעג. דער קאַפּיטאַן האָט אונדז פאַרשלעפּט קיין אַלעקסאַנדריע, אין מצרים, און דאָרטן אויסגעלאָדן דאָס געזינדל. אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער גיין קיין ארץ־ישׂראל.

— האָט איר, הייסט עס, רעזיגנירט?

— איך? קענט איר ניט מאַטוס קאָסטאָווסקי. פרעגט אַ מאָל אַלטע תּושבים, וועט מען אייך זאָגן. כ'האָב ניט איבערגעדרייט מיין נאָמען אויף עבֿרית. אין אַלעקסאַנדריע האָט מען אונדז געהאַלטן אין קאַראַנטין און דערנאָך אָפּגעשיקט צוריק קיין קושטאַ. מיר האָבן באַדאַרפֿט אָנהייבן אַלץ פון ס'ניי. ס'האָבן זיך דאָרט געדרייט הונדערטער חלוצים. אייניקע האָבן באַשלאָסן צו פאָרן צוריק אַהיים, קיין רוסלאַנד. אסתּרקע האָט זיך אויפגעניוכעט מיט אַ כאַפּטע סטודענטן וואָס האָבן געטענהט אַז די רעוואָלוציע וועט אויסגלייכן אַלע הויקערס און מען דאַרף צולייגן אַ האַנט. לאָמיר שוין דערציילן דעם גאַנצן אמת: אסתּרקע איז געוואָרן הפקר. אַלע טאָג אַוועק מיט אַן אַנדערן. אַזוי ווי זי איז אַרויס פון דער היים אַ פאַרחלומטע, אַ פאַרקנעפּלטע, אַזוי האָט זי אין קושטאַ אָנגעהויבן רעדן אויף אַ קול און פּריידיקן די רויטע תּורה.

— איך פאַרשטיי אַז איר זענט געבליבן שטעקן אין קושטאַ און קיין ארץ־ישׂראל דעמאָלט ניט דערגאַנגען.

מאַטוס קאָסטאָווסקי האָט ניט באַלד געענטפערט. ענדלעך האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— איך בין דערגאַנגען, נאָר ווי אַזוי דערגאַנגען.

איך האָב געשוויגן.

— איך מיינט כ׳האָב זיך סתּם גערדרייט איבער די גאַסן פון קושטאַ? כ׳האָב געזוכט צו קויפן געווער! פון ארץ־ישׂראל האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז מע מוז זיך דאָרטן פאַרטיידיקן. אין קושטאַ האָט מען גערעדט, אַז ווייס־גוואַרדייער וואָס זענען אַנטרונען פון דער רעוואָלוציע פאַרקויפן זייערע רעוואָלווערן פאַר בראָנפן. אָט די געוועזענע אָפיצירן האָבן זיך געוואַלגערט אין שאַנדהייזער. קיין גרויסער מומחה אויף די פלעצער בין איך ניט געווען, ביי אונדז אין שטעטל האָט מען פון אַזוינס ניט געוווּסט. אָבער כ׳בין אַוועק אין קוסטונדזשוק, די געגנט פון סאַמע הייזלער. דאָרט האָב איך איינגעהאַנדלט אַ רעוואָלווער...

דער אָפיציר איז געלעגן אויף אַ בעטל מיט אַ פלאַש אין האַנט. ער האָט אַפילו דאָס געלט ניט געציילט. אַ יונג אַ ריז. מען זאָל ניט געפּרוּווט ווערן מיט עלנט. איך האָב עס אַ מאָל שטאַרק געפילט, טאַקע דאָ, אין ארץ־ישׂראל. כ׳האָב דעמאָלט געאַרבעט ביי אַ קאָלאָניסט אין פּתח־תּקווה. די טורקע האָט מיר אָנגעריבן בלאָטערס אויף די דלאָניעס. ס׳האָט געברענט ווי אַ פייער. אויפן שוועל פון הויז איז געשטאַנען דאָס ווייב פונעם קאָלאָניסט און זיין טאָכטער. דאָס מיידל האָט געזען ווי איך פאַרגיי זיך פאַר ווייטיק, האָט זי געזאָגט דער מאַמען: גיב אים עפּעס אָנצושמירן די הענט. ווען זיין מאַמע זאָל דאָס זען... איר ווייסט וואָס יענע האָט איר געענטפערט? חלוצים, מיין קינד, האָבן ניט קיין מאַמע...

— סוף־כּל־סוף האָט מען איינגעאָרדנט אונדזער אָפּפאָרן. דעם לעצטן אָוונט האָב איך פאַרבראַכט ביי אסתּרקען, אין איר צימער. דאָס מאָל איז זי געווען צוגעלאָזן, מילד, ווי ביים אָנהייב פון אונדזערע וואַנדערונגען. מיר האָבן גערעדט וועגן שטעטל,

וועגן טאַטע־מאַמע און די בענקשאַפט האָט פאַרפלאָכטן איר האַנט אין מיינער. איך ווייס נאָך ביז היינט ניט ווי מיר זענען אין דער פינצטער געקומען אויף איר געלעגער... דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן איר צו שעפּטשען אין אויער אַריין מיינע פּלענער וועגן לעבן צוזאַמען אין ארץ־ישׂראל. אסתּרקע האָט געשוויגן. דערנאָך איז זי אַראָפּ פון בעטל, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און אַ זאָג געטאָן: איך פאָר ניט קיין ארץ־ישׂראל. דו, זאַוועלע און אַלע אַנדערע גייט בויען אַ ניי לאַנד; איך אָבער פאָר בויען אַ נייע וועלט. נעם זיך מיט קיין ארץ־ישׂראל אַ דערמאָנונג וועגן מיר: כ׳האָב דיך געמאַכט פאַר אַ מאַן...

מאַטוס קאַסטאַווסקי האָט געזוכט די פּאַפּיראָסן אין קעשענע, כאָטש זיי זענען געלעגן פאַר זיינע אויגן.

— כ׳בין זיכער אַז איר האָט זי ניט פאַרגעסן.

— ניין.

— אפשר ווייסט איר וואָס ס׳איז געוואָרן פון איר, פון אסתּרקען?

— כ׳ווייס. נייע עולים פון מיינע קאַנטן האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם גרוס. אין יאָר ניינצן זיבן און דרייסיק האָט מען אַרעסטירט איר מאַן. דערנאָך זי. ביידע זענען אויסגעגאַנגען אין סיביר.

כ׳האָב געלאָזט קאַסטאַווסקין אויסרייכערן דעם פּאַפּיראָס און בין ווידער צוגעשטאַנען צו אים:

— האָט איר זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף און אַוועקגעפאָרן.

— ווי איר װאָלט געוועזן דערביי. כ׳האָב געהאַט ארץ־ישׂראל אין די ביינער.

מיר האָבן נאָך געפירט וואָכן־לאַנג פּראָוויאַנט. מאַטוס קאַסטאַווסקי האָט אָבער מער גאָרנישט ניט דערציילט. ס׳איז ניט געווען קיין שטימונג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס און ווינטן, אָבער די שניטן פון דער מלחמה זענען ניט פאַרשווענקט געוואָרן...

דאס קול
אין דער ווילדערניש

דאס קול אין דער ווילדערניש

פון מיליטער־שפּיטאָל האָט מען געבעטן אַ דערלויבעניש צו ברענגען אַ גרופּע אינוואַלידן צום קאָנצערט. אדרבא. כאָטש דאָס איינמאָשטשען די שטולן אויף די רעדער פאַר דער ערשטער ריי אין זאַל איז ניט אַזאַ פּשוטער ענין, אָבער ווער וועט האָבן אַ האַרץ צו זאָגן ניין ? דאָס זענען דאָך אַלץ בחורים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין סיני צו אויפן גולן אַ שטיק גוף. זיי זענען דאָך די געטראָפנסטע. דער יום־כּיפּור־קריג האָט זיי ניט איבערגעלאָזט די מינדסטע פרייד פון אַ געווונענער שלאַכט, בלויז אַ בענקשאַפט צו די פאַרלאָרענע גלידער, וואָס מען פילט זייער דאָיִקייט און מען קאָן זיי ניט אָנטאַפּן.

דאָס האָט אייזיק, דער ראש הסדרנים, אַזוי געטראַכט, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אָט די מחשבות זענען ניט זיינע. ער האָט זיי געהאָט ערגעץ איבערגעלייענט. וואָס טויגן די אַלע געקליגלטע רייד ? ווען ס'האָט געטראָפן... אָט האָט ער פאַרלאָרן אַ האַנט־פלאַך מיט אַלע פינגער ביי סטאַלינגראַד, קאָן אים אַ שטאָלן צוזוענגל דאָס פאַרבייטן ? אָבער אַזוי איז עס. צוריק פון פעלד וועסטו די האַנט ניט ברענגען. ווי פלעגט זאָגן זיין לייטענאַנט ? — נאָך גוט אָפּגעשניטן... און פון יענעם איז געבליבן אַ העלפט... הלוואַי וואָלטן די סאָבּרעס געקענט טרינקען בראָנפן. אין אַ שלעכטער מינוט איז עס אַ שטיקל הילף...

אין אָוונט האָבן די סדרנים מיט איבערגעטריבענעם פאַרזיכט געשטופּט די אינוואַלידן־שטולן דורכן לאַנגן פאָיע אין זאַל אַריין. זיי האָבן זיך געמיט ניט אָנצושטויסן איינער אויף דעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן געפירט איידעלן גלאָזוואַרג. אויף די שטולן זענען געזעסן געוועזענע זעלנער, וואָס די מלחמה האָט זיי איבערגעלאָזט ווי אַ זכר. די אָנפּיסיקע האָבן פאַרדעקט זייער מום מיט אַ

מיליטערישן קאָץ. געטראָפּענע אין רוקנביין זענען געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע הויזן און שפּאָגל־נייע שיך מיט ריינע זוילן. זיי האָבן געהאַט אָנגעשפּאַרט די פּיס אויפן הויכן שוועל פון שטול, ווי זיי וואָלטן געפאָרן דורך אַ בלאָטיקן וועג, און ניט איבער אַ בלוט — רויטן טעפּיך, וואָס האָט זיך געשפּרייט ביז צום ברייטן אַריינגאַנג אין קאָנצערט־זאַל.

הינטער דעם קאַראַוואַן אינוואַלידן־שטולן איז נאָכגעגאַנגען אַ זעלנער. אייזיק האָט אים אָנגעוויזן אויף דער גאַלעריע, ווו מען קאָן זיצן אויף די טרעפּ, אָבער דער זעלנער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אויך פון שפּיטאָל און וויל זיין מיט אַלע.

— אַ סאַניטאַר?

— ניין, אַ קראַנקער...

דער סדרן האָט זיך קוים איינגעהאַלטן צו פרעגן וואָס איז אים.

— נו... שטיי ביים זייט. ס׳וועט ווערן אַ ביסל טונקל, וועסט זען אַ פרייען פּלאַץ — זעץ זיך אַוועק..

די לאָמפּן אויפן סופיט האָבן לאַנגזאַם איינגעזויגן אין זיך דאָס אייגענע מילך־ווייסע ליכט. איצט האָט די עסטראַדע, ווו ס׳זענען געזעסן די מוזיקער מיט זייערע פאַרשוויגענע כלים, געקאָרמעט דעם זאַל דורך די צעצונדענע ראַמפּעס מיט דינע סטראָיעס העלקייט. דאָ, דאָרט האָט זיך אַ הוסט געריסן צו דער פריי. דאָס האָבן אויפגערעגטע צוהערער זיך געגרייט אויפנעמען דעם שטראָם מוזיק מיט אַ ברייטן, פרייען אָטעם. דער דיריגענט איז געשטאַנען מיט דעם אויפגעהויבענעם דיריזשיר־שטעקל אין דער האַנט און געוואַרט אויף דער ריכטיקער, שטיל־שטילסטער רגע צו עפענען די שליוזן פון קלאַנגען. דער זעלנער, האַלב־געבויגן, האָט זיך פאַרקליבן צו אַ פרייען שטול אין די ערשטע רייען.

אייזיק, וואָס בדרך כלל פלעגט ער פאַרלאָזן דעם זאַל בעתן אָנהייב קאָנצערט, כדי צו קאָנען טרינקען קאַווע ביים ליידיקן בופעט, האָט דאָס מאָל געהאַלטן שטאַט, און געבליבן אינעווייניק זיצן אויף זיין דעזשור־בענקל ביים וואַנט. ער, ווי דער ראש הסדרנים, האָט תמיד געדאַרפט בעת די קאָנצערטן זיצן אין זאַל צו

היטן די אָרדענונג, אָבער מוזיק האָט אים שטאַרק געלאַנגווייליקט. אין משך פון יאָרן אַרבעט איז ער אויסגעזעסן אפשר צוויי, דריי קאָנצערטן, מיט צרות, ביז צום גענעצן. האָט אייזיק תּמיד געזוכט ווי זיך אַרויסצודרייען פון אַט דער גזירה. אָבער ער האָט מורא געהאַט די אינוואַלידן זאָלן אַמאָל ניט דערנענטערן זיך צו נאָענט צו דער עסטראַדע, איז ער געבליבן אויפפּאַסן אויף זיי. און ניט אַזוי אויף די אינוואַלידן, ווי אויף דעם זעלנער, וואָס האָט געהאַט הענט און פיס, אָן אַ מינדסטן באַנדאַזש, און געטענהט, אַז ער איז אויך פון שפּיטאָל. דאַכט זיך, אַלץ איז געווען ביי אים אין בעסטן אָרדענונג — אַ הויכער יונג, מיט אַ פאַרברענט פּנים, אַ נאָז, אַ קורצע, פעסט אַריינגעזעצט איבערן האַרטן קין — ווי ביי אַ ריכטיקן סאָלדאַט. נאָר די אויגן... די אויגן האָבן געמאַטערט אייזיקן. אַזעלכע אומעטיקע אויגן, ווי ביי אַ פאַרלאָזט קינד, אויסגעוואַשענע פון יעדן שימער. אַ זעלנער זאָל האָבן אַזאַ בליק... ווו איז ביי זיי די פרייד פון אַ גוטן צובייסן, פון אַ צופעליק מיידל? געווען צייטן... אַמאָל, אַז מען איז אַרויס גאַנץ פון פייער, האָט מען געטאַנצט און געזונגען, און דער — קוים וואָס ער רעדט, גאָרנישט ווי אַ מיליטער־מאַן.

די ערשטע פּאָר מינוט איז אייזיק געזעסן אויף אַ האַלבן שטול. דער טשעליסט פון אויסלאַנד, אַ פאַרחלומטער גוי מיט אַ פּאַטליע האָר ביזן האַלדז, האָט לאַנגזאַם געצויגן דעם בויגן איבער די סטרונעס פון דער טשעלאַ, וואָס ער האָט פאַרקלאַמערט צווישן די קניען, און דער נאָגנדיקער געברום האָט זיך שווער געלייגט אויפן געמיט. אייזיק האָט געזוכט אַ וועג אַנטרונען צו ווערן פון דער מרה־שחורה. און וואָס מער ער האָט זיך געמיט צו טראַכטן וועגן הייטערע זאַכן, אַלץ מער האָט אים די מוזיק געטריבן צו די זכרונות פון זיינע ביטערסטע טעג. אָט איז ער געלעגן אויפן פעלד הינטער סטאַלינגראַד און זיך אויפגעכאַפּט אין אַ ווייטן שפּיטאָל אָן אַ האַנט. דערנאָך דער עלנט. דערנאָך דאָס שטעטל, דאָס חרובע, אָן קיינעם. מען וועט שוין מוזן אַזוי זיצן ביזן סוף... אייזיק האָט זיך בעסער איינגעמאַשטשעט אויפן שטול און אַ

רעזיגנירטער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אָרקעסטער, וואָס האָט געהאָלפן אויף אַלע כּלים דעם סאָליסט פאַרטרייבן אַ מינדסטן לייכטערן טאָן פון זאַל.

וואָס ווייטער האָט אייזיק אַלץ מער משלים געווען מיט דער מוזיק. דער צוריקקער צו דער רגע ווען ער איז אַרויס פון שטוב, מיט דעם טאַטנס לעצטן בליק אויף זיין רוקן, האָט זיך געצויגן דורך די טשעלאָ־טענער. אַפילו דאָס געוויין פון דער מאַמען האָבן זיי דערמאָנט.

די פידלען האָבן זיך געשטאַרקט איבער די טשעלאָס. דאָס האָבן זיי געוואָלט ברענגען דעם אָפּקלאַנג פון אַ ווינט, וואָס איז געלאָפן מיט אַ געוואָי איבער פרייע פעלדער. און דער גוי, דער טשעליסט האָט אַלץ געטאָן צו באַפּאַרבן אָט די מוזיקאַלישע, ווילדע לאַנדשאַפט מיט עטלעכע מילדע טענער. ער האָט ניט געגעבן דעם אינסטרומענט קיין מנוחה. דער קינסטלער האָט זיך געבעטן ביי אים מיט דער הילף פונעם סמיטשיק — שטאַרק זיך, לאָז זיך ניט פאַרטויבן פון דעם פידל־געהויל. ענדלעך איז דעם טשעליסט געלונגען צו באַרויקן דעם געיאָמער פון די אַרומיקע כּלים און אַרויסוויברירן פון אונטער זיינע סטרונעס אַ שטיל געזאַנג, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך דעם ריח פון אַ שפּעטן האַרבסט. דאָס האָט, אָבער, געדויערט בלויז איין קורצע קאַדענצע. פּלוצעם האָט די טשעלאָ, אונטערן דרוק פון פאַנאַנדערגעשוווּנגענעם בויגן, צעשטורעמט ביז צום פּלאַצן פון די סטרונעס. ניט דאָס וואָיען פון אַ ווינט האָט מען איצט געהערט, נאָר אַ שטורעם, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך צעשטויבטע ציגל. דריי צענדליק פידלען זענען נאָכגעלאָפן דער טשעלאָ און דאָס געהויל האָט אָנגעשלאָגן ביז צו די לעצטע רייען אין זאַל. דער גאַנצער עולם איז געזעסן פאַרשטייפט מיט האַלב־אָראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט דער קלאַנגען־געלאַף זאָל זיי ניט מזיקן.

...און אָט, אין דער סאַמע געדיכטער מוזיק־סטיכיע, האָט דער זעלנער זיך געגעבן אַ הויב אויף פון זיין אָרט, אומגעלומפּערט אַדורכגעטראַמפּלט די ריי צוהערער, און זיך האַסטיק געלאָזט צום

אַרויסגאַנג. ביז ער האָט געטראָפן די ריכטיקע טיר, איז ער געגאַנגען הין און הער, געטאַפּט די ווענט, זיך אָנגעשלאָגן אָן פּאַרענטשן; צוהערער האָבן אים נאָכגעקוקט פאַרבליפטע. ווען ניט אייזיק, וואָס האָט אין דער ריכטיקער מינוט געעפנט אַ שפּאַרע, דער זעלנער זאָל דורך דאָרט אַנטרונען ווערן אַזוי ווי אַ פליג פון אַ הייסן אַבאַזשור, וואָלט געקומען צו אַ גרויס צעטומלעניש.

אייזיק איז געווען זייער אויפגערעגט. אין זיינע יאָרן אַרבעט ווי אַ סדרן האָט ער ניט געדענקט אַזאַ פאַל, עמיץ זאָל ווען מיט אַזאַ אימפּעט אַרויס פון זאַל בעתן שפּילן. אויך האָט אים פאַרדראָסן וואָס דער זעלנער האָט אים צעשטערט די רעיונות. דווקא אין סאַמע ברוויז פון קאָנצערט איז אייזיק געווען אויפן שלאַכטפעלד מיט ביידע הענט פאַרקלעמט אין מאַשין־ביקס. אַזויפל יונגשאַפט האָט פאַרמאָגט יענע דערינערונג... אַזויפיל געזונטער, פראַסטיקער אָטעם...

אייזיק האָט אויף דער הפסקה פאַרגעוואָרפן דעם שפּיטאָל־מדריך:

— מען דאַרף פריער פרעגן צי יענער האָט ליב מוזיק, ניט סתּם מיטנעמען...

און דער מדריך, אַ יונג בחורל מיט פוכיקע וואָנסעלעך און אַ סאָליד קול, פּרוּווט דערקלערן דעם סדרן:

— ס׳איז ניט אַזוי פּשוט. יענער האָט דווקא יאָ ליב מוזיק.

— טאָ וואָס איז ער געלאָפן ווי משוגע?

דער מדריך האָט זיך געקווענקלט — יאָ ריידן ווייטער, אָדער אויפגעבן; אָבער אַז ער האָט באַמערקט דאָס שטאָלענע צווענגל, וואָס האָט פאַרביטן דעם סדרן די פינגער אויף דער לינקער האַנט, האָט ער געפרעגט אייזיקן:

— איר זענט געווען אויפן פראָנט?

— געווען... אין צווייטן וועלט־קריג.

— ניט וויכטיק ווו... אַ פראָנט איז אַ פראָנט. איר וועט עס זיכער פאַרשטיין. דער זעלנער איז געלעגן דריי טעג און דריי נעכט אַליין אין מדבר. פאַרבלאָנדזשעט פון זיין צעשאָסענער איינהייט.

ווען מען האָט אים געפונען האָט ער זיך געהאַלטן פאַר די אויערן...
ס'איז רעכט, אַז די היינטיקע מוזיק האָט אים עפעס דערמאָנט...

אייזיק האָט אַרויסגעשטעלט די ברוסט, געוואָלט כאַטש אויף איין רגע ווערן ברייטער, העכער:

— און מיר זענען וואָכן געלעגן אין שניי. געפרעסן רויע פלייש פון געפאַלענע פערד... איי, זענט איר צעפּיעשטשעט... חיילים... דריי טעג אין מדבר... לויפט פון זאַל... וואָס אַזוינס האָט ער דאָרט געהערט, אין מדבר, אַז די מוזיק האָט אים צעטומלט?...

ער האָט ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק צום געזעמל סדרנים זיי דערציילן דאָס געשעענע.

פון דעסטוועגן איז ער נאָכן קאָנצערט צוגעגאַנגען צום ערשטן פידלער, דעם נייעם עולה, מיט וועמען ער האָט זיך געחברט דורך אַפּפּרישן דעם רוסישן לשון, און אַ פרעג געטאָן:

— גריגאָרי, וואָס האָט מען היינט געשפּילט אין ערשטן טייל? ווי הייסט עס?

— דאָס איז בלאָך. דער קאָנצערט רופט זיך „דאָס קול אין דער ווילדערניש".

— מאָדנע מוזיק, אַזוי ווי ווינטן... אַ שטורעם...

אייזיק האָט זיך געפּאַרעט ביים שליסן די טירן. אין בנין האָט מען פאַרלאָשן די ליכטער. ער איז געגאַנגען אַהיים און געטראַכט וועגן זעלנער, דעם געזונטן, מיט הענט און פיס. אפשר טאַקע. אפשר האָט ער דורך דער מוזיק ווידער דערזען דעם מדבר? אָט האָט ער אַליין דערזען דורך איר אַ שטיק היים... אָבער וואָס קאָן מען זען אין אַ מדבר אויסער זאַמד? צעפּיעשטשעט זענען זיי, מאַמעשע זינדלעך... פאַרווינטע זייג־קינדער. ווען זיי זאָלן האָבן געזען דאָס וואָס מיר...

האַרט פאַרן אַריינקומען אין שטוב האָט אייזיק פאַרלאָרן זיין זיכערקייט:

— אפשר, אפשר איז עס טאַקע ניט אַזוי פּשוט? איך בין דאָך אין מדבר ניט געווען... ס'קאָן זיין, אַז שניי איז היימישער...

קאָן זיין.

א שליחות אין יפו

א שליחות אין יפו

די מלחמה איז געבליבן ערגעץ שטיין. אַ וואָך נאָך יום־כּיפּור האָט זי זיך געהאַט פאַרקליבן צווישן די גולן־בערג, אין די זאַמדן פון סיני, און צעטומלטע גענערעלער האָבן געזוכט דעם פראָנט. ביז מען האָט זיך אין די שטאָבן געאייניקט ווען ארויספירן דעם קריג אויף אַ וועג, זענען זעלנער געפאַלן אויף די ניט צוגעגרייטע פאָזיציעס. איך בין געפאָרן מיט פּראָדוקטן אין די שפּיטעלער. דאָרט זענען געלעגן אנגעהויפט סאָלדאַטן, וואָס זענען אקעגנגעלאָפן דעם שונא מיט קאַרגן געווער. די פאַרביטערונג האָט זיך גרוי געלייגט אויף זייערע פּנימער. דער יום־כּיפּור־קריג האָט אַ גרויסן טייל פון זיי געטראָפן אין די בתּי־מדרשים, ניט אין די טראַנשייען. איצט זענען זיי געלעגן באַנדאַזשירטע אויף די ווייסע בעטלעך און ניט געוווּסט ווען פריער פאַרצוואַרפן די שולד פאַר זייערע ווונדן, וואָס זיי האָבן באַקומען צוליב דעם פאַרזען די מלחמה.

— איך נעם אייך אַראָפּ פונעם טענדער. מען פירט אייך איבער אויף אַן אַנדער אויפגאַבע...

גראָד האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו מיין אַרבעט, צום סדר־היום. מען האָט מיר שוין געקאָנט אין דער בעקעריי, אין דער פאַבריק פון די לאָקשן. כ׳בין געוואָרן אַן אייגענער צווישן די שאָפערן, אַפילו אָנגעהויבן ריידן מיטן לשון פון שרויפן און קאַרבוראַטאָרס. כ׳האָב געפּרוּווט זיך אָפּבעטן:

— לאָזט מיר שוין דאָ ענדיקן מיין דינסט... דאָ ווייס איך שוין ווי, וואָס...

און מיין מפקד קוקט אויף זיינע שיך־שפּיצן און בורטשעט:

— ס׳איז ניט פון מיר... דאָס רופט אייך דער שטאָט־קאָמענדאַנט, דער קצין העיר.

דאָרט האָט מען מיר געבעטן גיין אָנזאָגן די משפּחות וועגן זייערע געפאַלענע קינדער.

— איר וועט שוין וויסן ווי צו ריידן... מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך...

כ׳האָב געוואָלט ענטפערן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל זיך אויף מיר ניט פאַרלאָזן. ער זאָל זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן. קיינער וויים ניט ווי צו ריידן. דאָ דאַרף מען גאָר וויסן ווי צו שווייגן. אָבער איך האָב דאָס ניט געזאָגט. כ׳האָב ניט געוואָלט ער זאָל מיינען, אז איך וויל זיך אַרויסדרייען, אַז איך וויל דעם קריג פאַרבייגיין פּאַזע. האָב איך גענומען ביי אים די מעלדונג, גוט איינגעחזרט דעם נאָמען, יהודה קאַשי, און זיך געלאָזט מיט אַ דאָקטאָר, טאָמער פּאַלט אַוועק עמיץ פון די שטוביקע, אָנזאָגן די בשׂורה, וואָס בינדט זיך ניט מיט קיין טרייסט, ווי אַ זעג בינדט זיך ניט מיט דעם בוים.

אויפן וועג קיין יפו האָט דער שאָפער פונעם טעקסי דערציילט דעם דאָקטאָר וועגן זיין ווייבס מיחושים און געבעטן ביי אים איין עצה אויף פיר מחלות. דער דאָקטאָר האָט אים מיט אַ מיד קול דערקלערט ,אַז ביז מען זעט ניט דעם קראַנקן, קאָן מען גאָרנישט וויסן ; אָבער יענער האָט אים געוואָלט איבערצייגן מיט אַ מעשׂה וועגן אַ זנאַכער, וואָס האָט געהיילט פון וייטן אַ גאַנצן תימנער דאָרף, און אָט, זיין טאַטע...

מיר זענען אָנגעקומען קיין יפו. דער שאָפער האָט גוט געקאָנט די געגנט. ער האָט אונדז דורכגעפירט צווישן אַ פאַרלאָזענעם פּרדס און ניי־אויפגעבויטע הויכע בלאָקן, וואָס האָבן ניט געפּאַסט צום אַרום, אַזוי ווי געבראַכט פאַרטיקע און אַוועקגעשטעלט זיי אָן פונדאַמענטן. די פּאָר ליימענע הייזלעך ביים זייט האָבן אויסגעזען פעסטער ווי די פּירקאַנטיקע, גאָרנדיקע געביידעס. אַן איינזאַמע פּאַלמע איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. ס׳האָבן בלויז געפעלט עטלעכע קעמלען, וואָלט דאָס אַלץ, אונטערן פּאַרוואָלקנטן הימל, באַקומען איר געהעריקע שלמות. אַזוי האָט עס אויסגעזען ווי די נייע הייזער זאָלן האָבן באַגנבעט די לאַנדשאַפט.

און איך האָב געזוכט דעם נאָמען — יהודה קאַשי.

כ׳האָב געזוכט אויפן בשותפותדיקן פּאָסט־קאַסטן ווּהין מיר דאַרפן גיין. ביז מיר זענען דערפאָרן מיט דער ווינדע צום זעקסטן גאָרן, האָט דער דאָקטאָר באַוויזן מיר צו איבערצייגן, אַז איך דאַרף אים גאָרנישט האָבן דערביי. ער וועט שטיין אין קאָרידאָר, טאָמער דאַרף מען, איז ער גלייך דאָ. ס׳איז שוין היינט זיין צווייטער וויזיט אַזאַ, און...

כ׳האָב אָנגעקלונגען און אַריין אַליין.

די טיר האָט מיר געעפנט אַ שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי, מיט אַ פרעגנדיקן בליק, וואָס איז באַשטימט פאַר הויז־גייער. איצט איז געווען מיין ריי זי בעסער אָנצוקוקן. נאָך דעם, האָב איך געוווּסט, וועל איך שוין ניט קאָנען אויפהייבן אויף איר די אויגן. דער הויכער בוזעם, ווי אויפגעגאָסענער געבעקס, די היפטן די ברייטע, און דער עיקר, דאָס אינסטינקטיווע אויסמעסטן דעם געהעריקן מהלך ביים שטיין קעגנאיבער אַ פרעמדן מאַן — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעפורעמט אין איין קרוג, וואָס מען רופט מאַמע. ווי אַ באַשטעטיקונג איז אַרויסגעלאָפן פון צווייטן צימער אַ באָרוועס מיידעלע, זיך צוגעטוליעט צו דער פרוי און אַ פרעג געטאָן:

— אמא, מי זה?...

— לא יודעת... תיכף נשאל.

איך בין איר פארלאָפן דעם וועג מיט מיין פראַגע:

— גברת קאַשי?

— כן.

— מ׳קאָן זיך זעצן?

— בבקשה...

— תודה... איך... איך בין פון קצין העיר...

— רגע... טובה, תלכי לשחק... כן?...

דאָס מיידעלע איז אַוועקגעלאָפן צוריק אין אַנדערן צימער. מיר זענען געזעסן פוןביידע זייטן טיש. אַנשטאָט צו זוכן אין געדעכעניש אַ פאַסיק וואָרט צו פאַרווירקלעכן מיין שליחות האָב ,איך גאָר באַוווּנדערט איר יונג, מעלאָדיש קול.

— כן ?...

— גברת קאַשי... מיר... איך וויל אייך איבערגעבן וועגן יהודהן...

איר רונדיקער פּנים האָט אויפגעבליט. די אויגן האָבן זיך צעבלינצלט.

— יהודה ?! איר האָט אַ גרוס פון אים ?...

— אַ גרוס...

— כ׳האָב צוגעגרייט אַ סוועטער, וואָלענע זאָקן... זינט יום־כּיפּור האָבן מיר בלויז איין מאָל געהערט פון אים דורך אַ חבר. יענער האָט דערציילט, אַז ס׳איז דאָרט קאַלט, זייער קאַלט...

— ווו איז אייער מאַן ?

— אויף דער אַרבעט.

— אפשר קאָן מען ריידן מיט אים ?

— בטח...

זי האָט אָנגעדרייט אַ נומער. ביזן באַקומען אַ תּשובה האָט זי מיר ווירדיק אינפאָרמירט :

— דאָס איז אין מכס, אין צאָל־אַמט... ער איז אין דער מחלקה פון...

....און דאָ האָט זי באַקומען די פאַרבינדונג.

— אַסתר ? שלום, אסתר, מען קען ריידן מיט שמואלן ? אַ דאַנק, בסדר, ס׳איז אַ גרוס פון יהודהן... יאָ, יאָ... שמואל ? שמואל, מען איז געקומען פון קצין העיר, אַ גרוס פון יהודהן.. מען וויל ריידן מיט דיר...

זי האָט מיר איבערגעגעבן דאָס טרייבל :

— אדון קאַשי ? שלום... איך... אפשר קאָנט איר קומען אַ היים ?

כ׳האָב ניט באַקומען קיין ענטפער. אַ שטילשווייגן האָט זיך געריסן פון טרייבל. דערנאָך איז געקומען די תּשובה :

— איך פאַרשטיי...

...און אזוי ווי איך האָב גלייך ניט געפונען דעם איינשניט אין

אַפּאַראַט דאָרט אָפּצולייגן דאָס טרייבל, איז צוגעלאָפן צו מיר די פרוי, מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און אַ צעטומלטע געפרעגט:

— וואָס איז געשען? פאַרוואָס דאַרף ער קומען אַ היים?

כ׳האָב אַרויסגעשעפּטשעט אויף יִדיש:

— יהודה איז נישטאָ...

—מה?...

הלוואַי וואָלט די רגע פון אמת פאַרקריצט געוואָרן אין מיין לשון כ׳האָב עס, אָבער, געדאַרפט איבערזעצן:

— יהודה איננו...

זי האָט מיך אָנגעקוקט. אַ שמייכל, ווי בעתן אויסהערן אַ קינדערשע נאַרישקייט, האָט זיך צעשטויבט אויף אירע ליפּן:

— וואָס רעדט איר? יהודה? מיין יהודה?...

— גברת קאַשי... אייער מאַן וועט באַלד קומען. ביידע... מיר וועלן אייך דערנאָך זאָגן פּרטים...

— אָבער דאָס קאָן ניט זיין! זה לא יתכן! יהודה... איך גלייב ניט, אין דבר כזה...

— ער איז געפאַלן נעבן זיין טאַנק...

זי איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער מיט פאַרבראָכענע הענט:

— ווי אַזוי? איך זה? איך גלייב ניט, ניין... ניין...

דאָס מיידעלע איז ווידער אַרויס פון אַנדערן צימער און צוגעלאָפן צו דער מאַמען.

— אמא, מה קרה?

איך האָב זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנג־טיר. די גברת קאַשי האָט מיך שטיל באַגלייט.

אויפן קאָרידאָר האָט דער דאָקטאָר מיר אַ שעפּטשע געטאָן:

— רויִק?...

מיר האָבן געוואַרט אויף דער ווינדע. פרוי קאַשי האָט געקוקט אויף אונדז פון דער אָפענער טיר. פלוצעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שוועל, צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום ביישטידל, פאַרגראָבן

ביידע הענט אין אירע געדיכטע קרויזן פון קוואַרץ־קאָליר און זיך צעיאָמערט:

— יהודה, מיין קינד... תינוק שלי...

איר געוויין האָט אונדז באַגלייט עטלעכע גאָרן. איך האָב געטראַכט, אפשר האָב איך איר שלעכט אָנגעזאָגט, אפשר האָב איך איר ווייניק געטרייסט. אַמבעסטן וואָלט געווען איר גלעטן דעם קאָפּ און אויסקרעכצן דערביי אויף ייִדיש:

— אונדזער ביטערער גורל...

ביז היינט געדענק איך דעם אַדרעס און דעם נאָמען — יהודה קאַשי.

זילבערוואַרג פון פוילן

זילבערוואַרג פון פוילן

— ווער עס איז ניט צוגעבונדן צו דער לאַנדשאַפט פון זיין געבוירן־אָרט, איז אויך ניט צוגעבונדן צו דער לאַנדשאַפט פון זיין וווין־אָרט...

— איך בענק ניט נאָך די סאָסנעס, נאָך דעם שניי, נאָך דעם ווייסל־טייך.

— וועט איר אויך ניט בענקען נאָך די פּאַלמעס, נאָך דעם כנרת...

— צו זיי וועל איך שוין יאָ בענקען...

— צו שנעל האָט איר זיך פאַרליבט...

האַלינאַ סאָסנאָווסקאַ האָט געהאַט איינגעאָרדנט איר יערלעכע אויפנאַמע. די געסט זענען אומגעגאַנגען פון צימער צו צימער און געזוכט אַ פרייען בענקל. די תל־אביבער וווינונג איז טאַקע געווען אויסגעשטאַט מיט דעם גאַנצן אָנגענומענעם לוקסוס — פּלושענע פאָטעלן פון סקאַנדינאַוויע, אַ קאַנאַפּע מיט דאָפּלטע קישנס, נידעריקע טישלעך צעשטעלט ביי די ווענט, אָבער פאַר אַזוי פיל געסט האָט עס ניט געקלעקט.

האַלינאַ איז זיך נוהג איינצולאַדן אַלע באַקאַנטע מיט איין מאָל, און אַראָפּ פון קאָפּ. אַזאַ אויפנאַמע איז געווען אַ מוז, אויב האָט מען געוואָלט אויך איינגעלאַדן ווערן אין אַזעלכע ענלעכע הייזער — סאָלידע, גוט איינגעאָרדנטע. אָט די קעגנזייטיקע איינלאַדונגען האָבן דערנאָך געגעבן מאַטעריאַל אויף שעהדיקע שמועסן אין קאַפע, וויכּוחים וועגן דעם כּיבוד, און אַ גוט געפיל אַז ערגעץ ווו שטייט מען אַ ביסעלע העכער פון דעם אָרום.

האָבן זיך אומגעדרייט מיט די טעלער אין די הענט עטלעכע דאָקטוירים, אַ פּאָר אַדוואָקאַטן, אַ פאַבריק־דירעקטאָר און אַ סך געוועזענע מיליטער־לייט, עקאָנאָמיסטן, סתּם געוועזענע הויכע

באַאַמטע — אַלץ געקומענע פון פוילן נאָך דעם איבערדריי אין יאָר 1968, ווען מען האָט גענומען באַזייטיקן ייִדן פון זייער גדולה. אויך אַ דיכטער האָט זיך דאָרט אומגעדרייט. ער האָט זיך אָן שוועריקייטן אַריבערגעוואָרפן אויף דער שיינקייט פון ציונס בערג. דער דיכטער האָט עס דערפירט צו דעם איבעררייד וועגן צוגע־בונדנקייט.

האַלינאַ האָט געטיילט דאָס עסן — עכטן פוילישן ביגאָס. די געסט האָבן זיך געסמאַקעוועט מיט יעדן ביסן פלייש, געלויבט האַלינקאָס קאָכן.

בלויז צוויי זאַכן האָבן איר געפּטרט די שטימונג — דער דיכטער און דער חמסין. יענער האָט צווישן איין ביס און דעם אַנדערן פעסטגעשטעלט, אַז דער חמסין איז דער טרייסטער אויסדרוק פון ארץ־ישׂראל — הייס און פאַרכאַפּנדיק. דער חמסין האָט טאַקע אַלעמען פאַרכאַפּט, אַרויפגעצויגן אויף יעדן אַ צווייטע, פייכטע הויט, ווי אין אַ פאַרע־באָד. אַט דעם בייזן, הייסן מדבר־גרוס צו דער פאַרבויטער שטאָט האָט האַלינאַ אָפּגעפילט ווי אַ פערזענלעכע מפּלה. איינגעלאַדן די געסט האָט זי אַ חודש פריער, איז פונקט דעם פרייטיק־צונאַכט געקומען אַ חמסין. איז נאָך וויניק, האָט דאָקטאָר הר־אבן, פריער שטיינבערג, דער איינציקער וואָס האָט געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען, און דערפאַר זיך געהאַלטן פאַר מער מומחה אין הלכות ארץ־ישׂראל, געהייסן פאַרלעשן דעם לופט־קילער און עפענען אַלע פענצטער, ס'זאָל אַריין מער לופט.

די געסט האָבן זיך צעשפּאַלטן אין קליינע גרופּעס. דער דיכטער האָט געשפּאַנט פון איין געזעמל צום דעם אַנדערן, יעדעס מאָל מיט אַ פרישן טעלער עסן אין האַנט. האַלינאַ האָט זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט אַ דיכטער — מער פאַרחלומט; אָבער דער האָט געגעסן אויף ביידע באַקן און מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי ער וואָלט ניט געשלונגען פלייש און גרינסן, נאָר די גאַנצע נייע וואָר. אומעטום האָט ער געהאַט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט. די רייד זענען, פאַר־שטענדלעך, אָנגעגאַנגען אינעם לשון פון דער געוועזענער היים, פויליש. זעלטן האָט מען געהערט אַ וואָרט אין עברית.

— וואָס איר האָט געזאָגט וועגן חמסין — האָט זיך אָפּגערופן דער דאָצענט מיכאַלסקי — אַז דער חמסין איז דער טרייסטער אויסדרוק פון ארץ־ישׂראל — הייס און פאַרכאַפּנדיק... מיינעם אַ קאָלעגע האָט מען דאָ פאַרגעלייגט אַ קאַטעדרע, האָט ער ניט אָנגענומען און אַוועקגעפאָרן קיין שוועדן.

דער דיכטער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער.

— ער האָט מיר געזאָגט — גוסטאַוו, מדינת ישׂראל איז ווי אַ הייסע, פּייעריקע מויד. זי דאַרף האָבן אַ יונג מיט ביינער, אָדער אַן עלטערן ייִדן מיט געלט. איך בין ניטביידע זאַכן, פאַר איך אַוועק...

דורך דעם אַלגעמיינעם געלעכטער האָט זיך דורכגעריסן דעם דיכטערס צעשפּאַלטענער קול:

— ער האָט ניט באַגריפן די וויכטיקייט פון אייגנס... ער...

די פרוי מאַריאַ זעלצער, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט געוואָלט פרעגן דעם דיכטער פאַרוואָס האָט ער באַגריפן די וויכטיקייט פון אייגנס ערשט נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויסגעהויבן פון זיין וואַרעמען שטול אין מלוכהשן פאַרלאַג, אין פּוילן; אָבער זי האָט זיך באַטראַכט, אַז בעסער ניט. גענוג, אַז זי האָט אים געזאָגט וועגן זיין צו שנעלער פאַרליבטקייט אין ארץ־ישׂראל. זי מיט איר מאַן זענען אַוועק פון פּוילן גלייך נאָכן קיעלצער פּאָגראָם, אין 1946. דאָקטאָר זעלצער האָט זיך אויסבאַהאַלטן בעתן קריג ביי זיי אין מאַיאָנטעק. איר פאָטער, דער פּריץ ראָמער, האָט איר געהייסן טראָגן יעדע נאַכט עסן צו דעם שטעלכל הינטערן שייער. צוזאַמען מיט עסן האָט זי דאָרט אויך געבראַכט איר יונג־מיידלשע צערטלעכקייט.

דעם פּריץ האָבן די דייטשן דערהרגעט פאַר העלפן פּאַר־טיזאַנער. דאָקטאָר זעלצער האָט חתונה געהאַט מיט מאַריען. ער האָט געעפנט אַ קאַבינעט אין לאָדזש. ס'איז אים געגאַנגען זייער גוט. נאָך דעם פּאָגראָם האָט ער איר געזאָגט — מאַריסיאַ, נישטאָ מער קיין אָרט פאַר מיר אין פּוילן, אַפילו ניט אינעם קעמערל הינטערן שייער. זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישׂראל אָן געלט,

אָן אַ שפּראַך, אָן פריינד. מאַריאַ האָט געקאָכט אַ ביסל זופּ אויף צוויי ציגל נעבן אַ בלעכענעם צריף, אין אַן עולים־לאַגער. זי האָט קיין קרומען וואָרט ניט געזאָגט; אָבער דאָקטאָר בלייבט דאָקטאָר. זיי האָבן קיין צייט ניט געליטן. דאָקטאָר זעלצער האָט ווידער פאַרנומען זיין פּלאַץ.

איז זי געזעסן, מאַריאַ, און באַטראַכט די געסט. זיי דיסקוטירן וועגן יאָ בענקען און ניט בענקען. ווער עס וויל זיין אָרנטלעך מיט זיך אַליין פאַרטרייבט ניט דעם היימלאַנדישן פּייזאַזש פון די אויגן. מען דאַרף בלויז זאָגן — דאָ איז שיין, אָבער אַנדערש. בענקען? זיכער בענקט מען. קאָן מען ניט בענקען נאָך דעם שטיקל ערד, וועמענס קילקייט מען האָט אָפּגעפּילט מיט קינדערשע, באָרוועסע פיס? אָט דער דיכטער וועט שוין אין זיין לעבן ניט אָנשרייבן קיין עכטע שורה... און די איבעריקע... זיי האָבן ניט דעם מינדסטן חשק זיך מודה צו זיין, אַז ס׳איז מער ניט געווען פאַר זיי קיין פּלאַץ אין פּוילן. זיי זענען דאָרט געזעסן ביז דער לעצטער רגע...

— אייער קאָלעגע האָט דאָך געקאָנט פאָרן קיין אַמעריקע — פאַרוואָס עפּעס קיין שוועדן?

— ווייל שוועדן איז נאָענטער צו פּוילן. יענער האָפט נאָך — ס׳וועלן קומען די ריכטיקע לעניניסטן צו דער מאַכט, וועט מען אים רופן צוריק...

די ערשטע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מאַריאַ, און נאָך איר די איבעריקע. נאָר איר געלעכטער האָט אַריבערגעשטיגן. זי האָט זיך פּשוט געטרייסלט אויפן פאָטעל. אַזוי פלעגט מאַריאַ לאַכן בעתן דערציילן די קינדער שוין דאָס ווייפלטע מאָל, וואָס עס האָט איר געזאָגט דער שמש פון ראַבינאָט ווען מען האָט ענדלעך מסכים געווען זי מגייר צו זיין — פּאַני זעלצער, ס׳איז אייך גוט ווי די וועלט. איר האָט אַזאַ טייערן מאַן מיט שיינע קינדער, גייט איר דווקא זוכן ייִדישע צרות?...

מאַריאַ האָט געלאַכט און האַלינאַ האָט זיך געשפּיגלט אין איר פון דער ווייטנס. איר גאַנצע יוגנט האָט זיך געהוידעט אויף

די כוואַליעס פון דער חברטעס געלעכטער. אין גימנאַזיע איז מאַריעס געלעכטער געווען אַ שם דבר. זי פלעגט אַנשטעקן דעם גאַנצן קלאַס. זי האָט אויך געקאַנט זיין ערנסט, פאַרביסן ערנסט. דער עיקר, ווען זי האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן האַלינאַן, די איינציקע ייִדישע שילערין אין גימנאַזיע, וואָס האָט דאָרט געלערנט אַ דאַנק דער שתדלנות פון פריץ ראַמער. האַלינאַס טאַטע פלעגט קויפן ביי אים וואַלד.

האַלינאַ איז צוגעלאָפן צו מאַריאַן און זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט. אין זייערע צעשטראַלטע אויגן, די פאַררויטלטע באַקן, אין די געשמינקטע, פולע ליפּן, וועמענס ווינקלען זענען נאָך ניט געווען געזונקען טראָץ דער לאַנג־פאַרוועלקטער יוגנט — אין די אַ וויכטיקע פּרטים פון אַ פּרויען־פּנים, האָט מען געקאָנט געפינען שפּורן פון די אַמאָליקע צוויי שענסטע מיידלעך אין גאַנצן קלאַס.

האַלינאַ האָט פאַרגעסן וועגן דיכטער, וועגן חמסין, און ווידער האָט זי זיך געפרייט מיט דער אויפנאַמע, וואָס וועט זיכער האָבן אַ גוט וואָרט ביי אַלע באַריידערינס.

די געסט פאַרווילן זיך. מען לאַכט. אָט האָט זי געהערט מיט איין אויער ווי דער דאָצענט מיכאַלסקי דערציילט וועגן אַן אַנדער קאָלעגע, וועלכער האָט פאַרלאָזט ישראל ווייל ס׳איז אים געווען אַזוי הייס, אַז ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן מיט דער ווייב... נאָך אים האָבן זיך אַ שאָט געגעבן וויצן און גלייכווערטלעך, ביז די סטודענטקע, אַ דאַרע, ערנסטע באַשעפעניש, האַלינעס גערדונגענע הילף פאַר דעם אָוונט, האָט אַנגעהויבן פאַנאַנדערטראָגן קאַווע מיט קוכן.

מאַריע האָט אַנגעוויזן מיט אַ האַנט אויפן צעשטעלטן זילבערוואַרג:

— און דו שפּילסט זיך נאָך אַלץ מיט דעם זילבער...

— וואָס שאַדט עס? כ׳האָב ליב די זאַכן. ס׳דערמאָנט מיר די היים...

האַלינאַ האָט זיך פאַרענטפערט פאַר דער חברטע צוליב איר שוואַכקייט צו דעם זילבער, וואָס ס׳איז איר געלונגען אַרויסצופירן

פון פּוילן. איר מאַן, דער געוועזענער עקאָנאָמישער ראַטגעבער ביי דער רעגירונג, האָט געהאַט פאַרבינדונגען.

— האַלינאַ, בענקסט אַמאָל נאָך פּוילן?

— איך ווייס ניט צו דאָס איז בענקעניש. איך ווייס בלויז, אַז מיר האָבן זיך דערצויגן אויף פּויליש, געלעבט מיט דעם פּוילישן וואָרט, געאָטעמט מיט דער לאַנדשאַפט... און דו?

— איך? איך בענק. אָבער בין איך שוין דאָ... ווייסט דאָך, כ'האָב זיך אויסגעלערנט עברית. איך וויל די קינדער זאָלן האָבן זייער לאַנד צוזאַמען מיט זייער מאַמען. כ'האָב זיך דאָך אַפילו מגייר געווען, זיי זאָלן ניט האָבן קיין צרות ווען זיי וועלן דאַרפן גיין אין דער אַרמיי. מען זאָל ניט זאָגן, אַז זיי זענען גוים...

ביידע חברטעס האָבן זיך ווידער צעכיכיקעט. דאָס וואָרט, „גוים” האָט קאָמיש געקלונגען אין מאַריעס מויל.

— דו... דו ביסט דאָך מער ייִדישקע ווי איך. דו בענטשט דאָך ליכט...

— ס'איז זייער אַ שיינער מנהג. אויסער דעם — ביסטו שוין דאָ, דאַרפסטו זיך איינשמעלצן...

*

דאָקטאָר זעלצער, מאַריעס מאַן, האָט געזשמורעט דורך די ברילן אויף אַ זילבערנער טאַץ. ער האָט עס גענומען פון בופעט נאָענטער צו די אויגן. אויפן פלאַך פונעם טאַץ איז געווען אויסגראַווירט דער פּוילישער נאַציאָנאַלער אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל. אין די שפּאַרעס האָט ער געהאַט איינגעקלעמט די קאָנ־סטיטוציע־מגילה.

דאָקטאָר זעלצער האָט געקאָנט האַלינאַס זילבערוואַרג, קאָן מען זאָגן, אויף אויסנווייניק. אָבער בעת די באַזוכן ביי די סאָסנאָווסקיס האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון נעמען ווידעראַמאָל יעדעס שטיק אין האַנט און פונדאַסניי עס באַוווּנדערן.

אָט איז אַ ראַדזיוויל־שאָל אויף פרוכט, געפּוצט מיט בינטלעך וויינטרויבן פון געגאָסענעם זילבער. בעכערס מיט אינקרוסטאַציעס

און פאַרגילדט אינעווייניק. אַ בעקן, דין אויסגעגראַווירט מיט פעלד־בלומען. צוויי פּרויען־סטאַטועטקעס אין פּוילישן טראַכט. די קליידער־קאָלירן פון געברענטן עמאַל. אַ טיי־קאַן, אויסגעשלאָגן פון אויגסבורגער שמיד אַנדרעאַס טהעלאָט, ווי עס האָט דערציילט די פאַרקריצטע אינסקריפּציע אויפן דעק פונעם געשיר.

דאָס אַלץ איז געווען אויסגעשטעלט אויפן בופעט, וועלכער האָט פאַרנומען אַ גאַנצע סאַלאָן־וואַנט. אין אַ ווינקל פון שכנותדיקן צימער איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישער טיש, ספּעציעל געקויפט אין יפו אויפן פליי־מאַרק. אויף אים זענען געווען אויסגעשטעלט זילבערנע קופלען מיט הערבן, אַ טאַץ מיט אַ ציזעלירטער געיעג־סצענע אין די ביעלאָוועזשער וועלדער. רייטער אין קורצע פעלצלעך מיט פירקאַנטיקע קאַנפעדעראַטקעס אויף די שטאָלצע קעפּ יאָגן זיך נאָך אַ סטיר, אַ ווילדן חזיר.

דאָקטאָר זעלצער האָט ליב געהאַט שיינע זאַכן. דערפאַר פלעגט ער אָנקוקן האַלינאַס זילבער־זאַמלונג יעדעס מאָל מיט באַגייסטער התפעלות; אָבער ער פלעגט אויך יעדעס מאָל באַדויערן, פאַרוואָס האָט האַלינאַ ניט געבראַכט פון פּוילן ייִדישן זילבער. בענטש־לייכטער, אַן אתרוג־פּושקע, אַ טייטל אָדער אַ קידוש־בעכער. ער האָט תמיד געבענקט נאָך דעם. אָט די בענקשאַפט האָט אים אַפילו אונטערגעזאָגט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך איינשאַפן אַ ביסל ייִדיש זילבער פון די ערשטע אָפּשפּאָרונגען. ערשט דאָ, אין ישראל, איז אים אַזוי נאָענט געוואָרן זיין חסידישע היים מיט אַלע אירע קליינע סימנים.

אפשר צוליב דעם חמסין, וואָס האָט צערייצט דעם געמיט, האָט דאָקטאָר זעלצער דאָס מאָל ניט געהאַט קיין גרויס פאַרגעניגן פון אָנקוקן דאָס זילבער. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז פאַקטיש איז ער קיינמאָל ניט געווען בשלמות מיט האַלינאַס זאַמלונג. ביים אויפשפּיליען נאָך אַ קנעפּל פון העמד האָט דאָקטאָר זעלצער חשק געהאַט צוגיין צו האַלינאַן און זי גאַליק אַ פרעג טאָן:

— וואָס האָסטו דאָ אָנגעשלעפּט אַ מין מוזיי, וווּ ס'איז ניט פאַראַן קיין סימן פון ייִדישקייט?...

ער האָט רעזיגנירט פון איבערקוקן, ווי געוויינלעך, די זאַלץ־מעסטלעך, די צוקערפּושקעס, די באַקאַלן, נאָך זילבערנע שאַלאַמויזן צעשטעלט אין אַ נישע נעבן פענסטער. דאָקטאָר זעלצער איז אַוועק צו די איבעריקע געסט כאַפּן אַ שמועס איידער מען גייט זיך פונאַנדער.

✶

האַלינאַ מיט איר מאַן זענען געזעסן קעגנאיבער דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר בן־לולו, און געוואַרט ביז יענער וועט ענדיקן זיין טעלעפאָן־געשפּרעך.

האַלינאַ האָט געהאַט רויטע אויגן פון געוויין און דער מאַן האָט זי שטום, מיט אַ ברוגזן פּנים, געשטראָפט פאַר איר המונישער אויפפירונג. דער אינספּעקטאָר בן־לולו האָט ענדלעך אָפּגעלייגט דאָס טרייבל און אָנגעקוקטביידע אינטערעסאַנטן.

סאָסנאָווסקי, ווי ניט אים מיינט עס דער הייסער זומער־טאָג, האָט געהאַט אויף זיך אַ טונקל־גראַנאַט בלייזער מיט מעשענע קנעפּ, גרויע גאַבאַרדין־הויזן און אַ קראַוואַט דערצו. די מעשענע קנעפּ האָבן זיך איבערגערופן מיט די זעלבע קנעפּ אין בן־לולוס בלוזע מיט די קורצע אַרבל. סאָסנאָווסקיס רעקל אין דעם אינ־ספּעקטאָרס צימער האָט אויסגעזען ווי אַ ווינטער־מונדיר.

האַלינאַ האָט פאַרן גיין אין דער פּאָליציי־סטאַציע אַ נעם געטאָן פון שאַנק דאָס ערשטע, בעסטע קליידל. זי האָט ניט געהאַט אַפילו דעם קאָפּ רעכט צוצושמירן די וויעס און אָנשמינקען די ליפּן. פונדעסטוועגן האָט בן־לולו באַמערקט, אַז ווי זי איז פאַרוויינט און פאַרצאָגט, די בלאָנדע, איז זי גאָרניט מיאוס. לויט דעם ווי סאָסנאָווסקי איז געזעסן זייער ווירדיק אויפן שטול, האָט בן־לולו פאַרשטאַנען, אַז יענער איז צוגעוווינט צו האָבן צו טאָן מיט מאַכט־פאַרשטייער און אַמטן. בן־לולו האָט ווידעראַמאָל אַריינגעקוקט אין פּראָטאָקאָל, געמורמלט עפּעס אונטער די געבאָליעטע וואָנסן, און זיך אָפּגערופן צו סאָסנאָווסקין:

— איך פאַרשטיי, אַז דאָס זילבער האָט געהאַט אַ גרויסן ווערט.

האלינא איז אויפגעמונטערט געוואָרן:

— ניט אָפּצושאַצן! בלויז דער טוץ בעכערס מיט שטעמפּלען פון היינריך פּאַלמאַן. די פיר טאַצן... מען האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פון זילבער־שמיד עליאַס לענקער. פּרוכט־קערבלעך. אַ סערוויז אויף צוועלף מאַן...

האַלינאַ האָט געהאַלטן אין אויסרעכענען וואָס מען האָט אַלץ געגנבעט און סאָסנאָווסקי האָט באַוואונדערט, ווי דער עברית פּליסט אַזוי אומגעשטערט פון דער ווייבס מויל. ער אַליין האָט געהאַט שוועריקייטן מיט אָט דעם באַזונדערן לשון.

— ...אַ וויין־קאַראַפקע מיט באַקכוסן. אַלץ פון סאָלידן זילבער. אַ וואַזע פון פירשט ראַדזיוווילס צייטן...

בן־לולו האָט זיך צעשמייכלט אויף אַלע ווייסע, לענגלעכע ציין, ווי פּיאַנע קלאַווישן:

— גברת סאָסנ... סאָסנאָווסקי — פון אַלץ, וואָס איר זאָגט מיר, האָב איך בלויז פאַרשטאַנען איין נאָמען — באַקכוס, דעם גריכישן גאָט פון וויין. מען האָט אים אויך גערופן דיאָניזאָס. דאָס געדענק איך נאָך פון מיינע שול־יאָרן: אָבער די איבעריקע פּרטים וועגן זילבער... דאַרף מען דאָך שוין זיין אַן אַנטיקוואַר. איך האָב מיט זילבער קיינמאָל ניט געהאַנדלט. מיין טאַטע אַוודאי ניט...

איצט האָט בן־לולו זיך צעלאַכט אויף אַן אמת. סאָסנאָווסקי האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט אַ קרומען שמייכל. האַלינאַ האָט זיך טרויעריק אָפּגערופן:

— ס'איז נישטאָ וואָס צו לאַכן...

— גברת סאָסנאָווסקי, גלויבט מיר, איך באַדויער אייער זילבער. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז ניט קיין פראַגע פון געלט. די פאַרזיכערונג וועט דעקן דעם פאַרלוסט. ניט אינגאַנצן, אָבער דאָך... איר זענט געווען זייער צוגעבונדן צו דעם אַלעם...

— אַלץ געבראַכט פון פּוילן.

— כ'פאַרשטיי...

דער אינספּעקטאָר האָט ווידער אַריינגעקוקט אין פּראָטאָקאָל.

— איך זע, אַז פאַר דער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט פעלט דאָ א וויכטיקער פּרט...

סאָסנאָווסקי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום אינספּעקטאָר.

— מיין שוטר האָט פאַרגעסן צו פרעגן און אַריינשרייבן וויפל קילאָ זילבער איז געווען.

האַלינאַ האָט זיך אויפגעריסן פון שטול:

— קילאָ? וואָס איז מיין זילבער — קאַרטאָפל?...

— גברת סאָסנאָווסקי, דאָס איז וויכטיק פאַר דער פאַרזיכערונג, ניט פאַר מיר. און בכלל, ווי האַלט מען עס אַזויפיל זילבער אין א פּריוואַטער שטוב? דאָס איז דאָך אָפענער רויב פאַר גנבים!...

— האָבן זיי עס טאַקע געטאָן.

— און זייער לייכט, אדון סאָסנאָווסקי, גאָר לייכט. מיט איין שטאַבע אייזן האָבן זיי צעבויגן די דינע קראַטן פון דער פאַרטקע נעבן דער אוביקאַציע און דורך דאָרט אַריין אין שטוב.

— אויפן צווייטן גאָרן?

— ערשט נעכטן האָבן מיר אַרעסטירט די „צוויי־פּיסיקע קאַץ". יענער פלעגט אַרויפקריכן ביזן זעקסטן גאָרן. און ער איז ניט איינער אין פאַך.

— אָבער ווי אַזוי האָבן זיי געוווּסט וואָס מיר האָבן אין שטוב?

— גברת, ס'זענען ניט פאַראַן פאַר זיי קיין סודות. וואָס זיי דאַרפן דערוויסן זיי זיך. איר זעט דאָך, אַז זיי האָבן אַפילו געוווּסט ווען איר וועט ניט זיין אין דער היים.

בן־לולו האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען. דער אינספּעקטאָר האָט ניט ליב געהאַט קיין שמועסן, וואָס ברענגען צו גאָרניט.

— מיר זענען געקומען צו אייך, אפשר וועט די פּאָליציי דאָך מאַכן באַזונדערע באַמיאונגען צו געפינען דאָס זילבער. מיר וועלן דעקן אַלע הוצאות, אַנאָנסירן אַ געלט־פּרייז...

— אדון סאָסנאָווסקי, מיר וועלן אַלץ טאָן, אָבער איך וויל

איר זאָלט זיך ניט שאַפן קיין אילוזיעס. ס׳איז ניט פאַראַן, קאָן מען זאָגן, קיין האָפנונג.

האַלינאַ האָט אַנגעשטעלט איר פאַרוויינטן בליק אויפן אינספּעקטאָר:

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?...

— ווייל איך קאָן מיינע גנבים... מען וועט דאָס גאַנצע זילבער צעשמעלצן...

— צעשמעלצן?!...

— יאָ, גברת, צעשמעלצן! וואָס מיינט איר — דאָס האָבן געגנבעט קונסטהענדלער? זיי אינטערעסירט אייער באַקבוס, אייער ראַדזיוויל... ווי הייסט ער דאָרט, דער זילבער־שמיד?!...

האַלינאַ האָט פאַרוואָרפן די שאַנדע. ס׳האָבן איר מער ניט געאַרט דעם מאַנס שטראָף־בליקן. זי האָט זיך צעוויינט אויפן קול. די אַקסלען האָבן זיך ביי איר געטרייסלט פון דעם געיאָמער. סאָסנאָווסקי האָט איר געגלעט איבערן קאָפּ, געשעפּטשעט — האַלינאַ, האַלינאַ...

דער אינספּעקטאָר בן־לולו האָט ניט שטאַרק פאַרשטאַנען וואָס איז אַזוי דאָס ביטערע געוויין. אין זיין עדה האָט מען אַזוי געוויינט נאָך אַ נפטר. די ווייבער זענען זיך אַפילו נוהג צו קנייפּן די באַקן, רייסן די האָר פון קאָפּ, וואָיענען ווי שאַקאַלן!... אַלץ נאָך אַ געשטאָרבענעם אָדער נאָך אַ געפאַלענעם זון אין דער שלאַכט, אָבער וויינען אַזוי נאָך זילבער?...

בן־לולו האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, אָנגעדרייט אַ קורצן נומער, און דאָרט טויבלער אַריינגערעדט:

— נעמי, ברענג אַריין קאַווע... יאָ, יאָ... פאַר אַלעמען...

*

די סאָסנאָווסקיס זענען געגאַנגען פון פאָליציי־קאָמיסאַריאַט לענג אויס דער ירקון־גאַס, ביים ברעג ים. ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג. ביידן האָט ניט געצויגן צו גיין אַהיים. אויסער דעם האָט סאָסנאָווסקי געמאָלדן אַ טאָג פריער, אַז ער וועט ניט קומען

אין ביורא. האָט ער אויסגעטאָן דעם בלייזער, גענומען אים אויפֿן אָרעם און זיך פֿאַרנומען אויף אַ שפּאַציר מיט האַלינאַן. אַ זעלטענע געשעעניש. געוויינלעך זענען זיי געזעסן בייטאָג מיט באַקאַנטע אין זייער סתּם־קאַפֿע נעבן דיזענגאָף־סקווער. האַלינאַ האָט געפּאָלגט בן־לולוס עצה אַרומצוואַשן דאָס פּנים. פֿאַר איינוועגס האָט זי שוין פֿאַרפּודערט דעם נאָז, פֿאַרריכט דעם צעשפּאָלטענעם שמינק אויף די ליפּן, און ווידער געוווּנען איר מַראה.

נאָכן אַרויסגיין פֿון טונקעלן פּאָליציי־בנין האָט זיי די שטאָט אויסגעזען נאָך העלער, נאָך ווייסער ווי זי איז. דער תּל־אבֿיבֿער זומער האָט זיי אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן. זיי זענען דערגאַנגען ביז די בענק, האַרט פֿאַרן סטראַנד, און זיך פֿאַרשוויגענע געזעצט אָפּרוען פֿון דער היץ. אַ רעש האָט זיך דערטראָגן פֿון דעם זאַמדיקן פּאַס נעבן ים. דאָרט האָט געווימלט מיט הונדערטער נאַקעטע גופֿים. פֿון דערווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי די גאָלדיקע ערד וואָלט אונטער זיי געכוואַליעט אַזוי ווי דער ים, און דערפֿאַר קאָנען זיי ניט איינשטיין אויף איין אָרט. אַפֿילו די, וועלכע זענען געלעגן אומבאַוועגלעך אויף דער ערד, כּדי איינצוזאַפּן אין זיך וואָס מער זון, האָבן ניט געקאָנט מינערן דעם איינדרוק. דער גאַנצער ים־ברעג איז געווען איין פֿאַרביקע מענטשן־קויל, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום אייגענעם אַקס.

פֿאַרביי דער באַנק, וווּ האַלינאַ מיטן מאַן זענען געזעסן, האָט אַ סטעזשקע געפֿירט צוריק פֿון ים. דורך דאָרט האָבן געשפּאַנט פֿאַרברוינטע גופֿים אין קאַרגע באָד־קאָסטיומען. יונגע מיידלעך מיט שטייפֿע בריסטן, וואָס רייסן זיך תּמימותדיק פֿאָרויס און רופֿן יעדע מענער־האַנט צו אַ שאַרפֿן באַריר. שטאָלטענע, טונקל־הויטיקע בחורים, די האָריקע פּיס מוסקל אין מוסקל. די קורצע באָד־הייזלעך אָנגעצויגן אַרום די לענדן ביז צום פּלאַצן, כּדי די גאַנצע בלענדנדיקע וועלט זאָל וויסן אויף זיכער, אַז יעדער פֿון זיי איז כּולו זכר.

ווי ערשט איצט וואָלטן זיי אַנטדעקט דעם תּל־אבֿיבֿער זומער מיט זיין ים, דעם ברענענדיקן זאַמד, די יונגע, נאַקעטע גלידער —

האָבן זיי ביידע גלייכצייטיק דאָס אַלץ באַגריסט מיט אַן אויפ־געהייטערטן שמייכל.

די ערשטע האָט זיך צערעדט האַלינאַ:

— דו ווייסט, לודוויק, דער פּאָליציי־אָפיציר, ווי הייסט ער?...

— בן־לולו...

— יאָ, בן־לולו... אַ גאַנצער דזשענטלמען. די קאַווע האָט מיך געראַטעוועט.

— ער איז טאַקע געווען גערעכט וועגן דיין געוויין. מען דאַרף ניט איבערטרייבן. ס׳איז בלויז זילבער.

— יאָ, אָבער כ׳בין געווען אַזוי צוגעבונדן צו דעם... ס׳האָט דערמאָנט...

— האַלינאַ, לאָז שוין אָפּ! ווי לאַנג וועלן מיר נאָך אַלץ לעבן מיט דעם פּוילן?

— דו מיינסט טאַקע, אַז מען וועט עס צעשמעלצן?

— דו האָסט דאָך געהערט...

— ווייסט, לודוויק, ווען מאַריסיע איז געווען ביי אונדז, האָט זי מיר געזאָגט — זענען מיר שוין דאָ, דאַרפן מיר זיך איינשמעלצן...

און דאָ האָט האַלינאַ זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז ניט בלויז איר מאַן האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן אויף איר, נאָר אַלע האַלב־נאַקעטע פאַרבייגייער אַרום.

— ...מיר זענען שוין איינגעשמאָלצן... נאָך ווי איינגעשמאָלצן... דורך דעם פּוילישן זילבער...

אַ גוטע פּאָר מינוט האָט נאָך האַלינאַ געהאַלטן אין איין לאַכן. סאָסנאָווסקי האָט געהויבן די אַקסלען, אָבער גאָרניט געזאָגט, געלאָזן איר זיך אויסלאַכן.

זיי זענען נאָך לאַנג געזעסן אויף דער באַנק. סאָסנאָווסקי האָט פּאָר דער צייט באַוויזן אויפצובינדן דעם קראַוואַט, פאַר־קאַשערן די אַרבל פון העמד. האַלינאַ האָט לויזער געמאַכט דעם גירטל פון קלייד, געעפנט ברייטער דעם דעקאָלט.

ביידע האָבן געזען ווי די זון זינקט מיד אַראָפּ אין ים אַריין, אַ רויטע, אָנגעשוואָלן פון היץ, ווי געצייכנט אויף אַ ביליקער טעאַטער־דעקאָראַציע.

נאָך עטלעכע פּאָרלער האָבן זיך צוגעזעצט אויף זייער באַנק. דער גאַנצער אַרום האָט זיי אויפגעשמאָלצן מיט די איבעריקע, איינגעזאַפּט זיי אַלעמען אין זיין פריען שאָטן, וואָס האָט באַלד געדאַרפט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ וואַרעמען, פייכטן אָוונט. אַן אָוונט, ווי אַן איבערגעצייטיקטע פרוכט, אין תל־אביב.

בענקשאפט

בענקשאפט

— אַז דאָס איז הייסע וואַסער, ווייסט איר ניט וואָס הייס איז. כ׳בין אַמאָל אַוועקגעפאָרן אין אל חמא, טאַקע דאָ ניט ווייט, אַ קילאָמעטער צוואַנציק פון טבריה, איז דאָרט געווען אַ קוואַל, וואָס האָט געקלאַפּט מיט פופציק גראַד הייסע וואַסער. אַן אַראַבער האָט געזען ווי איך רוק אַריין דעם גראָבן פינגער פון פוס אין וואַסער און כאַפּ גלייך אַרויס, איז ער געוואָרן אויף מיר אַ העלד און אָנגעהויבן חוזקן. דער יאַהוד האָט מורא פאַרן וואַסער; זיין שמייבעלע איז ווי אַ ווערימל געקראָכן איבער די אויסגעפוצטע וואָנסן. האָב איך זיך ניט געפוילט און אים געמאַכט אַ סימן מיטן האַנט — קום אַריין מיט מיר אין וואַסער און לאָמיר זען ווער ס׳וועט לענגער אויסהאַלטן. דעם סוף דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין.

— ווי זאָל איך פאַרשטיין, אַז איר זאָגט ניט.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איר זעט דען ניט. גיט אַ קוק אויף מיר. כ׳בין איבער זיבעציק. ווען ניט די ווייטיקן אין קרייץ קאָן איך נאָך היינט אונטערהייבן אַ טראַקטאָר. איז ווי נאָך מיט פערציק יאָר צוריק? דעם אַראַבער האָט מען אַרויסגעשלעפּט, אַרויסגיין האָט ער ניט געקאָנט. און איך בין נאָך געזעסן אַ צוויי מינוט לענגער. ס׳האָט מיר טאַקע גוט געברענט אין די ענגע ערטער. כ׳האָב געמוזט שפּאַנען אין דער ברייט, אָבער איך האָב באַוויזן, אַז פון ייִדן לאַכט מען ניט.

— אפשר האָט יענער גאָרניט געמיינט?

— איר קאָנט ניט די אַראַבער זיי מיינען תמיד. אָט מיינען זיי, אַז מיר וועלן זיי נאָכגעבן. זאָלן זיי מיינען...

— איר זענט שוין לאַנג אין לאַנד?

— דעם מאָנאַט ווערט פופציק יאָר.

דער באָד־באַסיין אין די וואַרעם־בעדער פון טבריה איז אַ גרויסע מקווה מיט הייסן מינעראַל־וואַסער, וואָס מען האַלט, אַז זיך טובלען דאָרט איז אַ סגולה צו פאַרשיידענע מיחושים. ווי לאַנג די היץ האָט דערלויבט, זענען מיר, איך און דער ייִד, וועמען איך האָב פאַרטשעפּעט מיט אַ וואָרט, געשטאַנען אין וואַסער און געשמועסט. דערנאָך זענען מיר ביידע געזעסן אויף דער מאַרמאָרנער באַנק, נעבן ראַנד פון באַסיין, און די נאַקעטקייט האָט אונדז מקרב געווען, ווי מיר וואָלטן זיך געקאָנט יאָרן.

— איר ווייסט וואָס דאָס הייסט פופציק יאָר? כ׳בין אַריינגעשפּרונגען אַ יונגער בחור אין קאַלטן ים־וואַסער נעבן יפו און אַרויס אַן אַלטער ייִד פון די הייסע קוואַלן אין טבריה. פופציק יאָר זענען אַוועקגעלאָפן, מ׳האָט זיך רעכט ניט אַרומגעקוקט.

— אָבער עפּעס איז דאָך געשען פאַר דער צייט...

— געשען? ס׳האָט זיך איבערגעדרייט אַ וועלט! אָבער אין ארץ־ישׂראל גייט עס אַלץ אַזוי גיך. איר האָט זיך רעכט ניט אויסגעגענעצט, איז שוין אַ נייער טאָג מיט נייע שמחות, מיט נייעם געוויין. ביינאַכט אַ חתונה, אינדערפרי אַ לוויה...

דער ייִד איז אַנטשוויגן געוואָרן. עטלעכע רגעס האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, זיך צוגעהערט צו די אייגענע מחשבות און פּלוצעם אַרויסגעפּלאַצט, ווי אַ שאָך־שפּילער נאָך אַ שווערן נצחון:

— אָבער מען האָט געלעבט! די ביינער האָבן געטרעשטשעט.

און דערביי האָט ער צוגעצויגן ביידע הענט צום ברוסט־קאַסטן, פאַרביילט די פויסטן און זיך צעשמייכלט מיט אַזאַ יונגן שמייכל, וואָס האָט מיך אויך אָנגעשטעקט.

— איר לאַכט, האַ? איר מעגט לאַכן. ווען איר זעט מיך ווי איך בין אָנגעקומען אַהער. די ענגלענדער האָבן ניט געלאָזט לאַנדן, בין איך געשפּרונגען אין ים אַריין. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן אַן איינגעדרייטער צווישן די שטיינער ביים ברעג. נאָך גוט וואָס ס׳איז געווען זומער. איך גיי אַ מאָל צום ים זען דעם פּלאַץ. ניט צו דערקענען. פאַרבויט מיט האָטעלן, איינער אויף דעם אַנדערן.

ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן אין די דרייסיקער יאָרן, אַז תל־אביב וועט ווערן אַזאַ שטאָט. אין איין פאַר הויזן בין איך געקומען צו איר... איצט קומט מען מיט עראָפּלאַנען, מען שלעפּט וואַליזעס...

— ס'איז אַנדערע צייטן...

— קאָן זיין... אָבער פאַרוואָס קומען איצט יונגע מענטשן מיט אַזעלכע אַלטע השגות? ווער האָט עס אַמאָל ביים אָנקומען אין לאַנד געטראַכט וועגן איינאָרדענען זיך ווי אַ יוסטער באַלעבאָס? צו ערשט האָט מען געוואָלט זיך גוט אָנטרינקען מיט ארץ־ישׂראל, מיט דער פריי, מיט דעם חלום... אָט...

דער ייִד האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע ערשטע, היגע שריט און איך האָב זיך דערביי דערמאָנט וועגן מיינע לעצטע שריט, די ניט־היגע. אין ווילנע, פון וואַנען איך בין געקומען אַהער מיט פינף יאָר צוריק, איז דער חלום וועגן לאַנד געווען ווי שטאַרקער בראָנפן און דאָ איז ער געוואָרן אַ ביסל אויסגעוועפּט. מען האָט מיר געגעבן אַ וווינונג, אַ גוטע אַרבעט, אַן אויטאָ. אפשר וואָלט בעסער געווען, אַז אַנשטאָט דעם אַלעם זאָל מען מיר האָבן אָנגעשטעקט מיט דער התלהבות פון דעם נאַקעטן ייִדן בעת זיין צוזאַמענטרעף מיט דעם הייסן פּאַס באָדן, וואָס איז געוואָרן מדינה. ער האָט מיר דערציילט וועגן פאַרגאַנגענע טעג און איך האָב אים מקנא געווען פאַר יעדן איבערגעלעבטן פּרט, אַלץ געשעענישן אַן געטאָס, אַן דייטשן, אַן פאַרשיקונגען אין לאַגער.

— כ'האָב זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט...

— ווי האָט איר געהערט דאָס וואָרט אויסגעטשוכעט?

— איך בין אַ קאָוונער. ביי אונדז האָט מען אַזוי גערעדט. און פון וואַנען זייט איר?

— פון ווילנע.

— ווילנע... געווען אַ שטאָט, ניט סתם...

— האָט איר זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט...

— טאַקע אַזוי, און איך בין אַרויס אין גאַס זען וואָס צו טאָן. קיצור, איך גיי פאַרביי דעם מאַרק, דעם שוק הכרמל, זיצט דאָרט

אין אַ ליידיקער קראָם אויפן דיל אַ מין קאַרליק מיט די פיס אונטער זיך, און לייגט באַלאַטן. אַ גוטע פּאָר שעה האָב איך זיך ניט געקאָנט אָנקוקן ווי ער מעסט און שניידט, ווי ער גיסט צעמענט און לייגט די באַלאַטן, ביז עס וואַקסט אויס פאַר די אויגן אַ שטיינערנער טעפּיך. איצט לייגט מען גלאַטע באַלאַטן, אַן פאַנטאַזיע; אָבער אַמאָל פלעגט זיין אין מיטן פּאָדלאָגע אַ קראַנץ בלומען, צו אַ פּרוי מיט אַ קרוג וואַסער, אַלץ אויסגעלייגט קוואַדראַט צו קוואַדראַט. האָב איך פאַר די ערשטע פּאָר פּאַרדינטע פונט (כ'האָב אָנגעהויבן ביים גראָבן דזיאָרעס), געקויפט אַ שפּאַכטל מיט אַן עמער און אַ וואַסער־וואָג. כ'בין געוואָרן אַ באַלאַטשיק. צוערשט האָב איך גוט קאַליע געמאַכט. ניט געקאָנט ריכטיק דערציען ביז אַ פּאַנעל, אָבער אין דער אַרבעט האָב איך זיך אויסגעלערנט. צום אויסלייגן די פּרוי מיטן קרוג בין איך ניט דערגאַנגען, נאָר באַלעבאַטים האָבן מיך געזוכט. כ'בין געווען אַ גיכער אַרבעטער. איז דאָך גוט, האַ? קומט אַ מאָל צו מיר מיינער אַ חבר און צעשרייט זיך אויף דער גאַנצער גאַס.

— לייזערקע, בהמה אויף צוויי פיס, וואָס ליגסטו אויפן פּאָדלאָגע? מ'וועט דאָך יאָרן דאַרפן געבן די פלייצע. איז כל זמן מיר זענען פריי, אָן משפחה, און מיר פאַרמאָגן נאָר דאָס וואָס גאָט האָט אָנגעהאַנגען אויף אונדז, לאָמיר מאַכן אַ לעבן, לאָמיר וואַנדערן איבערן לאַנד, זען צו דער חומש איז גערעכט.

צוויי מאָל האָט ער ניט געדאַרפט בעטן. כ'האָב אויפגעלייגט די געצייג און מיר זענען בײדע אַוועק אין יפו, ווו אַן אַראַבער פלעגט פאַרדינגען אייזלען ווי מען פאַרדינגט איצט אויטאָס. האָבן מיר גענומען ביי אים אַן אייזעלע. אויף צוויי האָט ניט געקלעקט קיין געלט. אַזוי זענען מיר אַוועק איבער ארץ־ישראל. איינער האָט געריטן און דער צווייטער איז געגאַנגען. דערנאָך האָט מען זיך געביטן. ווו זענען מיר ניט אויסגעוווען מיט אָט דעם אייזעלע? אויפן ערשטן קוק האָט מען געקאָנט מיינען, אַז באַלד פאַלט ער זיך פונאַנדער, אַזוי איז ער געווען אויסגעטריקנט און אויסגעסאָכניעט. אָבער אין גיין איז ניט געווען צו אים קיין גלייכן.

ער האָט געקאָנט טראַמפּלען טעג גאַנצע מיט עטלעכע מערעלער און אַ שטיקל דאָרן. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך צו אים צוגעוווינט ווי צו אַ היימישער חיה.

פון יישוב צו יישוב, פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע זענען מיר דערגאַנגען ביז ירושלים. איצט וואָלט מען מיט אַן אייזעלע אין אַ האָטעל ניט אַריינגעלאָזט. אָבער יענע יאָרן האָט מען קיין האָטעל ניט געדאַרפט. פאַר צען גרוש האָט מען אונדז געגעבן אַ ווינקל אין אַ הויף, נעבן דער אַלט־שטאָט. אָפּגעווען אַ פּאָר טעג אין ירושלים, מוז איך זאָגן, אַז מיר זענען געווען אינגאַנצן צעטומלט. די שטאָט האָט אונדז צעריסן די אויגן. אַזוי ווי די זון וואָלט זיך געגעבן אַ נדר, אַז אין ירושלים מוז זי שיינען העלער, האָפּערדיקער.

איך, דעם אמת געזאָגט, בין שוין געווען אַ ביסל מיד. כ׳האָב פּאַרגעלייגט צו גיין צוריק קיין יפו, אָפּגעבן דאָס אייזעלע און ענדיקן די רייזע. האָט זיך דער חבר אָנגעטשעפּעט, לאָמיר גיין ביז צום ים המלח. זענען מיר דורך דעם מדבר יהודה אַוועק אין יענער ריכטונג. עס רעדט זיך נאָר — אַוועק. מען האָט געבראָכן די פיס. איך ווייס ניט ביז היינט ווי דער אָפּגעקראָכענער בעל־חי, דאָס שטיקל אייזעלע, האָט אויסגעהאַלטן. נאָך אַ טאָג וואַנדערן האָב איך געזען, אַז דעם חבר מיינעם פאַרדריסט די גאַנצע מעשה, אָבער ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין און איך האָב זיך געשעמט אים צו זאָגן — קום צוריק.

אַזוי האָבן מיר זיך שפּעט אין אָוונט דערשלעפּט צו אַ קייט פעלדזיקע בערג און מיר האָבן ניט געוווּסט וווּהין צו גיין ווייטער. ס׳איז געבליבן אויפצושטייגן אין דער הויך, כּדי צו זען ווו מען איז אין דער וועלט. ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צו אַ שטיקל סטעזשקע צווישן די פעלדזן, איז געוואָרן גוט פינצטער. אין ארץ־ישׂראל דאַרף מען קיין סך ניט וואַרטן. אָט שיינט די זון און שוין, מען גיט זיך אַ דריי, איז זי נישטאָ.

און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר און מיין חבר אין גאַנצן פריטשמעליעט. דאָס אייזעלע, וואָס איז דעם גאַנצן וועג

ניט אָפּגעשטאַנען אויף אַ מינוט, האָט זיך פאַרעקשנט און ניט געוואָלט מער גיין. וויפל איך האָב אים ניט געשלאָגן, איס געפּאַסעוועט די פעל, האָט ניט געהאָלפן. עס איז ניט געגאַנגען און ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. האָבן מיר באַשלאָסן איבערנאַכטן צווישן די שטיינער, אפשר וועט עס מאָרגן בעסער ווערן.

דער הימל האָט אָנגעהויבן ווערן בלאַסער, זענען מיר שוין געשטאַנען אויף די פיס און געפּרוווט אויסגלייכן די ביינער. און וואָס מיינט איר האָבן מיר דערזען? אַן אָפּגרונט האַרט פאַר אונדז. נאָך אַ פּאָר שריט און מיר ליגן אונטן מיט אָפענע קעפּ. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען דעם אייזלס עקשנות. דאָס געשלאָגענע באַשעפעניש האָט אויסגעדרייט צו מיר אַ פאַרלאָפן אויג, ווי אַ שוואַרצן, צעווייקטן איילבירט, און מיך איז באַפאַלן אַזאַ בענקשאַפט צו טאַטע־מאַמע, צו דער פאַרלאָזענער היים אין קאָוונע, אַז איך האָב זיך צעכליפּעט ווי אַ חדר־ייִנגל. ווען ניט אָט דער בעל־חי דערגייען מיר ניט צום ים־המלח. דאָס האָט ער, מיט זיינע צעשטשערבעטע טלאָען אויסגעטאַפּט יעדן שטיין און אַרויסגעפירט אונדז דורך די פעלדזן צו דער פריי.

— אַ מאָל קאָן אַן אייזל האָבן מער שכל פון אַ מענטש.

— איר זאָגט מיר? דערנאָך האָט מיר דער חבר דערציילט פאַרוואָס ער האָט אַזוי געוואָלט גיין צום ים־המלח. הערט דעם חכם. ס'האָט אים ווער געזאָגט, אַז אין מדבר יהודה דרייען זיך בעדוויִנערקעס און זיי ווערן משוגע פאַר ייִדישע בחורים. אַיי, מען קען פאַרפאַסטן מיטן לעבן — וועגן דעם האָט ער גאָרניט געטראַכט. מיר האָבן טאַקע נאָך דעם געטראָפן בעדוויִנערקעס אויפן וועג, אָבער אַזוי ווי זיי וואַשן זיך די האָר מיט השתנה פון קעמלען, ווי אַ מיטל קעגן לייז, האָט מען צו זיי נאָענט צוגיין ניט געקאָנט. און ער האָט געהאַט בלויז דאָס אין זינען...

— ווען מען איז יונג און געזונט...

— און משוגע, ווילט איר זאָגן. אָבער ס'זענען געווען שיינע צייטן.

— איר בענקט אַ מאָל נאָך יענער צייט?

דער ייִד האָט גלייך ניט געענטפערט. ער האָט זיך פעסטער איינגעוויקלט אין באַדכאַלאַט, געקנייטשט דעם שטערן. כּנראה געזוכט אַן ענטפער אויף מיין פראַגע. דערנאָך האָט ער פאַרזיכטיק צוגעקליבן אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

— שווער צו ענטפערן... צו אַ סך זאַכן איז ניטאָ וואָס צו בענקען. ס'זענען געווען אַ סך ביטערע יאָרן. מיין חבר, למשל, האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע. מיינער אַ זון איז געפאַלן אין מלחמה, אין נייַנצן אַכט און פערציק. מיט אַלעם — ווען מען הייבט זיך אָן דערמאָנען אָן דאָס, אָן יענץ ווערט אומעטיק. צווייטנס — וואָס איז צו פאַרגלייכן יענע צייט מיט איצט, ווען עס שטייט שוין איבער דרייסיק יאָר אַ מדינה...

און דאָ האָט דער ייִד שטיל צוגעגעבן:

— אָבער אַמאָל בענק איך יאָ.

כ'האָב אויפגעהויבן אויף אים מיין בליק.

— נאָך דעם אייזעלע בענק איך... אוי, דאַרפן מיר אין דער מדינה אַזאַ אייזעלע, ער זאָל אונדז, ווי דאַן, אַרויספירן אויף אַ וועג. אוי, איז דאָס געווען אַן אייזעלע...

אויף דעם האָבן מיר זיך געזעגנט.

בים כנרת

ביים כנרת

ער איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער אין קליינעם האָטעל־צימער, וואָס נעבן דעם כנרת און אַריבערגעקוקט צו די פלאַכע דעכער פון די אַרומיקע הייזלעך, צעוואָרפן אויף די היגלען ווי קינדערשע שפּיל־צייג. אַ פּאַס וואַסער האָט זיך דורכגעריסן דורך די אייקאַליפּטוס־בוימער און געזילבערט פאַר די אויגן, מילדער געמאַכט דעם רויען, רויטלעכן קאָליר פון די בערג, אָנגעהויפט ביים סאַמע ברעג. אין צימער איז געווען הייס און דושנע. אַ לייכטער ווינטל פון כנרת האָט קוים געקילט דאָס פּנים. אַ ווינטל, וואָס האָט קיין כּוח ניט געהאַט פאַנאַנדערצוּוויגן די שווערע פּאַלמען־בלעטער, נאָר בלויז צעשורשען די דינערע צווייגן אויף די אייקאַליפּטוסן.

דערנאָך איז ער געלעגן אויפן שמאָלן בעט און זיך געראַנגלט מיט אָנגעלאָפענע מחשבות. ער האָט זיי געפּרוּווט קרייצן, וואַרפן איינס איבער דער אַנדערער און ניט געקאָנט זיי בייקומען, דערגיין צו אַ טאָלק.

אָט איז אים איינגעפאַלן — פאַרוואָס רופט מען דעם כנרת ים, ווען דאָס איז בלויז אַן אָזיערע. אַ מינדסט וואַסער אין אירלאַנד, למשל, איז גרעסער ווי דער כנרת, און די גויים וועט ניט איינפאַלן עס אָנצורופן ים. ווען ער איז געווען מיט דער כנסת־דעלעגאַציע אין ענגלאַנד און מען האָט פאַר זיי אָרגאַניזירט אַ שפּאַציר איבערן גאַנצן אינדזל...

און דאָ האָט ער זיך ווידער דערמאָנט, וואָס האָט אים געבראַכט קיין טבריה. פון דער רגע ווען ער איז אַרויס פון דער תל־אביבער פּאַרטיי־צענטראַלע און זיך אָוועקגעלאָזט מיט דער מאַשין צום שאָסיי, וואָס פירט צו זיין קיבוץ — פון אָט דער רגע איז ער ניט פעיִק אָנצונעמען אַ האַפטיקן באַשלוס — אָט איז ער שוין באַלד געווען ביים זייטיקן וועג, וואָס שלענגלט זיך

פון הויפּט־שאָסיי צום משק, האָט ער, אַנשטאָט דאָרט לאַנגזאַם צו פאַרקערעווען, זיך גאָר אָוועקגעיאָגט פאַראויס, צו טבריה. נאָך דעם שמועס אין דער פאַרטיי־צענטראַלע האָט ער ניט געקאָנט פאָרן אַהיים. ער האָט ניט געקאָנט קומען אין משק, אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שטאָטישע אָנטועכץ, די גאַבאַרדין הויזן, דעם קראַוואַט, און ווידער ווערן דער שבת־קיבוצניק, דער חבר פון משק, וואָס אויף דער אַרבעט־ליסטע, אויפגעקלעבט אויפן טאָוול אין פאַרהויז פון עס־צימער, פיגורירט ער ווי — אברהם מלמד — כנסת דעפּוטאַט, באַשעפטיקט אין דרויסן...

ער האָט ניט געקאָנט איצט אַריינפאָרן אין קיבוץ מען זאָל אים איבערנעמען ווי תמיד, ווער מיט אַ שמייכל, ווער מיט אַ חניפה־וואָרט און ווער מיט אַ צייכן פון קנאָה אויפן, מכלומרשט, גלייכגילטיקן פנים. איז ער אַנטלאָפן צו זיין איבער שבת אין טבריה אין דעם קליינעם אַלט־באַקאַנטן האָטעל, ווו ער האָט זיך נוהג געווען אַריינצופאָרן, ווען ער האָט נאָך געהאַט דעם אַמט פון קיבוץ — מזכיר, און געדאַרפט אין טבריה דערליידיקן לויפיקע ענינים.

ס׳איז אים שווער געווען צו קומען אַהיים נאָך דעם, ווי דער פאַרטיי־סעקרעטאַר האָט צווישן איין זופּ טיי און דעם אַנדערן אויסגעשטאַמלט:

— אַוורעמל, בעסער איך זאָל דאָס דיר זאָגן... מען קאָן זיך אַזויפיל יאָרן... איז די זאַך אַזוי...

מען האָט זיך טאַקע געקאָנט אַ סך יאָרן. צוזאַמען געקומען אין לאַנד, געשטאַמט פון דערזעלבער געגנט, ערגעץ אַרום לאָדזש. געהאַלטן זיך ביי דערזעלבער פאַרטיי און איר טריי געדינט, מיט דער גאַנצער דבקות, וואָס זיי האָבן געירשנט ביי זייערע טאַטעס, די הייסע גערער חסידים; אָבער שוין יאָרן ווי זיין חבר, דער פאַרטיי־סעקרעטאַר, האָט אים ניט דערמאָנט די היימישע נאָענטקייט. די צייט האָט זיי צעריסן. די קליינע ענינים, וועלכע מען דאַרף אָפּהיטן, כּדי צו שווימען אין עפנטלעכן לעבן, האָט צוגענומען ביי זיי די פרייע מינוטן.

דאַריבער האָט דער שמועס אויף ייִדיש, דעם לשון וואָס זיי האָבן ביידע שוין לאַנג פאַרוואָרפן, און דער נאָמען אַוורעמל, דער יוגנט־נאָמען, געקלונגען פאַרדעכטיק. האָט ער אַ געשפּאַנטער געוואָרט אויף דעם געשטאַמלטן המשך:

— פאַרשטייסט ?... די זאַך איז אַזוי... מען האָט אַרויסגענומען דיין נאָמען פון דער קאַנדידאַטן־ליסטע צו דער קומענדיקער כנסת... ווייל...

דער „ווייל” איז שוין ניט געווען אַזוי וויכטיק. ער האָט מיט אַ פאַרנעפּלט אויער אויסגעהערט פאַרוואָס און פאַרווען. פון דעם אַלעם איז דערגאַנגען צו אים בלויז דער עיקר. ער וועט מער ניט זיין כנסת־דעפּוטאַט. אָט דער עיקר האָט זיך פאַראַנקערט אין זיין געמיט, ווי דער האַטשעק ביי אַ פיש אין גומען, און אים געשטאָכן פון וואָרט צו וואָרט. און וואָס מער דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט אים געוואָלט טרייסטן, אַלץ מער האָט ער אָפּגעפילט דעם ביטערן פאַרדרוס...

ס'האָט אים געברענט אויף זיינע חברים, וואָס האָבן אים פּשוט פאַרקויפט. אַנדערש קאָן מען דאָס ניט אָנרופן.

פון מחשבה צו מחשבה האָט ער אָנגעהויבן באַדויערן זיך אַליין. די בעסטע יאָרן אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי. געפּטערט אָוונטן אויף זיצונגען, באַגעגענישן. די וועלט ניט געזען. פאַרגעסן וואָס אַ בוך איז, אַ טעאַטער. געשטאַנען ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך פון די פּאַרטיי־אינטערעסן. טריי געווען ביז לאַנגווייל יעדן קרומען באַשלוס. זיך צעריסן אין קיבוץ מיט גוטע חברים, ברוגזן געהאַלטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט גיין אין שפּאַן, לויט דער פּאַרטיי־ליניע. און אין דער כנסת... די גאַנצע וואָכעדיקע אַרבעט געטאָן. אין קאָמיסיעס, וואָס אַ מינדסטער זשורנאַליסט דערמאָנט איר ניט, איז ער געגאַנגען. אַריינגעטראָגן אינטערפּעלאַציעס, ווען אין כנסת־זאַל זענען געזעסן דריי דעפּוטאַטן און געלייענט צייטונגען. אַלץ מען זאָל זען, אַז די פּאַרטיי איז אומעטום פאַרטראָטן. אָט איז דער דאַנק...

אַ רגע איז ער געזעסן אויפן ראַנד בעט מיט די הענט צווישן

די קניען. די איינזאַמקייט האָט אים אַראָפּגעדריקט דעם קאָפּ. ער איז ניט געווען צוגעוווינט צו זיין אַן מענטשן. און דאָ פּלוצעם, אַליין אין דעם נעבעכדיקן האָטעל, וואָס האָט אים איצט אויסגעזען נאָך מער איינגעשרומפּן און האַפנונגסלאָז מיט דער אָפּגעשאָסענער רעפּראָדוקציע פון אַ צפתער לאַנדשאַפט אויף איין וואַנט און אַ צעראַצטן שפּיגל קעגנאיבער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַנגעקוקט אין שפּיגל. ווי ער וואָלט זיך דערזען דאָס ערשטע מאָל נאָך יאָרן, האָט ער געפאָרשט דאָס אייגענע פּנים. ס'האָט זיך אים ניט געגלויבט די קנייטשן אויפן שטערן און ער האָט זיי געפּרוּווט פאַרגלעטן מיט דער דלאָניע.

די זעקעלעך אונטער די אויגן זענען אים אויסגעקומען עפּעס נייס. ער האָט אויך אַנטדעקט גרויע האָר. ער האָט זיי אויפגעהויבן פון דער שוואַרצער טשופּרינע, געפּרוּווט זייער פעסטקייט צום גרונט און זיי פאַרשאַרט צוריק אויף זייער פּלאַץ, ביי די שלייפן.

ווידער האָט ער זיך אָנגעהייבן ריען אין דער באַגאַנגענער וואָלה קעגן אים, ווי אין אַ צעקראַצטער ווונד. דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט אים געזאָגט — אָווּרעמל, מוזסט פאַרשטיין די נייע צייט. זיי זענען ווייט אַוועק פון זייערע טאַטעס, וועלכע זענען געזעסן אין די מעברות אָן אַ לשון, אָן אַ גראָשן ביים לייב און געווען צופרידן, אַז מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט מיט אַ בעזים אין האַנט קערן די גאַסן. זיי זענען געוואָרן אויס מאַראָקאַנער, אויס עולים פון טוניס, זיי זענען געוואָרן ישראלים. די יונגע רעדן עברית שענער ווי מיר, זיי ווייסן וואָס זיי ווילן. און דאָס וויכטיקסטע — זיי זענען געוואָרן די מערהייט. מיר, פון פּוילן, פון ליטע הייבן אָן שטיין ביים זייט. איז אָט, בן־שמחון פאָדערט אַ פּלאַץ אויף דער ליסטע. ער פאַרטרעט צענדליקער טויזנטער, זאָגט ער, און ס'איז אמת. מיר קאָנען אים ניט מבטל מאַכן. ער דראָט זיך אָפּצורייסן פון דער פּאַרטיי און אַרויסגיין מיט אַן אייגענער וואַל־ליסטע. מיר וועלן פאַרלירן גאַנצע שטעטלעך שטימען... דאַריבער האָט זיך באַקומען, אַז דו און שמואל טשערנאָוו... אין אַלע פּאַרטייען איז איצט אַזאַ טענדענץ — געבן

עפעקטיווע פלעצער אין די וואַל־ליסטעס חברים פון די מזרח־עדות.

און דאָ האָט ער, דער ערנסטער פּאַרטיי־טוער, מוותר געווען אַ רגע אויף זיין קאַזיאַנעם קול פון אַ מיטינג־רעדנער, אַ קול טיף פון דער ברוסט אַרויס, און לצנהדיק אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבן מויל:

— ניט צו מאַכן, ס'איז זייער מדינה...

ער האָט נאָכאַמאָל זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער און געבלאָנדזשעט מיט דעם בליק איבער די פלאַכע, ווייס־אויס־געקאַלכטע דעכער. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. ס'איז זייער מדינה... און ווו זענען מיר, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט די מדינה? אַ קיבוץ אויסגעבויט מיט די בלויזע צען פינגער. דאָס לעבן דאָרט אָוועקגעגעבן. דערנאָך אין דער בריגאַדע. שיעור ניט דעם קאָפּ געלייגט ביי מאָנטע קאַטיני. און בעתן דורכרייסן דעם וועג צום באַלאַגערטן ירושלים... קומען זיי אויף אַלעם פאַרטיקן און ס'איז זייער מדינה... נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און זיי וועלן צונעמען פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע. זיי וועלן אַלץ צונעמען, אַזוי ווי ער האָט איר צוגענומען...

ער האָט נאָך מער געוואָלט באַרעכטיקן זיין ביטערניש, אָבער ער האָט ניט מצליח געווען. ס'איז אים פּלוצעם באַפאַלן אַ רחמנות, וואָס האָט געזוכט אַן אַדרעס. ער האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין, אַז דער רחמנות איז געווענדעט צו אים אַליין, ביז צוויי גרויסע, איינציקע טרערן האָבן עס באַשטעטיקט.

ווי ער איז עס געקומען אַמאָל אומגעריכט צופאָרן אַהיים פון ירושלים, שפּעט ביינאַכט. אַ רעגן האָט געגאָסן. ער האָט קוים דערפירט דעם אויטאָ ביז צום קיבוץ־טויער. די שומרים האָבן זיך געוווּנדערט — אברהם, אין אַזאַ נאַכט? זיי האָבן אים אויסגערעדט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אין אַזאַ וועטער, און דערצו נאָך ביינאַכט, קומען אין קיבוץ. האָבן זיי עפּעס געוווּסט? ס'איז רעכט, אַז זיי האָבן דערנאָך, ביים טרינקען טיי אין חדר אוכל, געלאַכט פון אים, געמאַכט ביליקע חכמות אויף זיין חשבון. זי האָט ניט

גלייך געענטפערט אויף זיין קלאַפּן אין טיר. לסוף האָט זי געעפנט. דורך דער דינער נאַכט־העמד האָט געווייעט דער ריח פון איר וואַרעמען לייב, דער ריח, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקאָנט און יעדעס מאָל איינגעזאַפּט אין זיך מיט דערזעלבער מענערישער פרייד. אינעם טונקל האָט ער גלייך ניט באַמערקט זשאַקן. יענער איז געזעסן האַלב־אָנגעטאָן אויף דער שמאָלער סאָפקע אין פאָדער־קאַמער. אַזוי ווי ער וואָלט געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז שוין אַלץ איינס, האָט ער אויפגעגעבן אַרויפצוציען העבער די הויזן, אָנטאָן די שיך. איין קנעפּל פון זיין צעבראָשטשעט העמד איז געווען פאַררוקט אַ לעבל העכער און אָט דער קליינער פּרט אין זיין קאַרגן לבוש האָט געמאַכט אַ ביסל הייטערער די גאַנצע, באַנאַלע סיטואַציע.

זי האָט זיך ניט געפּרווט פאַרטיידיקן. זשאַק איז אַוועק און ביידע האָבן זיי איבערגעשוויגן די נאַכט. אין מאַנאַטן אַרום, האַרט פאַר דעם גט, האָבן זיי גערעדט וועגן דאָס פאַרגעקומענע. ער געדענקט יעדעס וואָרט:

— אָבער וואָס האָסטו דערזען אין אים? אַ בחור אָן בילדונג, פון אַ פרעמדער קולטור.

— מילא, קאָן ער ניט די געשיכטע פון דער וועלט־רעוואָלוציע. האָט ער ניט געלייענט סאַרטערן. אָבער אַ לעבעדיקער מענטש איז ער, מיט אַ שמייכל, מיט האַרציקייט, מיט דרך־ארץ צו מיין וועלט. און דו לעבסט שוין יאָרן פאַר דער גאַס, מיט וועלן באַווייזן ווי וויכטיק דו ביסט...

ביים רב, נאָכן גט, האָט ער איר געוואָלט געבן אַ קוש. זי האָט זיך קוים צוגענויגט צו אים: דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נעבעכדיקער רעשט פון אַ ליבשאַפט, וואָס געהערט שוין צו אַן אַנדערן...

און זי, וואָס האָט זיך דערצויגן אין קיבוץ אָן אמונה, מיט ביטול צום קליינבירגער, האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין זיין, זשאַקס, וועלט, ווי זי וואָלט קיין אַנדער וועלט גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט.

זשאַק קומט שוין ניט אין קיבוץ גיסן פונדאַמענטן פאַר די נייע הייזער, וואָס מען האָט באַשטימט פאַר די וותיקים. ער איז שוין אַ קבלן פאַר זיך. מיט צוויי אויטאָס. איינעם פאַר איר.

ער זעט אין זיין דמיון זיין געוועזענע ווייב, ווי זי שפּאַנט פון איין צימער צום אַנדערן אין זייער ווילע, גלעט אויס די גאַרדינען, שאָקלט אָפּ ברעקלעך פון דער געבלימטער מאַקאַטע, פאַרשפּרייט איבער דעם גרויסן עס־טיש. דאָ ניט לאַנג האָט ער ניט געקאָנט בייקומען די בענקשאַפט, איז ער אַ פּרייטיק־צונאַכט אַוועקגעפאָרן פון קיבוץ אין דעם דערבייאיק שטעטל, ווו זיי וווינען. ער איז געשטאַנען אין חושך פון דער ווייט און געהויבן דעם קאָפּ צו די באַלויכטענע פענצטער, אַזוי ווי ער שטייט איצט און פּרוּווט אַריבערבליקן איבער די דעכער פון די הייזער אין טבריה. ער האָט דאָן אויפגעכאַפּט פאַטעפאָן־מוזיק, מזרח־ניגונים, געלעכטער און קוויטשיקע שטיפערייען. זשאַק האָט חברים און אַ גרויסע משפחה, ברידער, שוועסטער, קוזינען און פעטערס און מומעס, און... ער ווייס דאָס גענוי. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט.

...און מיר האָבן ניט אַזעלכע משפחות. אונדזערע משפחות זענען געבליבן דאָרט... אפשר דערפאַר האָט זי זיך אַזוי גוט איינגעלעבט אין דער נייער סביבה. ביי זיי, ביי יענע עדות פילט מען נאָך דעם קרובה׳שן אָטעם, די אחדות...

דאָס ווינטלע האָט לייכט באַרירט דעם אויבערפלאַך פון כנרת. דער ים האָט פאַרלוירן זיין איינהייטלעכן קאָליר. שטיקער חושך, ווי אויסגעשטיגן פונעם גרונט, האָבן זיך געשפּרייט אויף דעם וואַסער־פליין. דאָ, דאָרט האָבן זיך דורכגעוואָרפן בלווילעכע פלעקן, ביז דאָס ליכט און שאָטן־שפּיל האָט פאַרביטן זייער קאָליר אויף בלאָסן גרין. ער איז געשטאַנען אַזוי לאַנג ביים פענצטער ביז דער לאַנגזאַמער בין־השמשות האָט דערנענטערט דעם כנרת צום הימל און זיי אָפּגעגרענעצט בלויז מיט אַ צוים עלעקטרישן ליכט, וואָס האָט שימערירט פון דעם פישער־קיבוץ אויפן אַקעגנאיבערדיקן ברעג.

אַן איינזאַמקייט האָט זיך צעלייגט אויף דער גאַנצער לאַנדשאַפט.
אַן איינזאַמקייט, וואָס האָט געדעמפט פון סאַמע איינגעשלאָסענעם
ים אויף דער ערד, פון ים כנרת.

שפּעט ביינאַכט האָט ער פאַרלאָזן דאָס האָטעל. ער האָט זיך
אומגעקערט אַהיים.

די עוזרת סולטאנא

די עוזרת סולטאַנאַ

שוין באַלד צוויי יאָר ווי סולטאַנאַ, די עוזרת, קומט יעדן זונטיק זעקס פאַרטאָג מאַכן ספּאָנדזשע. דאָס איז געווען איר באַדינג, ווייל קיין אנדער צייט האָט זי ניט געהאַט. אַלע שעהן פון איר אַרבעטס־־טאָג זענען געווען צעטיילט צווישן אירע באַלעבאָסטעס און פּאָר עוואַ גראָסבערג, דעם אַדוואָקאַטס ווייב, איז איבערגעבליבן די סאַמע פּריוואַטע צייט. סולטאַנאַ האָט אַזוי גוט געאַרבעט, אַז עוואַ האָט מסכּים געווען אויף די באַדינגונגען, אַבי זי זאָל נאָר קומען.

אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט געליטן און געשוויגן. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט צוגעוווינען צום רוצחישן רעווען פון דעם אינטערקום, דעם טרעפּ־טעלעפאָן, בעת די בעסטע, פאַרטאָגיקע שעה׳ן, ווען דער שלאָף האַלט דיך אַזוי מילד אין זיינע ווייכע אָרעמס. יעדן זונטיק האָט ער זיך אויפגערעגט פונדאָסניי, אַזוי ווי דאָס וואָלט געקאָנט ענדערן די גזירה, וואָס זיין ווייב האָט אַרויפגעלייגט אויף אים — אויפשטיין איין מאָל אין וואָך פאַר דער אָנגענומענער צייט, ווען מען קאָן נאָך שלאָפן אַ גוטע צוויי שעה ביז צום אָנהייב טאָג, אַ טאָג פון פאַרקריפּלטע ענינים און הכנות צו געריכט־וואָקאַנדעס. און אַלץ צוליב אַן עוזרת, וואָס עוואַ האָט זיך צוגעבונדן צו איר ווי צו אַ קרובה און איז מסכּים אויף אַלץ, נאָר ניט זי צו פאַרלירן.

אָבער דעם זונטיק איז אַדוואָקאַט גראָסבערג געווען אויפ־געבראַכט מער ווי אַלעמאָל. שבת אין אָוונט זענען ער און עוואַ געווען פאַרבעטן אויף אַן אויפנאַמע ביי די באַזשאַנסקיס, פון דער בוי־פירמע, זיינער אַ קליענט. מען האָט זייער גוט פאַרבראַכט. געגעסן, געטרונקען, געפּרוווט זינגען מיט צעבראָכענע שטימען אַלטע, פּוילישע לידער, וועלכע האָבן באַגלייט זייער יוגנט. לידער

פון די וואַרשעווער רעווי־טעאַטערס „דאָס אויג פון ים", פון „קווי פּראָ קוואָ". מען האָט דערציילט קוריאָזן פון אַמאָליקע יאָרן, פון דער סטודענטן־צייט אין וואַרשע, אין לעמבערג. אַלע זענען געווען צערויטלט, די ווייבער צעפּלאַמט. דורך דעם קאָניאַק, דעם וויסקי, איז מען פאַרשווומען צו דעם אַמאָל — דעם אַמאָל, וואָס האָט זיך פאַרשאַנצט הינטער אַש און רויך און אומקום.

זיך אומגעקערט אַ היים שפּעט ביינאַכט, האָט אַדוואָקאַט גראָסבערג געפּרוּווט אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר צענדליק יאָר פון זיינע זעכציק און געכאַפּט קושן דאָס ווייב, איידער זי קריכט אַריין אין דער פּידזשאַמע. עווא האָט זיך געווערט, געלאַכט פון זיין פלוצלונגדיקן ליבע־אָנפאַל:

— זע נאָר דער טיגער מיינער... פּונקט איצט... ווען מען דאַרף באַלד אויפשטיין. האָסט פאַרגעסן אַז סולטאַנאַ דאַרף קומען? סעוועק, כאַפּ בעסער אַריין די פּאָר שעה שלאָף, זאָלסט קאָנען גיין מיט אַ קלאָרן קאָפּ אין ביוראָ אַריין.

גראָסבערג האָט אויפגעגעבן און אַריין אין בעט. אַ רגע האָט ער נאָך געטראַכט וועגן עוואַן. ווי שיין זי האָט אויסגעזען ביי די באַזשאַנסקיס. ווי זי האָט נאָך אין אירע יאָרן, ביי די זעקס און פופציק, פאַרהיט איר מיידלשע טאַליע, איר גלאַטן פּנים מיט בלויז עטלעכע דריבנע קנייטשעלעך ביי די אויגן. ווי די מענער, די אָפּגעלעבטע פּריקעס, האָבן געקוקט אויף איר און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. ווי ער אַליין איז געווען שטאָלץ אויף זיין עוואַן און געשפּאַנט ווי אַ זיגער מיטן גלעזל קאָניאַק פון איין גאַסט צום אַנדערן.

האַרט פאַרטאָג, דער שלאָף־צימער האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן פונעם טונקל, האָט דאָס רעווען פון דעם טרעפּ־טעלעפאָן ברוטאַל צעריסן דעם געוועב פון גראָסבערגס חלומות. עווא האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַוועק עפענען די טיר. סולטאַנאַ איז געקומען מאַכן ספּאָנדזשע.

געוויינלעך האָט סולטאַנאַ קורץ אָפּגעכאַפּט דעם בוקר־טוב און אַוועק צום קליינעם באַלקאָן, הינטער דער קיך, אַרויסנעמען פון

דאָרט די בערשט מיט די עמערס און זיך איבערטאָן אין דאָס אָפּגעבליאַקעטע אַרבעטס־קליידל, וואָס זי האָט תמיד געבראַכט מיט זיך, פאַרפּאַקט אין איר בלויען ניילאָן־קאָשיק.

דער זונטיק־האַרמידער פלעגט זיך אָנהויבן נאָך איידער גראָסבערג האָט באַוויזן זיך רעכט אָפּראַזירן און אַרומוואַשן. סולטאַנאַ האָט זיך געדרייט אין וואַנע־צימער, געשלעפּט פון דאָרט עמערס וואַסער. גראָסבערג האָט יעדע ווייל געמוזט בייטן זיין פּלאַץ פון איין שפּיגל צום אַנדערן. קיין מינוט איז ניט געגאַנגען ביי איר אין ניוועץ.

זי האָט געהאַט נאָך אַ ווינונג צו באַדינען דעמזעלבן טאָג.

אָפּגעפּטרט דאָס אַרויפּציען די שקאַרפּעטן, אָנטאָן די שיך, פאַרבינדן דעם קראַוואַט — אַט די אַלע קליינע עובדות, וועלכע זענען נויטיק אָנצוהויבן דעם טאָג האָוועניש, האָט זיך גראָסבערג אַוועקגעזעצט צום קיך־טיש עסן פרישטיק. אַלץ, וואָס עוואַ האָט אים געהאַט אונטערגערוקט, איז געווען ביטער אָדער קאַלט. ער האָט געבורטשעט אויף דאָס אַלט־געבאַקן געבעקס, אויף די שיטערע קאָנפיטורן. היינט איז אים מער ווי אַלעמאָל אַלץ געווען דערווידער. זיינע טענות צום דעם פרישטיק זענען געגאַנגען עוואַן אויף די נערוון. האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס איז מיט דיר ? ביסט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט ?

אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס ניט דערזופּטע גלאָז קאַווע, און זיך טרוקן אָפּגערופן, ניט ווי ער וואָלט גערעדט צו דער געגאַרטער ווייב פון ביינאַכט, נאָר צו אַ קליענט אין זיין ביוראָ :

— עוואַ, וועסט מוזן אָנזאָגן די דינסט. אויב קאָן זי ניט קומען אין אַ מענטשלעכער צייט, ניט פאַרטאָג, ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט...

עוואַ איז אויפגעשפּרונגען. די עוזרת סולטאַנאַ איז געווען איר שוואַכער פונקט. ערשטנס איז זי געווען צוגעוווינט צו סולטאַנען, ווי צו אַ היימישן בעל־חי. צווייטנס האָט יענע געאַרבעט

ווי אַ מאַשין. זי האָט קיינמאָל ניט געפּרעגט ווי און ווען. מען האָט איר גאָרניט געדאַרפט אָנווייזן — סולטאַנאַ, דאָ איז אַ פלעק, סולטאַנאַ, דאָרט איז שטויב. זי האָט געקאָנט אין אַ נויט אויסוואַשן מיטן האַנט אַן אויבערהעמד בעסער ווי אין דער וועשעריי. סולטאַנאַ האָט געהערשט איבער דעם שטויב־זויגער ווי אַ גוטער שאָפער הערשט איבער זיין אויטאָ. איבערגעגאַנגען מיט דעם שלויך די קאָטאָרן, האָט זי שוין געביטן די באַרשט אויף אַן אַנדערער, כּדי דורכצופּאָרן אַלע טעפּיכער. אָפּגעשטויבט אַלע טישן מיט דעם בופעט לענג־אויס דער וואַנט, האָט זי גלייך זיך גענומען צו דער פּאָרמייקע מיט אַ ספּעציעלן געמיש פון זייף און זאַלץ־זויער, וואָס זי אַליין האָט אויסגעטראַכט. די בילדער, האָט סולטאַנאַ געוווּסט, זענען זייער טייערע. דאָס האָט איר איינמאָל דערקלערט עווּאַ, אַפילו אָנגערופן אייניקע נעמען פון מאָלער. האָט סולטאַנאַ געהאַט פּאָר זיי אַ באַזונדער טיכל, ווייך ווי קאַמעל־האָר און ריין, אַן איין שפּרינקעלע.

עווּאַ האָט דערציילט אין קאַפּע נסים וועגן סולטאַנען. ווי קלוג זי איז און ווי איידל. מען הערט ניט קיין הויך וואָרט פון איר. די חברטעס האָבן געאַייקעט, באַוווּנדערט סולטאַנעס ספּריטנעקייט, זיך געווונטשן — הלוואַי ביי מיר אַזאַ...

איז נאָך ווייניק, איז סולטאַנאַ אָרנטלעך. גאָלד צו לייגן פּאַר איר וועט זי דאָס ניט אָנרירן, אַזוי האָט עווּאַ געריימט איר עוזרת. זי, סולטאַנאַ, געפינט אַמאָל אַ מטבע אויפן דיל, מן הסתם אַרויסגעפאַלן פון דעם מאַנס הויזן־קעשענע, ברענגט זי דעם אוצר צו עוואַן און ביידע לאַכן פון דעם געפינס.

האָט עווּאַ באַשלאָסן, אַז דאָ וועט זי קעמפן ביזן סוף. זי וועט ניט נאָכגעבן. ס'איז ניט קיין אומגליק אויפצושטיין איין מאָל אין וואָך אַ ביסל פריער. מען קאָן זיך אויסשלאָפן נאָך מיטאָג.

— סעוועק, עס קומט ניט אין פראַגע. כ'וועל סולטאַנען ניט אַנטזאָגן!..

דער רייש פון דעם פּויליש־לשון האָט שאַרף געשאָסן פון עווּאַס מויל, ניט געלאָזט אויפהויבן דעם קאָפּ אַ מינדסטן קעגן־

באַשלוס. דער מאַן האָט גאָרניט געזאָגט, האָט זי ממשיך געווען, שוין אַ ביסעלע ווייכער:

— דו ווייסט ניט וואָס דאָס הייסט היינט געפינען אַן עוזרת, און נאָך אַזאַ ווי זי. אויסער דעם בין איך צוגעוווינט צו איר. זי איז אַ גוטער פריינד. גלויב מיר, מער ווי אַ צען באַקאַנטע, וואָס באַרעדן דיך פון קנאה. אַ שטילע טויב, אַ הייטערע, און גאָר ניט קיין נאַר, גלויב מיר.

— אין וואָס באַשטייט איר חכמה?

— זי זאָגט אַמאָל אַ וואָרט, ס'איז אַ פאַרגעניגן צו הערן.

— דערפאַר דאַרף איך קומען אַלע זונטיק אין ביוראָ ווי שיכּור? אָט האָב איך היינט אַן ענין אין געריכט, און איך חלש שלאָפן.

עווא האָט געפּרוווט פאַנגען איר מאַן מיט אַ שמייכל, מיט אַ קוים באַמערקבאַרן פאַרזשמורען אַן אויג:

— דו חלשסט נאָך עפּעס, סעוועקל... איז לאָז ניט אויס דעם כּעס צו סולטאַנען.

גראָסבערג האָט זיך געבייזערט:

— וואָלסט זיך געשעמט אַזוי צו רעדן. דאָס פּאַסט, איך ווייס פאַר וועמען... בעניעק האָט דאָ געדאַרפט זיצן...

עווא האָט צוריקגעוואָרפן דעם מאַנס שטאָך:

— זיצט ער דאָך אין אַמעריקע.

— איך האָב אים דאָרט ניט געשיקט לערנען.

— און איך האָב אים דאָרט ניט גערעדט קיין שידוך...

זיי האָבן קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט זיך צו מאַכן קעגנזייטיקע פאָרוווּרפן צוליב דעם וואָס דער איינציקער זון איז ניט מיט זיי, כּאילו עמיץ פון זיי איז טאַקע געווען שולדיק, וואָס זייער בן־יחיד האָט זיך באַקאַנט אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט אַ מיידל, דאָרט חתונה געהאַט, און אַנשטאָט אַריינגיין נאָכן ענדיקן לערנען ווי אַ שותּף אין דער תּל־אביבער אַדוואָקאַטן־קאַנצע־לאַריע, איז ער גאָר געבליבן אין דער ווייט מיט ווייב און קינד. דער ווייטיק פון צעשיידונג האָט עוואַן און איר מאַן פאַראייניקט

אין אַ בשותפותדיקער שטיל־שווייגעניש. ביידע האָבן עטלעכע רגעס פאַרגעסן וועגן דער מחלוקת איבער סולטאַנען.

✶

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעשלאָגן זיבן. אין הויז איז געווען רויק. מען האָט דייטלעך געהערט דעם טיק־טאַק פונעם בראָנזענעם אַנטיק, וואָס האָט דערמאָנט דעם טאַטנס היים. אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט זיך דער ערשטער געכאַפּט, אַז אייגנטלעך דאַרף דאָך איצט זיין אַ רעש אין די צימערן. מען הערט ניט דאָס זשומעריי פונעם שטויב־זויגער, דאָס קלאַפּן די טעפּיכער. סולטאַנאַ רוקט ניט דאָס מעבל, שלעפּט ניט די שווערע פאָטעלן. שטיל, רויק, ווי סולטאַנאַ וואָלט דאָ גאָרניט געווען. גראָסבערג האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן אויף דער ווייב. עוואַ האָט געצוקט מיט די אַקסלען. איז זי אַוועק אין סאַלאָן אַ קוק טאָן וואָס איז געשען. גלייך האָט גראָסבערג דערהערט פון דאָרט געשרייען:

— סעוועק! סעוועק! קום שוין אַהער!

גראָסבערג האָט זיך אַ ריס געטאָן פון טיש, שיעור ניט אומגעפאַלן איבער דער באַרשט. אין סאַלאָן איז עוואַ געשטאַנען איבערגעבויגן איבער סולטאַנען, וועלכע איז געזעסן אָן איינגעהויקערטע אין אַ פאָטעל, מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים.

— סעוועק, זי וויינט! דו הערסט? זי וויינט!

גראָסבערגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, האָט סולטאַנאַ געהערט דאָס גערייד? אָבער מען האָט דאָך גערעדט אויף פּויליש...

עוואַ האָט געגלעט איר עוזרת דעם קאָפּ:

— סולטאַנאַ, טייערע, זאָג וואָס איז געשען?

סולטאַנאַ האָט אָפּגעווישט די לעצטע טרערן, צעשמירט זיי איבער די באַקן און זיך שטיל אָפּגערופן:

— ער האָט מיך געשלאָגן...

ביידע, עוואַ מיטן מאַן, האָבן צוזאַמען אויסגעשריען:

— ווער? ווער האָט דיר געשלאָגן?

אַ רגע האָט זיך סולטאַנאַ געקווענקלט — זאָגן, אָדער ניט. לסוף האָט זי מגלה געווען:

— מיין מאַן, דזשאַקאָב...

עוואַ איז געווען אויסער זיך:

— וואָס הייסט — שלאָגן? פאַרוואָס? ניין, מיר אינטערעסירט ניט פאַרוואָס... איך...

דאָ האָט זי גענומען צוהילף דעם מאַן:

— סעוועק, דו שרייבסט שוין אַ בריוו... ניין, דו טעלעפאָנירסט גלייך צו גאָלדשמידן פון דער משטרה. זאָל ער שוין שיקן אַ שוטר יענעם זאָל אים באַרויִקן. אַזאַ... אַזאַ דאַרף מען גלייך איינזעצן, ער זאָל האָבן צו געדענקען. אַזאַ שאַנדע...

סולטאַנאַ האָט זיך אָנגעהויבן בעטן:

— גברת עוואַ, לא צריך, מען דאַרף ניט. ס׳איז טאַקע אַ בושה. תסלחו לי, ס׳האָט מיר דאָס האַרץ געברענט, האָב איך געוויינט...

אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט דאָס ערשטע מאָל זיך צוגעקוקט בעסער צו דער עוזרת. די פאַרלוירנקייט האָט אויסגעאיידלט איר פּנים. די רויטע, אָנגעדראָלענע הענט האָט זי איינגעשלאָסן צווישן די קניען. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין פאָטעל און געקוקט פאַראויס צו אַ פרויען־פאָרטרעט אין אַ שווערער ראָם, וואָס אויף דער וואַנט אַקעגנאיבער, ווי זי וואָלט פון יענער געשטאַלט געזוכט צו שעפּן איר פאַרלאָרענע ווירדע.

גראָסבערג האָט זיך אָנגערופן:

— סולטאַנאַ, איך פאַרשטיי, אַז ס׳איז זייער ניט אָנגענעם; אָבער זאָג מיר פאַרוואָס האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט אויף דיר. אפשר איז ער גאָר געווען אַ ביסל שיכּור...

סולטאַנאַ האָט אונטערגעכאַפּט:

— ניט קיין ביסל...

עוואַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— אָבער דו האָסט דאָך מיר דערציילט, אַז ער טרינקט שוין לאַנג. האָט ער דיך פריער אויך געפּרוּווט געבן אַ קלאַפּ?

— לאַ, גברת... איך ווייס... בלויז אַ זידל־וואָרט. אָבער וואָס וועל איך גיין פאַרנעמען דעם אָדון מיט מיינע מעשׂיות...

עוואַ האָט ניט נאָכגעלאָזט:

— ניין, ניין, סולטאַנאַ, ס׳איז נאָך פרי. ער האָט צייט. דערצייל אים...

— נו, אויב איר ווילט... אַלץ איינס דאַרף איך עפּעס זאָגן דער גברת.

גראָסבערג און עוואַ האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע.

— זה ככה. דזשאַקאָב, ער אַרבעט ניט שטענדיק. דאָ איז אים שווער, דאָרט גיט מען אים ניט קיין כּבוד... ער זיצט מער אין קאַפע אויפן ראָג גאַס און שפּילט אין שעש־בעש. איך ווייס נאָר ספּאַנדזשע און ספּאַנדזשע. האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין מועדון פון אונדזער שכונה קומט יעדע וואָך אַ חיילת לערנען אַלעמען לייענען און שרייבן. בין איך דאָרט אויך אַוועק. אוי, וואָס פאַר אַ חיילת... יונה הייסט זי. וויל ניט דזשאַקאָב איך זאָל דאָרט גיין. ער האָט מוראַ די חברים וועלן לאַכן פון אים. זיין ווייב וויל ווערן אַ מלומדת. זיי וועלן אים ניט געבן קיין כּבוד. ער אַליין קאָן אויך קוים שרייבן און לייענען. זאָג איך אים — דזשאַקאָב, לאָמיר דאָרט ביידע גיין. האָט ער נאָך מער געשריען. אפשר שעמט ער זיך, אין זיין עלטער; אָבער מיר זענען ניט די איינציקע. קאָן זיין, אַז ער האָט אויך מוראַ, כ׳וועל דערנאָך ניט וועלן גיין מאַכן ספּאַנדזשע, ניט ברענגען קיין געלט אינדערהיים. נעכטן איז אַרויס אַ קריג. כ׳האָב אים געזאָגט — דזשאַקאָב, ווילסט מען זאָל דיר געבן כּבוד. פאַרוואָס? פאַר מאַכן קינדער? יעדער אייזל קאָן עס...

עוואַ האָט זיך געוווּנדערט:

— אַזוי האָסטו אים געזאָגט?

— יאָ, אַזוי... דערפאַר האָט ער מיר...

דאָ האָט זיך אָפּגערופן אַדוואָקאַט גראָסבערג:

— אָבער איר אַלע, פון יענע לענדער, פון די אַראַבישע.. איר לעבט דאָך שוין יאָרן אַזוי...

סולטאַנאַ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון פּאָטעל. זי האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט גאָרניט ווי איר שטייגער. איר הכנעה איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. אַלע געצווימטע עוולות, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געטראָגן אין זיך האָט זי געוואָלט איצט אויסלייגן פאַר איר באַלעבאָס, דעם אַדוואָקאַט גראָסבערג:

— כ׳בין פינף און פערציק יאָר. זעקס קינדער האָב איך געבוירן. צוויי זענען געשטאָרבן אין דער מעברה. דריי האָבן שוין חתונה געהאַט, אַוועק פון דער היים. דער ייִנגסטער, אַבנר, איז אין צבא. אין מאַראָקאָ האָט מען אונדז ניט געלערנט. בלויז רייכע קינדער זענען געפאָרן קיין פעז אין שול אַריין. צו פערצן יאָר האָט מען מיך חתונה געמאַכט. מען האָט אונדז געבראַכט אַהער, אַריינגעוואָרפן אין די מעברות און געלאָזט אויף הפקר. ס׳האָט קיינער ניט געזאָגט — די מאַמעס אַליין זענען נאָך קינדער, מען דאַרף זיי לערנען. פאַרוואָס האָט מען געלערנט די, וואָס זענען געקומען פון אייערע לענדער? איך ווייס דאָך גאָרניט. איך וויל אויך אַריינקוקן אין אַ צייטונג. איך וויל אויך קאָנען לייענען די עברית־איבערזעצונגען אין די פילמען אויף דער טעלעוויזיע. איך וויל קאָנען אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער צו מיין אַבנרן, אין צבא. מיר קומט גאָרניט? נאָר מאַכן ספּאָנדזשע? יאָרן ווי איך האָרעווע. אַלץ פאַרן שטוב, פאַר די קינדער. אַלע האָבן ביי מיר געענדיקט אַ שול. די טאָכטער איז אַ גננת אין קרית שמונה. איין זון איז אַ פקיד אין ממשלה. אים גיט מען טאָקע כבוד. דער אָדון זאָגט, אַז מיר לעבן שוין אַזוי יאָרן. זענען מיר פאַרמשפּעטע? אייך איז גוט צו רעדן. איר זענט געקומען אין לאַנד מיט פאַכן, מיט מקצועות. איר זענט די דאָקטוירים אין קופת־חולים, די מנהלים אין די משרדים. שיהיה לכם לבריאות, עס קומט אייך. איר זענט געלערנטע; אָבער האָט מען שוין אונדז געבראַכט אַ הער, קומט דאָך אונדז מען זאָל צונעמען פון אונדז די בושה צו דאַרפן זיך אונטערשרייבן מיט אַ פינגער־דרוק... אַזעלכע ווי איך זענען פאַראַן אין לאַנד

טויזנטער. זענען מיר גוט נאָר אויף מאַכן ספּאַנדזשע? און פאַרוואָס זאָל איך, ווען איך וועל שוין זיין אַלט, זיצן און קוקן אויף די ווענט, ווי אַ פגירה?

אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט זיך שוין מכין געווען איר צו דערווידערן, אויפווייזן, אַז ס'איז ניט אַזוי, אַז... אָבער ביז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן אַרגומענט אָפּצופרעגן סולטאַנעס טענות, האָט זי צוגעגעבן:

— און איר, גברת עוואַ, זאָלט ניט זיין אין כעס. היינט אַרבעט איך דאָס לעצטע מאָל ביי אייך. איך וויל זיך ניט קריגן מיט דזשאַקאָבן. ער איז פאַרט מיין מאַן. כ'מוז אויפהאַלטן שלום בית. פאַר די קינדער. האָב איך אָפּגערעדט מיט דער גברת זוסמאַן. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איר מיידעלע, זהבה, וועט מיר לערנען לייענען און שרייבן אויב כ'וועל קומען צו איר מאַכן ספּאַנדזשע. דזשאַקאָב וועט גאָרניט וויסן. ער וועט האָבן זיין כבוד און איך וועל קאָנען רויק לערנען.

עוואַ האָט זיך אָנגעצונדן:

— אַזאַ שלאַנג, אַזאַ אויסוואורף! איך האָב איר דערציילט וועגן דיר, זיך באַרימט. אַלץ מיין נאַרישע צונג... האָט זי דיך איצט אָפּגערעדט פון מיר. אַזאַ שפּלע באַשעפעניש. כ'וועל איר טרעפן אין קאַפע, דראַפּע איך איר אויס די אויגן...

— גברת עוואַ, איך בעט אייך, ס'איז ניט אַזוי. דאָס האָב איך איר פאַרגעלייגט. צוליב איר מיידעלע, זהבה.

עוואַ האָט זיך געווענדעט צום מאַן:

— סעוועק, זאָג עפּעס, וואָס שוויגסטו?

אַדוואָקאַט גראָסבערג האָט געהויבן די אַקסלען:

— כ'האָב דווקא אַ סך וואָס צו זאָגן וועגן דעם, וואָס סולטאַנאַ האָט גערעדט, אָבער וועגן דער אַרבעט...

דאַ האָט עוואַ אַרויסגעפּלאַצט:

— וועל איך זאָגן וועגן דער אַרבעט! סולטאַנאַ, פון היינט אָן זיץ איך מיט דיר און לערן דיר אַ שעה לייענען און שרייבן. כ'בין געווען די בעסטע אין אולפּן. כ'וועל זיין ניט קיין ערגערע

מורה ווי די חיילת אין מועדון. די שעה וועט דיר פֿאַררעכנט ווערן ווי ספּאָנדזשע מאַכן. וועסט קריגן באַצאָלט ווי תּמיד. די גברת זוסמאַן וועט פּלאַצן און ביי מיר וועסטו אַרבעטן, ניט ביי איר!

אַדוואָקאַט גראָסבערג איז אַוועקגעפֿאָרן אין ביוראָ זיך צוגרייטן צו אַ פּראָצעס, ווו ער דאַרף פֿאַרטיידיקן איינעם אַן אבוטבול, וואָס אים דראָט יאָרן פֿאַר עפּענען ביינאַכט אַ מחסן אין יפֿוער פּאָרט. דאָס ווייב האָט ער איבערגעלאָזט מיט דער עוזרת,ביידע איבער־געבויגן די קעפּ איבער אַ לערן־ביכל מיט קינדערשע, נאַיווע אילוסטראַציעס.

כנור דוד

כנור דוד

אָסיף גריגאָריטש איז געגאַנגען צו דער טאָכטער מיט אַ שווערן טראָט און אַ שווער האַרץ. פון דער רגע ווען ער איז אַראָפּ פונעם אויטאָבוס, וואָס האָט אים געבראַכט קיין תּל־אביב — פון דער רגע איז געגנוג געווען אַ פונק אָנצוצינדן די לאָדונג אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים זינט ער איז געקומען קיין ישׂראל. דאָס מאָל איז דער פונק געקומען ממש פון הימל. דער חמסין האָט אים געבראַכט. די היץ האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין געמיט. אָסיף גריגאָריטש האָט צעקנעפּלט דאָס העמד, פאַרקאַשערט די אַרבל הויך איבער די עלנבויגנס, אָבער דאָס האָט אים ווייניק געהאָלפן גובר צו זיין די חמימה. דער זאַלציקער שווייס האָט אים געביסן ביים האַלדז. די הייזן האָבן זיך געוויקלט אַרום די שענקלען ווי צעפּאַרעטע באָד־ליילעכער. אין די ווינקלען אויגן האָבן אַזוי ווי זעמדעלאַך געטרעסטשעט. די אייגענע הויט איז אים געווען איבעריק. אָסיף גריגאָריטש האָט פאַרביסן די טרוקענע ליפּן און געשפּאַנט דורך די פּאָר גאַסן צו דער טאָכטער אין כּעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער הייסער וועלט. אַ וועלט פרעמד פאַר אים און אומהיימלעך.

דער עיקרשט האָט דער חמסין צעברענט אין אָסיף גריגאָריטשן דער כּעס אויף דער טאָכטער, וואָס דורך איר און צוליב איר איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן פון זיין לענינגראַד אין אָט דעם הייסן לענדל, ווו די זון שיינט צו העל און דער רעגן, ווען ער קומט שוין, פאַרשווינדט פאַר דער צייט. דאָס האָט זי, אַלגאַ, זיך איינ־געעקשנט — נאָר אַוועקפאָרן. דאָס האָט זי געשריבן ביטעס, געלאָפן אין די אַמטן. דאָס האָט זי, מיט איר אַוועקפאָרן ,אַלץ אַזוי פאַר־קריפּלט, אַז ער האָט געדאַרפט אין זיינע יאָרן, ביי די זיבעציקער, איינלייגן אַלץ אין מגושמדיקע וואַליזעס און זיך לאָזן אויף אומבאַקאַנטע וועגן.

אָסיף גריגאָריטש האָט באַשלאָסן היינט אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ אויף אַלגאַן. צוליב דעם באַקומענעם בריוו פון דער צווייטער טאָכטער, פון ראַזען, וואָס איז געבליבן אין לענינגראַד, ווייל מען האָט איר אָפּגעזאָגט דעם אַרויספּאַר. האָט ער אָנגעטאָן די מאָסקווער כראָם־שיך, דאָס געקעסטלט העמד, אַרויסגעצויגן די בעסערע פּאַר הויזן, צו דיק פאַר דעם ישׂראלדיקן זומער, און זיך געלאָזט, מיט דעם בריוו אין הויזן־טאַש, פון אשדוד, קיין תּל־אביב. דער בריוו האָט אים אַזוי צערודערט, אַז ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן אין זיין קליינער דירהלע, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט אין אַ נייעם שיכּון אויף אַ ברעג פעלד, און געמוזט פאַרן אויסלאָדן אַלע זיינע פאַרדרוסן.

אַלגאַ, די טאָכטער, איז געווען דער אַדרעס דערצו. זי האָט, ווי אַ בופלאָקס, אַלץ צעטראַמפּלט אויפן וועג אַהער. ניט געטראַכט וועגן קיינעם, בלויז וועגן זיך, וועגן מאַן און וועגן זעניטשקען, דאָס מיידעלע זייערס. און ניט אַזוי וועגן זיך און דעם קינד, ווי וועגן דעם מאַן, דעם דאָקטאָר, דעם ספּעציאַליסט פאַר פוטבאָליסטן און אַטלעטן.

וואָס נאָענטער ער איז דערגאַנגען צום זייטיקן געסל מיט די בוימער פון ביידע זייטן, ווו די טאָכטער האָט געהאַט איר וווינונג, אַלץ מער האָט דער כּעס זיך צעברענט אין אים. די גרינע בוימער־קרוינען האָבן אים ניט לייכטער געמאַכט. ער איז געגאַנגען פאַרביי זיי גלייכגילטיק, ווי פאַרביי אַ פאַרביקער רעקלאַמע, וואָס ס׳איז שוין נמאס געוואָרן צו קוקן אויף איר. ער האָט בלויז פונדאָסניי באַוווּנדערט אַלגאַס ספּריטנעקייט. ווי זי האָט זיך עס אַזוי אָריענטירט אין דעם ישׂראלדיקן ווירוואַר, פאַרקויפט אַ ביסל צירונג, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן, געמאַכט הלוואות איבערן קאָפּ, געקויפט אַ וווינונג אין מיטן שטאָט און פּטור געוואָרן פון דעם שיכּון מיט די פאַרענישן אויף די אויטאָבוסן. און אַלץ אין קאַרגע צוויי יאָר. אמת, מען האָט איר געהאָלפן אין אָרקעסטער, ווו זי שפּילט, אָבער דער קאָפּ האָט ביי איר אויך גוט געאַרבעט...

די באַוווּנדערונג פאַר דער טאָכטער האָט אים ניט לייכטער

געמאַכט. מיט אַ פאַרקרימט פּנים, אַ פאַרשוויצטער, איז ער אַריינגעפאַלן אין אָלגאַס פאָדער־צימער, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ טונקעלער קילקייט צוליב די אַראָפּגעלאָזטע סטאָרן איבער די פענצטער.

אַריינגעקומען צו דער טאָכטער, האָט אָסיף גריגאָריטש גלייך אויסגעטאָן די שיך. די פיס־זוילן האָבן אים געברענט און די שוייס־בלאָטערן, וואָס ער קאָן פון זיי ניט פּטור ווערן, האָבן אים געביסן, כאָטש נעם און שאָב אַראָפּ די הויט.

אָלגאַ האָט זיך זייער געוווּנדערט אויפן טאַטנס וויזיט.

— פאָרן פון אשדוד אין אַזאַ חמסין...

— און ווען איז דאָ ניט קיין חמסין? ווען איז דאָ בכלל קאַלט?

אָלגאַ האָט געשמייכלט. אָסיף גריגאָריטש האָט אַ רגע זיך אַ שפּיגל געגעבן אין דער טאָכטערס סמאָגלען פּנים, אין אירע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אַזוי מילד אויף דער גאַנצער וועלט. „ווי איר מאַמע אַמאָל" — איז אים אַדורך אַ מחשבה, וועלכע ער האָט באַגלייט מיט אַ טיפן זיפץ.

— פּאַפּאָטשקאַ, וואָלסט אפשר זיך איבערגעטאָן? כ׳וועל דיר געבן וואָלאָדיעס אַ פּידזשאַמע...

אָסיף גריגאָריטש האָט זיך פאַרקרימט:

— אַ פּידזשאַמע? אין מיטן טאָג? וואָס בין איך, פון איראַק?

אָלגאַ האָט געלאַכט:

— זעסט דאָך... זיי פאַרשטייען בעסער ווי צו לעבן מיטן חמסין.

— אַזוי זעט טאַקע אויס דאָס לעבן דאָ... נאָך אַ פּאָר יאָר וועלן די היגע דעפּוטאַטן פון וויערכאָוונעם סאָוויעט, פון דער כנסת, קומען צו די זיצונגען אין פּידזשאַמעס...

אָלגאַ האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק דעם פאָטערס טענות צו דער מדינה. מען וואַרפט שמוץ אין מיטן גאַס. מען שטופּט זיך אין די אויטאָבוסן, די יוגנט איז ניט קולטורנע, מען פאַרט ווי די ווילדע. אויף דעם אַלעם האָט זי קיין ענטפער ניט געהאַט, ס׳איז אַלץ אמת געווען. זי האָט בלויז געהאַט אַן ענטפער אויף דער טענה

וועגן פֿאַרלאָזן לענינגראַד און קומען אַהער. איז אָבער דער ענטפֿער אויף דעם געווען צעשפּאָלטן. וועגן איר באַשלוס צו פֿאָרן קיין ישׂראל האָט זי געהאַט וואָס צו זאָגן; אָבער וועגן דעם קומען אַהער פֿון טאַטע־מאַמע האָט זי געהאַט ספֿיקות. אפֿשר האָבן זיי טאַקע געדאַרפֿט בלייבן. זי, די מאַמע, מיט אירע באַזוכן אין ערמיטאַזש, אינעם גרויסן בילדער־מוזיי, און ער מיט זיין קאָלעקציע פֿידלען — מיט דעם גוואַרנערי, די צוויי גאַליאַנאָס, דעם אַמאַטי — אַלץ זעלטענע אינסטרומענטן. און אחרון אחרון חביב — זיין באַליבטע פֿידל, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק, נאָך פֿאַר דעם קריג, אָפּגעקויפֿט ביים קאָמפּאָזיטאָר רימסקי־קאָרסאַקאָוו. לאַנגע ווינטער־אָוונטן פֿלעגט ער זיצן און זיך צאַצקען מיט דעם פֿידל, ווי מיט אַ געליבט קינד. ער איז ניט מיד געוואָרן צו דערציילן אַלעמאָל די זעלבע געשיכטע, ווי רימסקי־קאָרסאַקאָווס זיידע, דער בייזער פּריץ, האָט געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער מיט ייִדישע מוזיקאַנטן. אויף דעם פֿידל האָט טאַקע געשפּילט אַ ייִדישער כּלי־זמר. איז נאָך ווייניק, איז אין פֿידל געווען אַריינגעקלעבט אַ שטיקל פּאַרמעט מיטן אויפֿשריפֿט „כּנור־דוד״. אָסיפּ גריגאָריטש איז געווען שטאָלץ אויף דעם ייחוס פֿון אָט דעם אינסטרומענט, וואָס ווער ווייס ווי און ווען מען האָט אַריינגעקלעבט אין אונטערדעק פֿון פֿידל אַן אויפֿשריפֿט מיט ייִדישע אותיות.

דאָס זענען געווען די איינציקע ייִדישע אותיות אין דער גאַנצער שטוב. האָט עס דאָך געדאַרפֿט דינען ווי אַ קוריאָז; אָבער ניט ביי אַלגאַן. זי איז געלאָפֿן צו דער באָבע, צו אָסיפּ גריגאָריטשעס מאַמע, וואָס האָט געלעבט אויף אַ ווייטער, זייטיקער גאַס אין אַ געוועזענער פּירשטלעכער וווינונג, ווו יעדער שכן האָט געהאַט אַ צימער, אָדער ווו אַ צימער האָט געהאַט צוויי שכנים. די באָבע האָט געהאַט מזל. זי האָט געוווינט אין אַן אַלקער פֿאַר זיך. אמת, אַן אַלקער בלויז אָוועקצושטעלן אַ בעטל, אַ שמאָלע שאַפֿע און אַ טישל מיט איין שטול, אָבער פֿאַר זיך. דאָרט איז אַלגאַ געלאָפֿן נאָך די לעקציעס אין שול פֿרעגן ביי דער באָבען אויף נאָך ייִדישע אותיות. און די באָבע האָט געהאַט נאָך. זי האָט געהאַט אַ מחזור,

צוויי סידורים און אַ צעריסענע צאנה וראנה. דאָס האָט די באָבע פון דאָרט אַרויסגעלייענט האַלב אין ייִדיש, האַלב אין רוסיש, מעשׂיות וועגן ארץ־ישׂראל. דאָס האָט די באָבע איר מגלה געווען, אַז עס איז פאַראַן אַ ייִדישער גאָט אויף דער וועלט. אַלגאַ פלעגט קומען פון דער באָבען אַ פאַרחלומטע. זי האָט אָנגעהויבן פרעגן וועגן זאַכן, אויף וועלכע ס'איז געווען שווער צו ענטפערן. אַסיף גריגאָריטש האָט איר תּמיד אָפּגעפּטרט — ביסט נאָך אַ קליין מיידל, ס'איז ניט פאַר דיין קאָפּ. אָבער אַלגאַ האָט זיך ניט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג. זי איז געגאַנגען צו דער באָבען, יענע זאָל איר זאָגן, פאַרוואָס האָבן ייִדן זייער אייגענעם ניי־יאָר און צו זשידאָווקאַ און יעוורייקאַ איז די זעלבע זאַך. די שטוב אירע איז געווען ניט רוסיש און ניט ייִדיש, נאָר סאָוויעטיש. אָפּגעריסן פון אַלץ, וואָס שטימט ניט מיט די פאַרטיי־לאָזונגען. אַסיף גריגאָריטש האָט געפירט זייער אַ פאַרזיכטיק לעבן. ער האָט זיך געניוג אָנגעזען, האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט קלייבן מוזיק־אינסטרומענטן. אַליין איז ער געווען אַ גוטער פידלער און זייער שיין פאַרדינט. אמת, אויפן ערשטן פּולט איז ער קיינמאָל ניט געזעסן, אָבער זיין זאַטן פּלאַץ האָט ער תּמיד געהאַט.

אַלגאַ האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער, ווי ער זיצט אַ באַרוועסער, מיט אַ צעבראַשטשעט העמד, דאָס פּנים איינגעפאַלן און פאַרצאַגט. ס'איז ניט געבליבן קיין שפּור פון דעם לענינגראַדער מוזיקער מיט דעם צוויי־באָרטנעם פידזשאַק און דעם אויסבינדער סאַליד צעלייגט אונטער דעם האַרטן קראַגן פון דער ווייסער העמד. אַלגאַ האָט שוין איצט געוווּסט אויף זיכער, אַז ער האָט געדאַרפט בלייבן דאָרט. אין זיינע יאָרן... וועגן שפּילן דאָ איז נישטאָ וואָס צו רעדן. מען פרעגט גלייך דעם עלטער...

אַזוי ווי אַסיף גריגאָריטש זאָל האָבן געלייענט דער טאָכטערס מחשבות, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— קוקסט, האַ? איך ווייס... די מאַמען גייט אויך ניט בעסער.

דאָס ווייב ביי אַסיף גריגאָריטש האָט זיך דאָ, אין ישׂראל, אינגאַנצן פאַרלוירן. די שפּע האָט איר צעטומלט. אין לענינגראַד

באַקומען אַ קילאָ מאַראַנצן איז געווען אַ פריידיקע געשעעניש. מיט אַ פּאָר טופל, געקויפט נאָך דריי שעה שטיין אין אוניווערמאַג, האָט מען זיך אַרומגעטראָגן באַווייזן אַלע שכנטעס. דאָס לעבן דאָרט האָט געהאַט איינגעשטעלטע, טאָגטעגלעכע צילן. און דאָ... איינגעקויפט אין מכּולת, אָפּגעקאָכט דעם מיטאָג, און דאָס איז עס... דער אומעט פּויזשעט אויף די ווענט. דאָס לשון איז אַ פרעמדס. די שכנים זענען פרעמדע. אַפילו די איינציקע פּאַלמע אין פעלד אַקעגנאיבער דעם שיכּון שטעכט די אויגן מיט איר אַנדערשקייט. זיצט זי טעג אין דער היים און שווייגט. דאָקטוירים האָבן אַ חשד אויף דעפּרעסיע.

— איך האָב דער מאַמען ניט צוגערעדט זי זאָל פאָרן.

— אָבער ביסט דאָך געווען ביי איר די צעפּיעשטשעטע, ניט ראָזע. דו ביסט דאָך געווען איר גאַנצע האָפענונג.

און דאָ האָט אָסיפ גריגאָריטש אָנגעהויבן איבערקרימען זיין ווייב:

— אַלגעטשקאַ, וויי איז מיר.. ווי וועט זי זיך געבן דאָרט אַן עצה. זי ווייס דאָך נאָר דאָס שפּילן... ווער וועט איר צוהיטן?...

— פּאַפּאָטשקאַ...

אָסיפ גריגאָריטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— וואָס איז אַרויס? די גיסט זיך זייער גוט אַן עצה אָן דער מאַמען אין תּל־אביב, און זי זיצט און קוקט אויף די ווענט אין אשדוד.

— וואָס קאָן מען מאַכן?... דו ווייסט דאָך, אַז מען גיט ניט קיין דירות אין תּל־אביב. איך... אַ דאַנק דעם אָרקעסטער... אַ פידלערין פון לענינגראַד... זיי האָבן געשריבן בריוו וועגן מיר...

— איך ווייס, איך ווייס... אָבער כ׳בין פון דעם ניט געהאָלפן.

— זעסטו, די באָבע מאַשע וואָלט זיך דאָ יאָ גוט געפילט. זי האָט גערעדט ייִדיש... דאַוונען געקאָנט...

— וואָס האָסטו זיך דערמאָנט, ווען ס׳איז שוין באַלד פיר יאָר ווי זי איז געשטאָרבן

אָלגאָ האָט די באָבען ניט פאַרגעסן. זי טראַכט אַזוי אָפט

וועגן איר. זי איז געווען בעסער צוגעגרייט צו אַ לעבן אין ישׂראל ווי אירע טאַטע־מאַמע.

ביי אָסיפּ גריגאָריטשן האָט זיך אַרויסגעריסן דער אַלט־באַקאַנטער זאָג:

— ניט געדאַרפט דיר נאָכפאָרן.

— כ׳האָב דאָך אייך געשריבן, אַז דאָ איז ניט לייכט, אַז דאָ...

— אָבער די מאַמע האָט ניט נאָכגעלאָזט. נאָר אַוועקפאָרן.

— ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז זי וועט זיך אַזוי פאַרלירן...

— איי, אָלגאַ, אָלגאַ, מיר זענען גוט צעבראָכן. מען איז געזעסן אין אַ גרויסער שטאָט, צוגעוווינט צום אייגענעם ווינקל. און דאָ... אַפילו די פידלען האָב איך דאָך געמוזט איבערלאָזן ביי ראָזען.

— אפשר ווען זי וועט פאָרן, וועט מען איר דערלויבן זיי מיטצונעמען.

— מיר האָט מען אָפּגעזאָגט, פאַרוואָס זאָל מען איר דערלויבן? און צווייטנס...

— וואָס צווייטנס?

— גאָרנישט... מ׳האָט דאָרט געלעבט ווי אַלע לעבן, האָט מען עס געדאַרפט אַזוי אָננעמען, און שוין...

אַזעלכע שמועסן זענען אָנגעגאַנגען בעת יעדן באַזוך פון אָסיפּ גריגאָריטשן ביי דער טאָכטער. אָלגאַ האָט זיך איצט אָנגענומען מיט נייעם געדולד און ווידעראַמאָל איבערגעחזרט אַן אָפּגענוצטן אמת...

— די עלטערע קאָנען לעבן ווי אַלע לעבן, אָבער מיר, די ייִנגערע, איז שווערלעך צו לעבן ווי אַלע.

אָסיפּ גריגאָריטש האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס האָט אייך דאָרט געפעלט? וואָלאָדיע האָט געהאַט אַ שיינע שטעלע. דו האָסט געשפּילט אין דער אָפּערע. זינעטשקע האָט זיך געלערנט. איר האָט געהאַט אַ וווינונג אין די נייע הייזער.

און דאָ האָט אָסיפּ גריגאָריטש אויסגעצויגן דעם ווייז־פינגער:

— און אַן אייגענעם זיס, אַן אויטאָ, האָט וואָלאָדיע געהאַט.

אָלגאַ האָט זיך באַמיט צו רעדן רויִק:

— פּאַפּאַטשקאַ, דאָס איז נאָך ניט אַלץ...

— ניט אַלץ? וואָס נאָך ווילסטו?

— דעם קאָפּ האַלטן אין דער הויך, דאָס וויל איך. דו ווייסט גאַנץ גוט ווי מען האָט וואָלאָדיען פאַרגאָסן בלוט. יעדעס מאָל ווען אַ פוטבאָל-קאָמאַנדע האָט געדאַרפט פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט מען מיטגענומען זי צו באַגלייטן דעם כאַמיאַ, דעם דאָקטאָר קאָנדראַטענקאָ, ווייל ער איז אַ רוס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז וואָלאָדיע האָט געראַטעוועט אַ שפּילער פון אַמפּוטירן אים אַ פוס. אין קלוב האָבן אַלע געוווּסט, אַז וואָלאָדיע איז אַ ספּעציאַליסט, אָבער מיטגענומען האָט מען דעם קאַנאָוואַל קאָנדראַטענקאָ. וואָס מיינסטו? וואָלאָדיע האָט ווייניק איבערגעלעבט, ווי מען באַליידיקט אין אים דעם ייִד?

— מען קאָן לעבן אָן פאָרן קיין אויסלאַנד.

אָלגאַ האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעשריען.

— מען קאָן לעבן אָן אַ סך זאַכן. מען קאָן לעבן און זיך ניט מאַכן הערנדיק ווי מען בורטשעט הינטער דיר, אַז די זשידאָווקע מיינט זי וועט דאָ זיין קאָנצערט־מייסטער. מען קאָן לעבן זיך ניט מאַכן וויסנדיק פון זינעטשקעס טרערן ווען די קינדער שרייען איר נאָך מיט אַ צעזונגענעם, ייִדישן אַקצענט — לייעטשקאַ, יאַיטשקאַ כאָטשעש?... מען קאָן...

אָסיפּ גריגאָריעטש האָט אַ רוק געגעבן פון זיך דאָס געטראַנק:

— און דאָ איז אַלץ שיין און גוט? דאָ הערסטו נישט חמור, וויז־וויז... דאָ זענען אַלע מלאכים?

— דאָ זענען אַלע ייִדן. מען קאָן אַדורכקומען. מיינסט אין אָרקעסטער ביי אונדז קושט מען זיך אין די פּיסקעלעך? ס׳איז פאַראַן אַ קנאה וועגן שפּילן סאָלאָ, וועגן אַ בעסערן פּלאַץ, אָבער דאָס איז נאַטירלעך. און וואָלאָדיע — ביז מען האָט אים געגעבן די שטעלע פון דאָקטאָר פאַר דער פוטבאָל-קאָמאַנדע? זיי האָבן זיך אויך געקרימט — פון רוסלאַנד, וואָס קאָן ער? אָבער ניט ווייל ער איז אַ ייִד, נאָר סתּם, די ישׂראלים טרויען ניט אויפן וואָרט...

אָסיפּ גריגאָריטש האָט פאַרקוועטשט אַ ברעג מויל פול מיט זלזול:

— נו, איז דאָך אַלץ גוט... וואָס האָסטו צו זאָרגן?

— איך זאָרג ניט וועגן זיך. איך זאָרג וועגן דיר, וועגן דער מאַמען.

אָסיפּ גריגאָריטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מיר זענען שוין פאַרזאָרגט...

ער האָט אַרויסגעצויגן ראָזעס בריוו פון הויזן־טאַש און געגעבן אַלגאַן:

— נאַ לייען.

ער האָט לאַנגזאַם געטרונקען דאָס קאַלטע וואַסער מיטן קאַרשן־זאַפט. אַלגאַ האָט שטילערהייט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עמיץ זאָל הערן, געלייענט וואָרט ביי וואָרט דער שוועסטערס בריוו:

— מיינע טייערע.

ווי איר ווייסט פון מיינע פאַריקע בריוו, האָט מען מיך באַזייטיקט פון דער אַרבעט אין פאַרלאַג נאָכן אָנגעבן די ביטע צו פאָרן קיין ישׂראל. סעריאָזשע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט געליטן אין דער שטיל צוליב מיין באַשלוס, נאָר גאָרנישט געזאָגט; אָבער מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז ער געקומען אַהיים און מיר געמאָלדן, אַז ער האָט אָנגעגעבן אויף אַ גט. „דו ווייסט דאָך — האָט ער מיר געזאָגט — אַז איך וועל מיט דיר ניט פאָרן. איך בין אַ רוס, דאָ איז מיין היים און איך וועל איר ניט פאַרלאָזן אויף גוט אָדער שלעכט". לויט זיינע רייד קומט אויס, אַז בעסער מען זאָל זיך גטן. ער האָט אויך אָנגעהויבן די לעצטע צייט צו טרינקען. ער קומט אַהיים אַ שיכּורער. איין מאָל האָט ער אַפילו געבראַכט מיט זיך אַ מיידל, וואָס אַרבעט אין זייער אינסטיטוט, זי איז געבליבן נעכטיקן. ביידע זענען געווען באַטרונקען. פּאַפּאַ, שטעלסטו דיר פאָר מיין סעריאָזשען, דעם אייד על ן סעריאָזשען, דעם ערנסטן בעמיקער, זאָל אַריינקומען אין שטוב אַ וואַקלדיקער מיט אַ צעווירענער, ביליגער מויד אונטערן אָרעם? איך ווייס, אַז איך, נאָר איך בין שולדיק אין דעם אַלעם. דאָס האָב איך

צעבראָכן אונדזער צוזאַמענלעבן. פאַרוואָס זענט איר נאָכגעפאָרן אַלגען, און מיך געלאָזט אַליין? כ׳בין אַן אַ גראָשן, כ׳האָב ניט וווּ צו גיין. מען גיט מיר ניט קיין אַרבעט. אין ערגעץ נישט. אַפילו צום ראַמען דעם שניי אויפן וואָקזאַל לאָזט מען מיך ניט צו. און איך בענק אַזוי נאָך אייך אַלעמען. כ׳האָב ניט צו וועמען זיך צוטוליען. כ׳בין געבליבן עלנט, אָן קיינעם. פּאַפּאַטשקאַ, זיי ניט בייז. כ׳וועל מוזן פאַרקויפן די אינסטרומענטן צו דינגען זיך אַ ווינקל און האָבן צום לעבן דערווייל. וואָס וועט זיין ווייטער ווייס איך ניט. אָבער דיין באַליבטע פידל, דו ווייסט דאָך, מיט דעם אויפשריפט אינעווייניק וועל איך ניט פאַרקויפן, אַפילו ס׳וועט מיר אויסקומען אויסגיין פון הונגער. אפשר וועל איך יאָ באַקומען די דערלויבעניש אַוועקצופאָרן, וועל איך טאָן אַלץ צו ברענגען דעם פידל קיין ישׂראל.

דאָס איז דערווייל מיינע נייעס, איך קוש אייך אַלעמען.

אייער ראָזע

אַלגאַ האָט שוין אין מיטן לייענען דעם בריוו אָנגעהויבן וויינען. און אַזוי האָבן איר די טרערן געזאַלצט די מויל-ווינקלען ביז זי איז געקומען צו דער לעצטער שורה.

אָסיפּ גריגאָריטש האָט אָנגעטאָן צוריק די שיך, זיך מכין געווען צו פאָרן אַהיים. אַלגאַ איז געזעסן אויפן ברעג סאָפע אַן איינגעקאָרטשעטע, ווי ס׳וואָלט איר קאַלט געווען. פון הינטער דער־פאַרמאַכטער טיר האָט מען געהערט דאָס מונטערע געהיפּער פון זינעטשקעס יונגע פיסלעך איבער די טרעפּ.

דער חמסין האָט נאָך אַלץ ניט נאָכגעלאָזט.

מאַרגאַ

מאַרגאָ

— נו, זאָג אַליין — וואָס קאָנען מיר טאָן? אַוועקשטעלן אַ שוטער נעבן דיר?

דאָס מיידל האָט ביטער געוויינט. ניט אַזוי ביטער, ווי עקשנותדיק. ס'האָט אויסגעזען ווי זי וועט שוין אַזוי בלייבן דאָ, אין דער משטרה, צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום הויכן באַריער, הינטער וועלכן ס'איז געזעסן דער דעזשורנער, און קלאָגן אַזוי לאַנג, ביז די לעצטע טרער. אַריינגעפאַלן אין דער פּאָליציי־סטאַציע איז זי אַ צעשויבערטע, מיט אַ פול מויל העסלעכע רייד. האַלב אַראַבישע, האַלב העברעישע ווערטער פון רינשטאָק. פריער האָט זי געבריקעט דעם באַריער, געמאַכט מיאוסע הוועיות. זי האָט אירע געשרייען באַגלייט מיט אַזעלכע הפקרדיקע זשעסטן, וואָס אַפילו דער דעזשורנער שוטער האָט זיך געקרימט פון זיי. דערנאָך איז זי פּלוצעם שטיל געוואָרן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין, וואָס מען האָט ניט געזען זיין סוף. זי האָט פאַרגראָבן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און אירע שוואַרצע, צעפּלאָשעטע האָר האָבן זיך געכוואַליעט ביי יעדן כליפּע. דער שוטער האָט געזיפצט, זיך געהויבן פון בענקל און ניט געוווּסט ווי ווייטער צו האַנדלען. פון אַ דערבייאיקער טיר איז אַרויס אַ שוטער זען וואָס איז דאָס געוויין. זיין קאָלעגע הינטער דער באַריער האָט זיך דערפרייט מיט אים, ווי יענער וואָלט געהאַט צוריקגעקומען פון אַ ווייטער רייזע.

— גרישע, אָט דער פאַל איז ווי פאַר דיר געבוירן. דו וועסט עפּעס לערנען. נעם זי אַריין צו זיך און פאַרנאַטיר די אַנקלאַגע.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו גרישען, געבלאָנדזשעט אַ רגע מיט איר פאַרטרערטן בליק איבער יענעמס מילדן, יונגן פּנים און אַ פרעג געטאָן דעם דעזשורנעם.

— אַ נייער?

— יאָ, מאַרגאַ, אַ נייער... גיי, ער וועט אַלץ פאַרשרייבן.
מאַרגאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך שעם מיך...

דער דעזשורנער האָט אויפגעלעבט:

— דו שעמסט זיך! מצוין, אויסגעצייכנט... אַ גוטער אָנהויב... זייער גוט. איז ווייסטו וואָס? גיי אַריין דאָרט... פון דער אַנדער זייט, וואָס אַרום ס׳פּנים, פאַרקעם די האָר און... איך בעט דיר, מאַרגאַ, זיי אַ מענטש. מאַך אַ סוף. מ׳וועט דיך אַמאָל געפינען מיט אַ מעסער אין זייט ווי אסנת׳ן, געדענקסט?

איידער מאַרגאַ איז אַרויס פון דער פּאָליציי־סטאַציע האָט זי נאָכאַמאָל אָנגעקוקט גרישען. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם טרויער אין אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, ווי צייטיקע פלוימען. אַזוי ווי זי איז אַריין אַהער אַ צעפלאַמטע מיט אַ מויל פול טענות, אַזוי האָט זי געשפּאַנט צוריק אַ פאַרשוויגענע, מיט שטילע, הכנעהדיקע טריט. גרישע האָט זי געוואָלט צוריקהאַלטן, פרעגן וואָס איז מיט איר געשען, אָבער דער דעזשורנער האָט אים געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט — לאָז זי גיין! איז זי אַוועק אין דרויסנדיקן חושך.

צוויי אַזייגער ביינאַכט, ענינים זענען ניט אָנגעלאָפן, האָט דער שוטר ביים באַריער געהאַט צייט צו דערציילן גרישען ווער מאַרגאַ איז:

— זי איז אַ זונה. אַלע קאָנען זי. איז אַלט הלוואי זיבעצן. מאַרגאַ איז אַרויס אין גאַס איז זי געווען אַ יאָר פופצן. איצט איז זי געקומען זיך באַקלאָגן, אַז מען האָט זי צעשלאָגן און צוגענומען ביז אַ גראָשן. ווען איך כאַפּ אים, נעם איך אים אַרויס די לעבער און וואַרף עס פאַר די הינט. אַ וועלט געוואָרן. אין מיינע צייטן האָט מען קיין זונות ניט באַרויבט. כ׳בין שוין איבער צוואַנציק יאָר אין דער פּאָליציי, נאָר דאָס וואָס איך זע זיך אָן די לעצטע צייט...

גרישע איז געווען זייער איבערגענומען:

— ביי אונדז, אין לענינגראַד, זענען אויך פאַראַן פּראָסטי־טוטקעס. זיי דרייען זיך נעבן די טעאַטערן. אָבער קיין ייִדיש מיידל

ווּעסטו דאָרט ניט געפינען. אַ ייִדיש קינד זאָל זיין אַ פּראָסטיטוטקע? ווען מען דערציילט עס מיר אין לענינגראַד, כ׳וואָלט...

— וואָס וואָלסטו? ניט געפאָרן אַהער? ארץ ישׂראל דאַרף אַלעמען...

— יאָ, אָבער...

— אפשר זאָל מען אימפּאָרטירן זונות פון רוסלאַנד?...

גרישע האָט געדעדט שטיל, ווי צו זיך:

— ווען מיר האָבן זיך געריסן אַהער, האָבן מיר זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט...

דער דעזשורנער האָט זיך אויפגערעגט:

— וואָס האָט איר זיך פאָרגעשטעלט? אַז ביי אונדז איז זיבן טעג אין וואָך שבת? אַז מען גלאָצט די אויגן צום הימל און מען האָלט אין איין זינגען הבה נגילה?

— ווען איך קאָן בעסער עברית, וואָלט איך עס דיר דערקלערט.

— דו קאָנסט גאַנץ גוט עברית. האָסט גאָרנישט וואָס צו דערקלערן. צו דערקלערן האָב איך.

— אַדרבא...

— דו ווייסט באַטש פון וואָסער שטוב זי איז אַרויס? איר אייגענער טאַטע האָט זי פאַרגוואַלדיקט!

גרישע האָט אויפגעציטערט:

— דערצייל מיר ניט...

— כ׳וועל דיר יאָ דערציילן. ביסט אַריין אַרבעטן אין דער פּאָליציי, דאַרפסטו עסן דעם שמוץ. מאָרגאָ איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. וועסט זיך דאָ, אין דער תחנה, געננוג אָנזען און גענוג אָנהערן.

— און איך האָב געמיינט אַז נאָר אין סיביר, אין די פאַר־וואָרפענע דערפער...

— וועסט עס דאָ אויך געפינען. דער טאַטע איז געקראָכן צו איר יעדע נאַכט און די מאַמע האָט אָנגעזאָגט זי זאָל שווייגן. אַ מיידל, אַ קינד נאָר, פון קאָרגע פופצן יאָר. מיינסט, אַז מיר

איז לייכט דיר צו דערציילן? מיינסט, אַז אין מיר ברענט ניט די נשמה?...

גרישע האָט געשוויגן. ער האָט געזען ווי דער דעזשורנער האָט פאַרבויגן די האַנטפלאַכן אין גרויסע צעווירענע פויסטן און זיי אָוועקגעלייגט, ווי צוויי שווערע זיגלען אויפן פּאָליציייִשן טאָגבוך. אין אַ רגע אַרום האָט ער צוגעגלעט זיינע געבאָליעטע וואָנסן, פליייסיק אויסגעראַזירט אין אַ שאַרפן בויגן, און ניט געבעטענערהייט ממשיך געווען:

— די גאַנצע שכונה האָט געוווּסט און קיינער איז ניט געקומען דערציילן. טאַמער האָט זי, מאַרגאַ, שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און געלאָפן צו אונדז, האָט איר אייגענע משפּחה, די פעטערס מיט די מומעס, זי צעשלאָגן ביז בלוט. זיי האָבן איר פאַרגעוואָרפן: אַן אייגענעם טאַטן גייסטו מסרן?...

גרישע האָט געשטאַמלט:

— ניט צו פאַרשטיין...

— דו וועסט עס זיכער ניט פאַרשטיין. ביסט פון אַן אַנדער וועלט. דו וועסט פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט אָפּהיטן דעם כּבוד, דעם כּבוד אין דער משפּחה? דער טאַטע זאָל גיין זיצן? און דער כּבוד ווו איז?

— כּבוד?...

ווי נאָר גרישע האָט אָנגעהויבן לאַכן אַזוי האָט ער גלייך אָנגעשטעקט וויקטאָרן, דעם דעזשורנעם. ביידע האָבן עטלעכע גוטע מינוט געקייכט פון געלעכטער.

— איצט פאַרשטייסטו שוין? כ׳וועל דיר זאָגן נאָך בעסער — אַז מיר האָבן אַרעסטירט דעם טאַטן אירן, און געמסרט האָט אים ניט מאַרגאַ, נאָר זיינער אַ קומפּל פון קאָרטן־שפּיל, האָט די מאַמע געשריען אויף איר — זונה! מען האָט מאַרגאַן אַרויסגעטריבן פון שטוב. די איבעריקע קינדער, זיבן שטיק, האָבן איר נאָכגעוואָרפן בלאָטע און געשריען צוזאַמען מיט דער מאַמען — זונה...

— פונוואַנען קומען אַזעלכע? ווו האָבן זיי געלעבט?

— דאָרט ווו איך האָב געלעבט.

— אין מאַראָקאָ ?
— וואָס איז אַן אונטערשייד ? פון יענע לענדער...
— צוליב וואָס האָט מען געבראַכט אַזעלכע... אַזעלכע...
— שוואַרצע חיות... כ׳ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן, כ׳ווייס...
— וויקטאָר, צוליב וואָס סתם רעדן ?...
— איז דו ניט, אָבער אַנדערע רעדן, זאָגן, ניט אַזוי ? חכמים. כ׳געדענק ווען מען האָט אונדז געבראַכט אין לאַנד אַריין. ווי פעקלער שמוציקע וועש האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אין די בלעכענע צריפים — און דאָס איז עס. מיין טאַטע האָט געהאַט דעם ריכטיקן כבוד, איז ער אַוועק קערן די גאַסן אין חיפה, ער האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט שפּילן שעש־בעש אָדער געלאָפן בעטן נדבות אין משרד הסעד. די מאַמע האָט געוואַשן דילן אין אַ משרד. מען האָט זיך ניט פאַרגונען אַן איבעריקן ביסן. זעקס קינדער זענען מיר געווען און אַלע האָבן געלערנט. דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ, אָן לערנען, וועט מען פאַרפאַלן ווערן. מיין ברודער איז אַ קצין ביי דער גרענעץ... אַ שוועסטער אַרבעט אין הדסה־שפּיטאָל. נאָך צוויי ברידער האָבן אַן אייגענעם משק. אַלץ אַליין. ווער האָט געהאַט אַן עסק מיט אונדז ? די גאַנצע מדינה איז געווען פאַרנומען, יעדער פאַר זיך. ס׳איז געקומען אַ פּוילישער, האָט ער דאָ געפינען אַ חבר, אַ פריינד. אַ רוסישער — אויך דאָס זעלבע. מען האָט זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט. און מיר ?...

— אָבער וואָס האָט עס אַ שייכות צום דעם מיידל, צו מאַרגאָ ? אַז איר טאַטע איז אַן אויסוואורף, איז שולדיק די מדינה ?
— ווער זאָגט ? איך רייד אין אַלגעמיין. אָט אַזאַ מאַרגאָ, אַפילו נאָכדעם ווי מען האָט זי פאַרטריבן פון שטוב, האָט מען זי געקאָנט אַרויספירן אויף אַ וועג. ניט זי זאָל זיך וואַלגערן אין די גאַסן און דערגיין צו זנות. דעם טאַטן האָבן מיר אַריינגעזעצט אויף פינף יאָר, און וואָס ווייטער ? מען האָט זי געשיקט אין אַ קיבוץ, איז זי פון דאָרט אַנטלאָפן. זי דאַרף אַ היים, ווער זאָל דאָס איר געבן ?

— טאַקע ווער?...

עמיץ איז אַריין מעלדן וועגן זיין געגנבעטן אויטאָ און דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן.

*

דערווייל איז מאַרגאָ געשטאַנען אויפן ראַנד שאָסיי און געוואַרט אפשר וועט זי ווער נעמען ערגעץ צו זיך אַהיים. זי האָט זיך דערוואַרט. אַ שאָפער מיט אַ לאַסט-אויטאָ האָט זי גענומען, אָבער ניט אַהיים, נאָר צו אַ זייטיקן וועג וואָס פירט צו פּרדסים. דער זויערער שווייס-ריח, וואָס האָט געוויייעט פון שאָפער, האָט ניט געקאָנט פאַרטרייבן דעם דופטיקן גרוס פון מאַראַנצן-בלי. יענער איז שוין לאַנג געווען אַוועקגעפאָרן און מאַרגאָ איז געלעגן נעבן פּרדס מיט דעם הונדערטער באַנקנאָט פאַרקוועטשט אין פויסט און געשלאָפן. עס האָט זיך איר געחלומט די שטוב, איר ווינקעלע ווו זי פלעגט זיצן מיט דעם שול-העפט אויף די קני...

פאַרטאָג האָט זיך מאַרגאָ אַרויסגעוויקלט פונעם שטיק ברעזענט, וואָס דער שאָפער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען. זי האָט געריבן די אויגן, און אין די ערשטע רגעס ביים באַגעגענען דעם בלויען, שטילן הימל, האָט זי זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווו זי איז. און אַז זי האָט זיך שוין ענדלעך דערמאָנט ווו זי איז, האָט זי ניט געוווּסט וווּאַהין זי זאָל גיין. דאָס האָט איר אָפּגענומען דעם גאַנצן חשק זיך צו שטעלן אויף די פיס. איז זי געבליבן ליגן פאַרקוקט צו די שפּיצן אייקאַליפּטוס-ביימער, וואָס באַשיצן די פּרדסים פון אַ בייזן ווינט אין די האַרבסט-טעג.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זי צעהירזשעטע אַרבעטער פאַרטריבן פון דאָרט. מאַרגאָ איז אַוועק אין שטאָט אַריין.

בראָניע און מיימון

בראָניע און מיימון

די באַזיצערין פון דער קאַפע „ראָזנגאַרטן“ אויף אַ תּל־אָביבער גאַס ניט ווייט פון אַלטן פּאָרט, איז אַ פרוי איבער די פופציקער. זי איז זיך נוהג צו עפענען דאָס געשעפט פּינקטלעך זיבן אינדערפרי. צוערשט שטעלט זי אַרויס די פּאָר טישלעך אויפן טראָטואַר, דערנאָך נעמט זי זיך צוגרייטן עסן פאַר אירע שטענדיקע געסט. אירע שטענדיקע געסט זענען די מעכאַניקער פון אַ גרויסן אויטאָ־גאַראַזש אין עק גאַס. דער פריערדיקער באַלעבאָס פון דער קאַפע, אַ דייטשער ייִד, וואָס איז געקומען אַהער אין די דרייסיקער יאָרן, האָט איר בעתן פאַרקויף דערציילט, אַז אַמאָל זענען אויף דער גאַס ניט געווען קיין גאַראַזשן, נאָר אויסגעפּוצטע געשעפטן, וואָס ייִדן, פאַרטריבענע פון דייטשלאַנד, האָבן דאָ געעפנט. דער אַמאָל איז אַוועק אויף אייביק צוזאַמען מיט די ערשטע אייגנטימער פון אָט די קראָמען. אויף זייער פּלאַץ זענען געקומען ייִדן פון מאַראָקאָ. יונגע, רונדע, אין געקעסטלטע רעקלעך. אַלע מיט וואָנסן. זיי האָבן ניט אויסגעפּוצט די שוי־פענצטער, נאָר אָנגעוואָרפן דאָרט סחורה וויפל ס'איז אַריין. יעדע קראָם האָט באַקומען אַ מראה פון אַ סקלאַד — שיך, הויזן, העמדער, אונטערוועש. נאָך זיי זענען געקומען וואַרשטאַטן, גאַראַזשן, און די גאַס איז אַריין מיטביידע פיס אין דער מדינה. די גאַס איז געוואָרן אויס דייטשער אינדזל.

האָט די איצטיקע באַזיצערין פון דער קאַפע „ראָזנגאַרטן“, וואָס אַלע קאָנען זי מיט דעם נאָמען בראָניע, אַרויסגענומען פון באַנק אירע מאַרקן. די מאַרקן האָט זי באַקומען פאַר זיצן אין לאַגער און פאַר חלומען רויטע חלומות וועגן אַ דייטש, וואָס האָט געשאָסן קינדער. דאָס געלט האָט ניט פאַרטריבן דעם חלום. ס'האָט בלויז פאַרלייכטערט די וואָר. בראָניע האָט געקאָנט רויִק לעבן, אָבער זי האָט געוואָלט זיין צווישן מענטשן, האָט זי אָפּגעקויפט דאָס געשעפט.

בראָניע האָט געמיינט, אַז צווישן ייִדן וועט זי ניט זיין אַזוי עלנט. דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז טאַקע אַ ייִדישע מדינה און אַ סך רעדן אַפילו דעם לשון פון איר געמיט — פּויליש, אָבער דאָס אַלץ קאָן ניט פאַרבייטן אַ מאַן און אַ קינד און אַ היימישן אָטעם. האָט זי זיך געוואָרפן אויף דער קאַפּע ווי אויף דעם לעצטן אָנהאַלט.

אַזוי ווי בראָניע האָט געזען, אַז גאָר ווייניק קומען צו איר טרינקען טיי אָדער קאַווע, האָט זי אויפגעהאַנגען אויף דער טיר אַ שילדל, אַז מען קאָן דאָ באַקומען פרישטיק. זענען איין מאָל, אַ זייגער צען אין דער פרי, ווען מען מאַכט אַ קורצע הפסקה אין גאַראַזש, געבליבן שטיין אויף דער שוועל צוויי בחורים. זיי האָבן זיך געוואַקלט אַריינצוגיין אינעווייניק, אין קאַפּע. עפּעס האָט זיך זיי ניט געגלייבט, אַז דאָרט, נעבן דער גלעזערנער וויטרינע פול מיט באַנבאַניערעס אין פאַרביקע שלייפן, ווי מיידלשע קעפּלעך, קאָן מען זיך אויסקוועצן אין די פאַרפלעקטע קאָמבינעזאָנען עסן פרישטיק; אָבער בראָניע האָט זיי מיט אַ האַנט־רוף געגעבן צו וויסן, אַז מען קאָן. זי האָט זיי געמאַכט פאַנקוכנס, צו דעם ברויט מיט פּוטער, קאַווע. ביידע האָבן באַצאָלט, געזאָגט אַז ס'איז געווען זייער גוט און פאַרזיכערט בראָניען, אַז ס'וועלן קומען נאָך אַרבעטער. ניט אַלע וויסן.

איך משך פון אַ פּאָר חדשים האָט בראָניע זיך איינגעשאַפן שטענדיקע געסט. אויפן פּלאַץ פון די עלטערע פּענסיאָנערן, וואָס רעדן צווישן זיך בלויז דייטש און ווערן אַלץ ווייניקער, זענען איצט געקומען אין קאַפּע יונגע, שוואַרצהאַריקע בחורים מיט בליציקע אויגן, און איינער איבער דעם אַנדערן גערופן צו בראָניען. פּאַר מיר וווּרשט! צעקלאַפּטע אייער אין אַ גלאָז! קאַווע אָן מילך! שוואַרצע ברויט!

און בראָניע האָט געדאַרפט צוויי מאָל איבערפרעגן יעדע באַשטעלונג, ווייל זיי האָבן געשלונגען דעם עברית נאָך איידער זי, בראָניע, האָט אים גוט צעקייט. וואָלטן זיי כאָטש גערעדט לאַנג־זאַמער, האָבן זיי געגאָרגלט דעם לשון שנעל, שנעל, אים דערביי

באַווירצט מיט אַראַבישע ווערטלעך, וואָס כאַרכלען פון דער קעל ווי ניט דערקווילעטע. צען אין דער פרי איז געשטאַנען אַ רעש אין קאַפע, אַ מין האַפערדיקע איילעניש. בראַניע האָט געפּרעגלט, געמאַכט קאַווע, פאַרבריט טיי, געשניטן פּאָמידאָרן, אוגערקעס געשיילט און מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם האַרמידער. אַ שמייכל, אַזאַ זעלטענער גאַסט, איז פאַרקראָכן אין אַ ווינקל צווישן אירע פולע ליפּן. ס׳איז איר געפעלן דער יאַריד.

און בראַניע איז געפעלן די בחורים. אַ בלאָנדע, מיט עטלעכע פאַסן גרוילעכע האָר, וואָס דער פריזירער באַקלאָגט זיך, אַז די פאַרב נעמט זיי ניט. אַ העל פּנים, כּמעט אָן קנייטשן, בלויז אונטער די אויגן אַ ביסעלע גערונצלט. נאָר אַממערסטן איז זיי געפעלן בראַניעס פיס, שטאַלטנע, מיט אַ באַהאַלטענעם רייץ פאַר מענערישע אויגן ביז אונטער דעם זוים פון קלייד. אַלע גאַראַזשניקעס האָבן געפּסקנט — אַ חתיכה... זי איז נאָך גוט...

אָן איבערגעוואַקסענער בחור פון גאַראַזש האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פון בראַניען. אַריינגיין פלעגט ער תּמיד דער לעצטער. שטענדיק פאַרשמאַדערט מער פון אַלע. ביי יעדן זיין אַריינקום האָט זיך תּמיד אויפגעהויבן אַ הוראַ מיט אַ געלעכטער. בראַניע האָט געפרעגט פאַרוואָס לאַכט מען פון אים, האָט מען איר דערציילט, אַ העלפט האָט זי ניט פאַרשטאַנען; דער קאָפּ ביי אים, האָבן זיי דערקלערט, אַרבעט זייער לאַנגזאַם. ער טראַכט אַ סך. דערפאַר לאָזט מען אים ניט צו אַפילו אָפּשרויפן אַ ראָד. ס׳וועט צופיל געדויערן. אָבער אַזוי איז ער ניט קיין שלעכטער בחור, מיימון. וואָס מען הייסט אים טוט ער. ער איז טאָקע פאַרסאַזשעט, איינגעשמירט אין אייל, ווי ער וואָלט געהאַט פאַנאַדערגענומען אָן אויטאָ אויף שרייפלעך, אָבער אַרבעטן טוט ער פּשוטע, מער מיט דער באַרשט, ווי מיט געצייג.

זיצט ער, מיימון, ביים טישל אויף אַ ברעג שטול און וואַרט ביז בראַניע וועט אים ברענגען זיין שטענדיקע באַשטעלונג — אַ גלאָז קאַווע אָן מילך. בראַניע ווייסט שוין, אַז מיימון פאַרדינט ווייניק. ער העלפט אין שטוב. צו אים זענען פאַראַן נאָך זעקס

קינדער, יינגערע. דער טאַטע אַרבעט ניט. ער טענהעט אַז ער איז קראַנק. ביים דערציילן וועגן מיימונען איז געווען אַ געלעבטער מיט אַ הירזשעריי. בראָניע האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. ביז איין אַרבעטער האָט זיך מתנדב געווען איר צו דערקלערן מיט צוגעקליבענע ווערטער, אַז מיימונס טאַטע מאַכט קינדער און ווי אַ שכר וויל ער זיי זאָלן אַרבעטן פאַר אים.

מיימון רעדט לאַנגזאַם און טראַכט לאַנגזאַם. בראָניע קאָן זיך אויפּרעדן מיט אים בעסער ווי מיט די אַנדערע. ווען זי רעדט מיט אים טרעט זי זיכערער דורך דעם לאַבירינט פון ווערטער, וואָס אַ נייער לשון צווינגט זי דורכצוגיין, ביז זי קומט צום עיקר. בלייבט ער דערפאַר זיצן נאָך אַ צען מינוט און וואַרט ביז בראָניע וועט אים עפּעס פרעגן, און בראָניע וויל אים פרעגן גאָר אַ סך, אָבער ס׳איז איר ניט אַזוי לייכט. זי וויל, למשל, פרעגן פאַרוואָס אַזאַ בחור האָט ניט געענדיקט קיין שול. און מיימון, ווי ער וואָלט נאָך פון פריער געוווּסט אַלע אירע פאַרוואָסן, דערציילט איר, אַז דער טאַטע האָט אים געטריבן וואָס פריער אַרויסגיין פאַרדינען. און אין מיליטער האָט מען אים ניט גענומען, ווייל ער קאָן שוואַך לייענען און שרייבן. אויסער דעם איז ער שוין געזעסן אַ ביסל אין תּפיסה און מען האָט אים באַפרייט פאַרן טערמין מיט אַ תּנאַי ער זאָל גיין אַרבעטן און זיך ניט חברן מיט דער באַנדע אין זיין שכונה. אַלע וואָך דאַרף ער זיך מעלדן אין פּאָליציי־אַמט.

ווען בראָניע פרעגט גאָרנישט, זיצט ער, קוקט כלומרשט פאַר זיך, אָבער פאַרטשעפּעט מיט אַ ברעג אויג בראָניעס רונדן אַקסל. און זי, ווי זי שטייט אַזוי אומגעדרייט צו אים און פּאַרעט זיך ביי דער שאַפּקע מיט די גלעזער, פילט זי מיט איר באַלד־פאַרוועלקטער פרויִשקייט, אַז אַ יונגער בליק גייט איר נאָך.

מיימון איז געקומען אַ טאָג טרינקען קאַווע, האָט ער אויסגעשטאַמלט:

—גברת בראָניע, אין גאַראַזש האָט מען גערעדט, אַז איר דאַרפט אָנהייבן מאַכן שאַקשוקאַ...

דערביי איז ער געוואָרן רויט, אויב מען קאָן אַזוי אָנרופן

דעם קופערנעם אָפּשיין, וואָס האָט אַ כוואַליע געטאָן איבער זיין טונקעלן פּנים. מיימון האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן. אפשר איז בראָניע בייז, וואָס ער מישט זיך אין געשעפט; אָבער בראָניע האָט זיך גאָר געקוויקט מיט דעם שפּאָגל־נייעם חן, וואָס האָט זיך געמיניעט אין מיימונס פּנים און אָפילו באַשיינט זיין אָפּגעטראָגענעם קאָמבינעזאָן, פול מיט אייל־פלעקן. דערנאָך איז בראָניע אַרויס מיט אַ געלעכטער, אַ לאַנג־פאַרגעסענעם, אַ הילכיקן, באַפרייט פון לאַנגן אומעט. מיימון האָט מיטגעלאַכט אויף אַלע ווייסע, סאָלידע ציין.

— שאַקשוקאַ ?...

— יאָ, שאַקשוקאַ. מען מאַכט עס אַזוי...

און בראָניע מיט מיימונען זענען דאָס ערשטע מאָל געזעסן צוזאַמען ביי איין טישל, און ער האָט זי אַריינגעפירט אין די סודות פון דער מאַמעס אַ מאכל, וואָס די גאַראַזשניקעס ווילן האָבן אין קאַפע.

— ...מען צעשניידט פּאָמידאָרן און מען פּרעגלט זיי אויף אייל. דערנאָך גיט מען צו פילפל, גרינע ציבעלע. ווען דאָס אַלץ ווערט ברוינלעך, וואַרפט מען אַרויף אויף דעם עטלעכע אייער אַזוי, אַז די געלכלעך זאָלן בלייבן גאַנץ..

שפּעטער האָט די קאַפע „ראָזנגאָרטן" פאַרשמעקט אויף דער גאַנצער גאַס מיט מזרח־ריחות. אַלטע איינוווינער זענען פאַר־ בייגעגאַנגען, האָבן זיי אָוועקגעדרייט די קעפּ. טיף אין זיי איז נאָך געלעגן פאַרטייעט די בענקשאַפט נאָך דעם קאַווע און קוכן־ גערוך פון אַ לאַנד, וואָס האָט זיי פאַרטריבן, געמאַכט פון זיי אַש.

*

דאָס געשעפט איז אויסגעוואַקסן און בראָניע האָט געדאַרפט אַ הילף. איז מיימון געבליבן נאָך דער אַרבעט אין שטאָט און אויפגעראַמט די קאַפע, די קיך אויסגערייניקט. אין דער היים וואָלט ער עס ניט געטאָן. ס'איז ניט מענעריש. אויך אין גאַראַזש האָט קיינער ניט געדאַרפט וויסן דערפון. מען האָט שוין אַזוי אויך געלאַכט פון אים, אַז ער איז פאַרברענט אויף בראָניען. וואַרט ער,

מיימון, ביז אַלע גייען זיך פֿאַנאַנדער, און שאַרט זיך אַריין דורך דער הינטערטיר אין קאַפֿע. נאָך מיטאָג זענען שוין קיין געסט נישטאָ. אויב ס׳פֿאַרבלאָנדזשעט ווער אויף אַ גלאָז טיי, מאַכט מיימון אַרום דעם גאַסט אַ ווייטן קרייז מיט דער באַרשט און איז ממשיך קערן די פּאַדלאָגע.

בראָניע האָט אָנגעהויבן זעקס אין אָוונט אַרויסהענגען אַ שילדל — געשלאָסן. ס׳איז איר שווער געוואָרן פֿון האַלב זיבן אינדערפֿרי קאָכן און באַדינען. זיצט מיימון ביי אַ טישל, בראָניען קעגנאיבער, טרינקט קאַווע און פֿאַרבייסט מיט צוקער־געבעקס. ער געניסט זיין שכר. בראָניע האָט אים געפּרוּווט אַריינשטופּן אין אויבערטאַש פֿון זיין רעקל עטלעכע באַנקנאָטן, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט, ווי אָפּגעגאָסן מיט וואַסער. דער עיקרדיקער לוין זיינער איז קאָנען שמועסן מיט בראָניען און איר אָפּגעבן אַ באַריכט פֿון זיינע זאָרגן. ער האָט ניט קיין מזל ביי מיידלער. טאַנצן קאָן ער ניט. איין מאָל איז חביבה, פֿון זיין שכונה, געגאַנגען מיט אים אין קינאָ. מער וויל זי ניט...

און בראָניע פֿאַרזיכערט אים, אַז ער איז אַ פֿיינער בחור, ער זאָל גאָר ניט זאָרגן. ער דאַרף נאָר טראַכטן ווי אַזוי... און דאָ האָט זי זיך פֿאַרהאַקט, ווייל זי האָט ניט געוווּסט דעם פּאַסיקן וואָרט אויף עברית. נו, זיך צולערנען... און בראָניע, פֿון כּעס האָט זיך אויסגעזידלט אויף אַ ריינעם פּויליש: פּשיאַ קרעוו, אַ מין שפּראַך דאָס עברית... ביז מיימון האָט זיך געכאַפּט וואָס זי מיינט און איר אונטערגעזאָגט — להשתלם...

*

ס׳האָט שוין ווער געזאָגט, אַז אין יעדן לעבן דאַרף זיין אַ ביסל רעגנדיקער וועטער. דאָס רעגנדיקע וועטער אין מיימונס לעבן איז דווקא געקומען בעת אַ קלאָרן, לינדן נאָך פּסחדיקן אָוונט.

ער איז, ווי געוויינלעך, געבליבן אויפֿראַמען די קאַפֿע, אָבער בראָניע האָט גלייך באַמערקט, אַז מיימון איז אַן איבערגעביטענער. ער האָט אַזוי אויך ניט שנעל געאַרבעט. תּמיד האָט ער געשלעפּט די באַרשט נאָך זיך ווי אַ שווערן עמער פֿונעם ברונעם; אָבער

דאָס מאָל איז אים אין גאַנצן ניט געגאַנגען די אַרבעט. יעדע ווייל האָט ער זיך געהאַט אָנגעשפּאַרט אָנעם שטעקן פון דער באַרשט און וועגן עפּעס געטראַכט. קוים אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט, אָפּגעשטעלט די באַרשט אין ווינקל, אַרומגעוואַשן די הענט, האָט מיימון זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל אַ פאַרשוויגענער. בראָניע האָט געוווּסט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן. ער וועט מוזן זאָגן וואָס אים דריקט, האָט זי געוואַרט און זיך דערוואַרט. מיימון האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— ביסט געווען אין די מחנות...

בראָניע האָט אויף דער ערשטער רגע ניט פאַרשטאַנען. זי האָט איבערגעפרעגט:

— אין וועלכע מחנות?

— נו, דאָרט, אין פּוילן. מ׳האָט געוויזן אויף דער טעלעוויזיע... בראָניע האָט געשוויגן.

— די אַרבעטער אין גאַראַזש האָבן געזאָגט, אַז אַלע מיט נומערן אויף די הענט זענען געווען אין די מחנות.

די באַלעבאָסטע פון דער קאַפע „ראָזנגאַרטן״ האָט אָנגעקוקט די ציפערן, וואָס האָבן זיך געבלויט אויף איר לינקן אָרעם.

מיימון האָט ניט נאָכגעלאָזט, ווייטער געפרעגט:

— איז עס טאַקע אַזוי געווען?...

— נאָך ערגער...

מיימון האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַרומצונעמען בראָניען, איר אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן צו איר. זיין גאַנצע פאַרגרעבטע צערטלעכקייט האָט געזוכט אַ וועג צו בראָניען, אָבער ער האָט זיך באַנוגנט בלויז מיט דער בקשה.

— דערצייל, בראָניע, דערצייל...

✶

און בראָניע האָט אים דערציילט אין זייער אָן אומבאַהאָלפענעם עברית. זי האָט זיך יעדע ווייל פאַרהאַקט, געזוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט, איבערגעהיפּערט אַ פּרט, און געפירט מיימונען צווישן די באַראַקן אין אוישוויץ.

מיימון זיצט אַקעגנאיבער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטביידע פויסטן און זעט בראָניען מיט אַ קליין מיידעלע. דאָס מיידעלע איז בלאָנד און בלוי־אויגיק ווי בראָניע. זי שפּאַנט מיט אירע קליינע פּיסלעך הינטער בראָניען לענג־אויס אַ באַן־פּלאַנט, אַזוי ווי אַ גרויסע. זי גייט אַפילו איינגעבויגן, ווי זי וואָלט שוין געהאַט איר גאַנץ לעבן הינטער זיך. דערנאָך שטייט זי, בראָניע, צווישן נאָך הונדערטער צעשויבערטע פרויען און זוכט איבער אַלעמענס קעפּ די לאַסט־מאַשין, וווּ מען האָט אַריינגעשפּאַרט איר מיידעלע מיט נאָך קינדער. פון דערווייטנס פּאַכעט אַ מאַן צו איר מיט אַ האַנט. זיין גרוס ווערט דערטרונקען אין אַ מענגע, וואָס כוואַליעט אונטער קלעפּ און שלעגערייען ביי דער באַן־ראַמפּע. דער מאַן איז אַזוי ענלעך צו מיימונען. דערזעלבער וווּקס, דאָס זעלבע אָפענע פּנים פון אַליוון־קאָליר. אַפילו די האָר אויפן קאָפּ זענען די זעלבע — געקרייזלטע, וואָס פאַלן שווער אויפן שטערן, ווי הענגלעך רייפע וויינטרויבן.

בראָניע דערציילט און מיימון זעט זיך דאָרט אין געדרענג. ער פּאַכעט עס מיט דער האַנט צו בראָניען, צו דער פּאַרווייניטער יונגער פרוי, וואָס האָט שוין געכאַפּט שווערע קלעפּ, ווייל זי רייסט זיך צו די פאָדערשטע רייען. ער, מיימון, שרייט — בראָניע! בראָניע! ביז מען פירט אים אַוועק מיט נאָך מענער צו די באַראַקן.

דער שפּעט־אָוונט איז געדיכט געלעגן אויף דער גאַס. אַלץ זעלטענער און זעלטענער האָט אַ פאַרנדיקער אויטאָ צעריסן די שטילקייט. בראָניע מיט מיימונען זענען נאָך אַלץ געזעסן אין דער פאַרשלאָסענער קאַפע. די צייט האָט פאַרלאָרן איבער זיי די שליטה. זי האָט דערציילט וועגן אַ ווייטער, צעבראָכענער וועלט, אַ וועלט אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן.

דעם אָוונט איז מיימון געוועזן אין אַט דער וועלט.

✶

שוין אַ פּאָר וואָכן ווי מיימון קומט ניט צו דער אַרבעט. בראָניע האָט געפרעגט ביי די גאַראַזשניקעס, האָבן זיי געענטפערט, אַז

אָדער ס׳איז אים נמאס געוואָרן, אָדער ער זיצט שוין ווידער אין תפיסה.

בענקשאַפט האָט אירע וועגן. זי קאָן קומען, זיך שווער אָוועקלייגן אויף די הענט און גאָרנישט לאָזן טאָן. זי קאָן זיך אויך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און לויערן פון דאָרט, ווי אַ קאַץ אויף איר ביסן. בראָניע האָט באַדינט אירע געסט, געקאָרמעט זיי מיט די נייע מאכלים, אָבער יעדעס מאָל ווען זי איז אַריין אין קיך האָט די בענקשאַפט נאָך איר געהילף געטשאָטעוועט אין ווינקל ווו די באַרשט איז געשטאַנען.

איין טאָג האָט זיך בראָניע אָנגענומען מיט מוט און אוועק אין גאַראַזש. דער באַלעבאָס האָט זי באַרויִקט — מיימון וועט באַצאָלן דעם חוב פאַרן עסן. אַט אַזוי ווי מען זעט אים, האָט ער זיין כבוד. דער ייִד פון גאַראַזש איז געווען זיכער, אַז צוליב דעם אין בראָניע געקומען. ער האָט אַפילו פאַרגעלייגט אויסצולייגן דאָס געלט. עס קומט אים מיימונען, שכירות.

בראָניע האָט דאָך ניט געקאָנט דערציילן, אַז מיימון קומט איר ניט קיין גראָשן. פאַרקערט, זי קומט אים. זי קומט אים אַ פשוטע, וואַרעמע בענקשאַפט, ווי פשוט עס איז זיין דרייען זיך איבערן קאָפּע ,זיין זיצן קעגנאיבער, כאילו אַ מאָן מיט וועמען מען האָט שוין יאָרן געטיילט די זאָרגן און דאָס בעט.

מיימון איז ניט געקומען און די בענקשאַפט נאָך אים איז געוואָרן אַלץ מער צעשוווּמען. נאָך אַ ביסל צייט און בראָניע וואָלט שוין געהאַט אויפגעגעבן אירע נאַרישע דערמאָנונגען, ווען אַ בחור, ניט קיין ברודער, ניט קיין קרוב, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַהער צו קוקן אויף איר, ווי זי וואָלט אַ יונג מיידל געווען .כנראה, אַז די אַרבעטער זענען געדעכט. ס׳איז אים נמאס געוואָרן.

בראָניע האָט צוגעמאַכט די פראָנט־טיר, אַראָפּגעלאָזט דעם פּלאַסטיק־לאָדן איבערן פענצטער און זיך געקליבן גיין אַ היים. ווען מיימון איז געווען פלעגט זי נאָך בלייבן אַ ביסל, אָבער איצט איז נישטאָ וואָס צו זיצן אַליין און אַרומקוקן דעם פאַרמעגן.

זי איז אַריין אין קיך, כדי דורך דאָרט אַרויסצוגיין און פאַר־

שליסן הינטער זיך די הינטער־טיר, איז דאָרט מיימון געשטאַנען אַ צעשמייכלטער. בראָניע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרץ, ווי זי וואָלט טאַקע אַ יונג מיידל געווען. זי האָט אַפילו געפילט אַ היץ אין פּנים. מיימון האָט געשמייכלט און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

עטלעכע רגעס זענען זיי אַזוי געשטאַנען אין דער ענגער קיך, כּמעט גוף צו גוף. דערנאָך זענען זיי ווידער געזעסןביידע ביי זייער שטענדיקן טיש. בראָניע האָט געוואַרט מיימון זאָל איר דערציילן ווו ער איז געווען און יענער האָט געשוויגן, ניט געקוקט אין אַ זייט, ווי זיין שטייגער איז, נאָר גלייך איר אין די אויגן, ווי ער וואָלט געהאַט מיט בראָניען אַ בשותּפותדיקן סוד. דערנאָך האָט ער אָן איין וואָרט אויפגעקנעפּלט דעם לינקן מאַנזשעט פון זיין העמד, אַרויפגעקאַשערט דעם אַרבל אין דער הויך און אויסגעשטרעקט זיין פאַרברוינטן אָרעם צו בראָניען. אַן אויסגעטאַטוּירטער נומער איז קרומלעך געווען פאַרקריצט אין זיין גלאַטער, סאַמעטענער הויט.

בראָניע איז אויפגעשפּרונגען:

— מה זה? ווער האָט עס דיר געמאַכט?!...

און מיימון שטאַמלט:

— אַ חבר פון תּפיסה... כ'האָב אים געבעטן...

בראָניע האָט זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג:

— אבל למה? צו וואָס?

און מיימון שטאַמלט ווייטער:

— איך... איך האָב געוואָלט... אני לא יודע...

די טרערן זיינען לויז געזעסן אין בראָניעס אויגן, געהאַלטן ביים אַראָפּפאַלן ווי טוי פון אַ בלאַט. מיימון איז פאַרשוויגן געוואָרן. אַזוי ווי זייערע הענט וואָלטן געהאַט אַן אייגן לעבן, זענען זיי געגאַנגען איינער צו דער אַנדערער און זיך פאַרפלאָכטן דורך די פינגער.

אין קאַפע „ראָזנגאַרטן" האָט נאָך לאַנג געשימערט אַ שטילע ליכט.

א נסיעה צו דער יוגנט

א נסיעה צו דער יוגנט

אַ חבר איז געקומען צו מיר און געפרעגט צו איך וויל פאָרן מיט אים זען נאָכאַמאָל דעם וועג, דורך וועלכן מיר זענען געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דער וועג האָט דאַן געפירט דורך טשעכיען, עסטרייך, בעלגיע, און ווו ניט?

געקומען איז ער צו מיר אין זייער אַן אומעטיקער צייט. מיין פרוי איז אַ פּאָר חדשים פריער געשטאָרבן. איך אַליין האָב זיך פאַרקליבן, ווי אַ באַעוולטער נאָדלער, אונטער דעם שטעביקן פאַנצער, וואָס מען רופט טרויער. כ׳האָב אויסגעמיטן מענטשן. דער חבר האָט געקאָנט מיין פרוי נאָך פון די וואַלד־יאָרן, ווען מען איז געווען פּאַרטיזאַנער אין איין אָטריאַד און געוואַנדערט דור דער נאַליבאָקער פּושטשע. שרהלען, מיין פרוי, האָבן אַלע געקאָנט. זי איז געווען פון די ערשטע מיידלער, וועמען מען האָט אָנגעטרויט געווער. כאָטש דער חבר האָט געוווינט אין חיפה און מיר אין תּל־אָביב, פלעגט ער אָפט קומען צו אונדז. מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען זינט דאָס אַרויסגיין פון וואַלד. איז ער איצט געקומען פּרוּוון מיך אַרויסנעמען פון שטוב. קיין גרויסער רעדנער איז ער קיינמאָל ניט געווען, האָט זיין טרייסט געקלונגען אַזוי:

— באָריס, אַפילו אַז אַ ווייב גייט אַוועק אין דר׳ערד, איז ווייסטו דאָך?... ווי איינער זאָגט...

מיר זענען געזעסן ביים פלעשל בראָנפן, געצויגן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. כ׳האָב זיך פון אים ניט דערוווּסט ווי איינער זאָגט. מיר האָבן ביידע געטרונקען און געשוויגן. ס׳האָט געדויערט אַ האַלבע פלאַש ביז מיין חבר האָט ווידער געפונען אַ וואָרט:

— מירן אַרויספאָרן. וועסט זיך אויסטשוכען אַ ביסל. וואָסטו זיצן אַליין, אין די פיר ווענט?

כ׳בין טאַקע געווען אַליין. שרהלע האָט מיט יאָרן צוריק מפּיל

געווען און מער האָט זי ניט געקאָנט האָבן. אין משך פון קאַרגע פערציק יאָר צוזאַמענלעבן האָבן מיר זיך געהאַט אַזוי איינגעשלאָסן, אַז ס׳איז שוין באַלד ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ קינד. דאָס האָט אונדז אויפגעהערט פעלן. ס׳האָט מיר אַפילו געפעלט די זיכערקייט צו מיט אַ זון אָדער אַ טאָכטער וואָלט איך געווען וויניקער איינזאַם.

— ווען מען האָסטו צו פאַרזאָרגן? ווער קאָסטן... אַלץ איינס ווערט גאָרנישט פון דעם געלט...

מיין חבר האָט פלוצעם געווונען לשון. דער בראָנפן האָט אָנגעגאָסן אַ רויטקייט אין זיין מגושמדיקן פנים פון אַ דור־דורותדיקן פויער. אַ פנים, וואָס האָט אים דערמעגלעכט גיין אין מיטן טאָג פון וואַלד צום שטעטלשן אַפּטייקער, כּדי צו נעמען ביי אים שוועבל־שמירעכץ, אַ סגולה קעגן בייסעניש. די פּאַרטיזאַנער האָבן שטאַרק געליטן דערפון

— ...און בכלל, מ׳עט זיך אָפּרוען אַ ביסל פון דער מדינה...

כ׳האָב אים איבערגעריסן:

— נאָכקע, פון אַ מדינה נעמט מען ניט קיין אורלויב. אָדער מען איז מיט איר, אָדער מען רייסט איבער...

— מיר ביידע ווייסן דאָך, אַז ווען ניט היטלער קומען מיר דאָ ניט...

ס׳איז אמת געווען, ווען ניט היטלער וואָלט נאָכקע מיט זיין טאַטן געדונגען סעדער ביים פּריץ און ניט אַרויס פון שטעטל. איך וואָלט, מן הסתם, געירשנט די שניט־קראָם קעגנאיבער דעם מאַרק. איך געדענק ווי מיר האָבן געזאַמלט יידישע ביכער פאַר אַ ביבליאָטעק, געמאַכט פאַרשטעלונגען אין שייער פון דער פייער־לעשער־קאָמאַנדע. קיין סטענגעס פון ווייס־בלויע פאַפּיר האָבן מיר איבער די ווענט ניט געצויגן.

— איז וואָס? מ׳עט אַרויספאָרן. דאָס גאַנצע לאַנד פאָרט. ס׳איז דאָך שוין פשוט געוואָרן אַ בושה צו זאָגן, אַז מען איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַרויסגעפאָרן...

— גלויב מיר, ס׳איז ניט אַזוי וויכטיק. אומעטום איין וועלט.

— אַלע קומען צוריק און דערציילן נסים, זאָגסטו אַז ס'איז איין וועלט.

דער שמועס האָט אָנגעהויבן פאַרלירן זיין תוכן, ווי אַ שיטערער רעגן. די רייד האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום זאַכן, זייער ווייטע פון מיין געמיט. נאַבקע האָט נאָך אַלץ געהאָט פאַר מיר איין תרופה — אַרויספאָרן, זיך צעשטרייען. די מדינה איז געוואָרן וואָכעדיק, האָט ער געטענהט. נישטאָ קיין ביסל פרייד. איז כאָטש אַ ביסל אַרויספאָרן, דערמאָנען זיך די יונגע יאָרן.

כ'האָב געפרווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט:

— הלוואי וואָלט שרהלע געלעבט... דאָס איבעריקע איז צו דערליידן...

— נו, איז זי דאָך נישטאָ, שרהלע... קומט דאָך אויס אויף מיינע רייד...

כ'האָב געוואָלט מאַכן אַ סוף פונעם שמועס, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— אַז דו רעדסט אַזויפיל וועגן פאָרן, איז פאָר, אַדרבא...

נאַבקע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם פאָרשלאָג:

— איך? אַליין? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אָן אַ לשון. דו ביסט דאָך ביי אונדז דער געלערנטער. דער קאָמאַנדיר האָט זיך ניט געקאָנט אָן דיר באַגיין. ווער האָט געלייענט דייטשע דאָקומענטן, איך? ווער האָט גערעדט מיט דעם געפאַנגענעם דייטש? דיך האָט דיין טאַטע געשיקט לערנען אין שטאָט אַריין. זאָל איך פאָרן אַליין? איך אַליין אין חוץ־לארץ בין אַ פאַרלאָרענער.

פון גאַנצן שמועס וואָלט גאָרנישט געוואָרן. ווען עס ענדיקט זיך ניט מיט נאַבקעס אויספיר:

—ביידע זענען מיר געבליבן אַליין... מיר האָט זיך קיין שידוך ניט געמאַכט און פון דיר איז שרהלע אַוועק אויף אייביק. מען גייט צו די זעכציקער... לאָמיר נאָך עפּעס אַריינכאַפּן...

נאַבקע איז געשטאַנען ביים טיר, האָב איך זיך אָפּגערופן סתּם אַזוי, אים צו האַלטן נאָך אַ רגע אין שטוב.

— זע ווי דו געדענקסט נאָך דעם געפאַנגענעם דייטש...

— הער אַ מעשׂה, זיכער געדענק איך אים. זיינע שטיוול האָבן מיר דעמאָלסט געראַטעוועט די פּיס...

מיר האָבן טאַקע דאַן באַשטימט צו פֿאָרן, אָבער נאָכקען איז ניט באַשערט געווען צו מאַכן די רייזע. אַ מיליטער־אויטאָ איז אַריין אין זיין טענדער, וואָס האָט אים געדינט פֿאַנאַנדערצופֿירן איבער די שפּייז־קראָמען אייזן־וואַרע אויף שייערן טעפּ. ווען כ׳בין געקומען אים באַזוכן אין שפּיטאָל, איז ער געלעגן מיט אַ פֿאַרגיפּסעטן פֿוס הויך צוגעבונדן צו אַ שטאָלענעם שטאַנג איבערן בעט. צווישן איין קרעכץ און דעם אַנדערן האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין איינרעדן מיר:

— דו פֿאָר, האָב הנאה... זעסט דאָך, אַזאַ צרה...

*

כ׳בין אַוועקגעפֿאָרן. פֿון צירריך האָב איך געדונגען אַן אויטאָ און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צו דער יוגנט, ווי נאָכקע האָט אָנגערופֿן די רייזע. איך האָב מיטן אויטאָ זיך געדאַרפֿט שלענגלען דורך פֿעלדקירך, בלודענץ, אינסברוק, ביז עבענזע נעבן זאַלצבורג. אַלץ עסטרייכישע ערד. כ׳בין געזעסן ביים רודער און אַ שטיק ריינע אייראָפּע, אַן איין אויסגערייבערטן פּאַפּיראָס אויף די שאָסייען, איז געלאָפֿן אונטער די רעדער. עס איז ניט געבליבן קיין סימן פֿון ברוכוואַרג, פֿון שטאָלענע סקעלעטן, וואָס אַפֿילו די מלחמה־שׂרפֿות האָבן זיי ניט געקאָנט ביי־קומען. אַזוי האָבן אויסגעזען די טראַקטן ווען איך האָב געפֿירט ייִדן קיין עבענזע, אין געוועזענעם קאָנצלאַגער, כּדי זיי פֿון דאָרט ברענגען צום טריעסטער פּאָרט — אפֿשר וועלן זיי זיך קאָנען אַדורכשמוגלען קיין ארץ־ישׂראל. דאָס יאָר ניינצן זעקס און פֿערציק איז געווען אַ יאָר פֿון וואַנדערונגען. ווי אין אַ מוראַשקע־נעסט, ווו מען האָט אַריינגעשטופּט אַ שטעקן, אַזוי זענען געראַטעוועטע ייִדן געגאַנגען איינער הינטער דעם אַנדערן דורך באַרג און טאָל אין ריכטונגען, וועלכע האָבן אין ערגעץ ניט דערפֿירט. איך בין געווען צווישן זיי, אָבער ניט ווי אַ צעטומלטע מוראַשקע. דאָס האָט שרהלע

געגעבן די ריכטונג. קיין ארץ־ישׂראל. איך, דעם אמת געזאָגט, האָב געוואָלט בלייבן אין שטעטל און ווערן אַ נאַטשאַלניק ביי די רוסן; אָבער זי, שרהלע, האָט זיך געהאַט איינגעשפּאַרט. ניין. זי וויל ניט מער זען קיין גווישקע צורות.. איך האָב געקאָנט זייער לייכט זיך אַריינפּאַסן אין סאָוויעטישן שטייגער. כ'האָב גלייך געכאַפּט אַלע טריקן פון דאָרטיקן קיום. ווען מען דאַרף אונטערוואַרפן אַ שטיקל שטאָף אויף אַ מאַנטל, מיט וועמען ס'איז וויכטיק אויס־צוטרינקען. מען האָט מיר געוואָלט שיקן אויף אַ קורס קיין לענינגראַד, מיר מאַכן פאַר אַ דירעקטאָר אין פלייש־קאָמבינאַט. שרהלע האָט געזאָגט, אַז פון די אַלע גליקן גייט מען אין תּפיסה. דער געקוילעטער חזיר קומט אָן אין יאַטקע אויף צוויי פיס. די אַנדערע צוויי נעמען צו אויפן וועג די גדולים — דער פאַרטיי־סעקרעטאַר און דער פאָרזיצער פון ראַיאָן־קאָמיטעט. מען מוז שמירן ביז מען גליטשט זיך אויס. אָבער ביז היינט קאָן איך ניט פאַרגעסן זייערע לידער, זייערע טענץ. ס'איז ניט צו פאַרגעסן יענע טעג, דערצו נאָך ווער עס איז געווען אין וואַלד. ווי ס'זאָל ניט זיין, האָבן זיי אונדז געגעבן אַ ביקס אין האַנט.

בין איך געזעסן אין אויטאָ, געברומט אונטערן נאָז „אויב איז מאָרגן אַ קריג, אויב איז מאָרגן דער מאַרש". כ'האָב שוין געוואָלט אַריבערגיין צום סאָלדאַטן־ליד „איז אַ מעווע דרייסט פאַרפלויגן", האָט דער אויטאָ אָנגעהויבן הוסטן און פּירכען. דאָס איז געווען נעבן אַ שטעטל, וואָס הייסט ווערגל, אויפן וועג קיין זאַלצבורג. איך האָב קוים צוגעפּויזעט צום ברעג שאָסיי.

גאַנץ טיראָל איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַר מיינע אויגן. פון איין זייט איז דער וועג געגאַנגען פּאַזע אַ געדיכטן וואַלד. אין מיטן טאָג האָט נאָך אַלץ דער חושך ניט אויפגעגעבן זיין מלוכה צווישן די צעצווייגטע, שווערע ביימער־קעפּ. די ערד דאָרט איז געלעגן אונטער אַ וייכן צודעק פון געל־גרינעם מאָך. מען האָט ניט געזען קיין שפּור פון אַ סטעזשקע. אויך איבער די פעלדער האָט זיך ניט געשניטן קיין דורכגאַנג. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט זייערע קאָלירן אַקעגן דעם בלויען הימל, קוואַדראַט צו

קוואַדראַט. ס׳האָט אויסגעזען ווי קיין מענטש וואָלט ניט געוואַגט צו צעטרעטן די פאַרבן פון די זאַנגען און קאַרטאָפל־בלי. אַפילו קיין בהמה האָט מען ניט געזען אויפן שטח. ביז וויט, צום סאַמע האָריזאָנט, איז ניט געווען בנמצא קיין פּאַשע־פעלד.

כ׳בין געשטאַנען נעבן אויטאָ, פאַרקוקט אין אַ שטיק פרעמדער וועלט, און זיך אַזוי געהאַט איבערגענומען מיט דער ענלעכקייט פון דעם אַרום מיט דער געגנט פון מיין קינדהייט, אַז כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיינע צרות מיט דעם אויטאָ. ביז כ׳האָב זיך געבאַפּט אויפצוהייבן דעם צודעק פון מאָטאָר און פאַרשן זיין אינגעוווייד, אפשר וועל איך דערגיין די סיבה פונעם הוסט, איז אָנגעפאָרן אַ טענדער און זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר. פון דער קאַבינע איז אַרויס אַן עלטערער מאַן, אָנגעטאָן אין גומענע שטיוול, וואָס מען נוצט זיי ביים אויסרוימען אַ שטאַל, צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט אין אַ שווערן דייטש, ענלעך צו יידיש, וואָס איך שטיי דאָ. ער האָט מיך זיכער אָנגענומען פאַר אַ טוריסט פון דער שווייץ, לויט דעם נומער פון אויטאָ מיטן רויטן קרייץ אויף אים. דערנאָך איז ער אַריין אין מיין אויטאָ, געפּרוּווט אים אָנצינדן, און לסוף געקומען צום אויספיר, אַז דער קאַרבוראַטאָר איז פאַרשמוצט. ער איז גרייט מיך צו נעמען אויפן בוקסיר ביז צום נאָענטסטן גאַראַזש. ער פאָרט קיין קיטצביהל.

...קיטצביהל, קיטצביהל... דער נאָמען פון אָט דעם שטעטל איז מיר באַקאַנט געווען לאַנגע יאָרן, נאָך פון דער פאַרטיזאַנקע. ווען איך האָב באַשלאָסן צו פאָלגן נאַבקען און אַרויספאָרן, איז דאָס שטעטל לגמרי ניט געווען אין מיין פּלאַן. כ׳האָב, דעם אמת געזאָגט, יאָ געמאַכט אַ קרייז אַרום דעם נאָמען אויף דער מאַפּע, אָבער כ׳האָב ניט געהאַט דאַרט בדעה צו פאָרן. דעם קרייז מיט אַ רויטן בלייער האָב איך אָנגעצייכנט סתּם אַזוי, ווייל דאָס קיטצביהל האָט מיר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. איך האָב פאַרטראַכט צו קומען קיין זאַלצבורג דורך גאָר אַן אַנדער וועג, דורך סאַנטיאַהאַן. אָבער, אַז דער פויער האָט אַרויסגעשלעפּט פון טענדער אַ פלאָקן מיט האָקנס אין ביידע עקן און מיר צוגעטשעפּעט צו

זיין וועהיקל, כּדי מיך צו ברענגען אין אַ גאַראַזש, בין איך אים געווען זייער דאַנקבאַר.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די ערשטע פּאָר הייזער. אַ גרויסער שילד, באַמאָלט מיט גרינע, גאָטישע בוכשטאַבן, האָט געמאָלדן, אַז מען איז אויפן ריכטיקן פּלאַץ. נאָך אַ פּאָר מינוט פאָרן און דער פוהער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גאַראַזש, האַרט נעבן שאָסיי. כ׳בין אַרויס פון מיין טויטן אויטאָ, געהאָלפן אָפּטשעפּען דעם פּלאַקן. יענער האָט געזאָגט „גוטע רייזע״, און אַוועקגעפאָרן זיין וועג.

דערווייל האָט דער מעכאַניק אַנטדעקט, אַז מען דאַרף אויך בייטן אַ גומי־רערל פון וואַסער־קילער און די פּאַרעניש אַרום אויטאָ האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן. כ׳בין געשטאַנען אין דרויסן און געקוקט אויף די הייזער, פאַרפּוצטע אין גרינס און אין בלומען, ווי מען זעט עס אויף די אַנזיכט־קאַרטלעך אין די ביכער־קראָמען. איך האָב געטראַכט ווי אַ גאַנץ פאָלק קאָן זיין איינגעשטעלט אויף טוריסטיק. אָט בין איך געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער אויפן שאָסיי, איז שוין אַראָפּ אַ מענטש פון זיין אויטאָ און פאַרגעלייגט הילף. אין גאַראַזש האָבן זיי זיך ניט באַנוגנט מיט רייניקן דעם קאַרבאַ־ראַטאָר, נאָר אויפגעהויבן די מאַשין, כּדי צו זען דעם מצב פון די טאָרמאָזן. איז נאָך ווייניק, איז מיר אַרויפגעשפּרונגען אויף דער צונג אַ פראַגע וועגן אַ נאָמען, וואָס איז געלעגן פאַרטייעט ביי מיר יאָרן ערגעץ אין אַ ווינקל מוח, און שוין האָט דער מעכאַניק פאַרגעלייגט זיין הילף מיט טעלעפאָנירן אין שטאָט־ראָט, כּדי צו קאָנען מיר געבן אַ ריכטיקע אינפאָרמאַציע. איך האָב ניט געקאָנט קומען צום אויספיר — איז עס גוט, דאָס קאָנען זיין איינגעשטעלט אויף יעדער צייט? הייַנט טוריסטן... אָט זענען די דייטשן, צוזאַמען מיט זיי, געווען איינגעשטעלט אויף ברענען ביכער, אויף ברענען מענטשן... און אַלץ אַזוי פלייסיק...

כ׳האָב באַצאָלט דעם חשבון. דעם מעכאַניקס געהילף האָט שוין באַלד געענדיקט וואַשן די פאָדערשטע שויב, איז זיין שעף אַרויס אַ צעשטראָלטער פון הינטער דער ביוראָ־ליאַדע:

— די פרוי גערטרוד קראַמער, יאָ? זי האָט אַ פּענסיאָן ניט ווייט פון דאַנעט, אין ווינקלערן־פּערטל, נעבן וואַלד. איך וועל אייך באַווייזן די ריכטונג. איך בין זיכער, אַז אויך אַ צימער וועט זי האָבן. ס׳איז איצט ניט קיין הויך־סעזאָן...

כ׳בין דאָרט אַוועקגעפאָרן. פאַר דער צייט פון מיין רייזע האָב איך שוין געהאַט געגעבכטיקט אין פּענסיאָנען, פּשוט צוליב שפּאָרזאַמקייט. קיין סך פון מיין געהאַלט ווי אַ מלוכה־באַאַמטער האָב איך ניט געקאָנט אָפּלייגן. אויך שרהלעס קראַנקייט האָט געקאָסט. בין איך געווען צופרידן מיט דעם אַדרעס אין אָט דעם אומבאַקאַנטן שטעטל. דער טאָג איז אַוועק אין וועג און אין גאַראַזש. וועגן ממשיך זיין די רייזע פאַר־אָוונט צווישן בערג האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד. איז אויב ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, איך בין אין קיטצביהל און זי, גערטרוד קראַמער, איז ניט קיין אַנדערע... דאָס וואָלט דאָך געקאָנט זיין די שענסטע מתנה פאַר נאָכקען, האָב איך געטראַכט. ניט קיין קראַוואַט, ניט קיין אויבער־העמד פון אויסלאַנד, נאָר די דערמאָנונג פון דער יוגנט, וואָס ער האָט אַזויפיל גערעדט וועגן דעם.

*

ס׳איז אַוועק אַ וואָך. יעדן אינדערפרי האָב איך געמאַכט פּלענער ממשיך צו זיין די רייזע, און געבליבן אין פּענסיאָן. כ׳האָב געפונען פאַרשידענע תירוצים פאַר זיך אַליין. די פרוי קראַמער איז געווען זייער צופרידן. קיין סך געסט האָט זי ניט געהאַט. ביים פרישטיק זענען צוזאַמען מיט מיר געזעסן דריי סטודענטן פון דענעמאַרק, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו אַ ווייטן וואַנדער דורך די קיטצביהלער אַלפּן צו די וואַסערפאַלן אין קרימלי, און אַן עלטערע פּאָר, פאַרשוויגן און פאַרגראָבן אין זיך. אַזוי בין איך געבליבן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג אין פּענסיאָן און זיך פאַרענטפערט — וואָס איז די איילעניש? דאָ איז אַזוי שיין, אַזוי רואיק, ניט טייער...

פרוי קראַמער האָט, לויט מיין חשבון, געדאַרפט זיין איבער

די פופציקער. זי האָט אויסגעזעזן יינגער מיט איר קאָפּ בלאָנדע האָר, דורכגעצויגן מיט אַ ווייס־גרוילעכער פּאַסמע, ווי אַ פּאָר־שניטענע סטעזשקע, פון שטערן ביז צום שפּיץ שאַרבן. זי האָט געהאַט ביר־ברוינע אויגן, וואָס האָבן מילד געבלינצלט דורך די רעגולערע שטריכן פון איר פּנים, אָן די געוויינלעכע קנייטשן, וועלכע ברענגען יעדע פרוי די ערשטע ידיעות וועגן איר פאַר־וועלקונג. אויף אירע באַקן האָט געמינערט אַ ראָזקייט, און דער האַלדז, דער אייביקער מסור פון ווייבערשן עלטער, האָט ווירדיק געטראָגן די יאָרן און זיך אַרויסגעהויבן פון דער אָפענער בלוזע אָן אַיין פאַלד. איר מיטל־וווקסיקער גוף און די ברייטלעכע היפטן האָבן דערגאַנצט דעם אויפטריט פון אַ פרוי, וואָס קאָן ברענגען מיט איר באַריר ניט וויניק פרייד.

גלייך פון ערשטן טאָג האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ מאָדנער פאַרבונד, ווי צווישן אַלטע באַקאַנטע. זי האָט מיר דערציילט ווי זי איז געקומען צום פּענסיאָן, ווי זי האָט אים אויסגעפּראַוועט אין די שווערע קריגס־יאָרן. איך האָב איר דער־ציילט, אַז כ׳בין געבליבן אַליין און איך פאָר איבער אייראָפּע זיך דערמאָנען פאַרגאַנגענע יאָרן. גערטרוד האָט מיר פאַרגעלייגט עסן מיטאָגן ביי איר. בדרך כּלל טוט עס ניט קיין פּענסיאָן־אינהאַבערין, ווייל דאָס געשעפט איז איינגעשטעלט בלויז אויף פרישטיק און נאַכטלעגער.

דער פּענסיאָן איז געשטאַנען צווישן צוויי היגלען. דער וואַלד האָט זיך געצויגן פון סאַמע שוועל. יעדן פרימאָרגן האָב איך אוועקגעשפּאַנט דורך אַ שמאָלער סטעזשקע, באַרג אַרויף, אין וואַלד אַריין. כ׳האָב דאָרט געפונען אַן אָפּגעזעגטן בוים און געזעסן אויף אים שעהען. כאָטש ס׳איז שוין געווען חודש אויגוסט, האָבן די וואַלד־גלעקעלעך נאָך ניט געהאַט אָפּגעוועלקט. זיי זענען אַזוי געדיכט געוואַקסן, אַז זיי האָבן ממש פאַרגאַסן די אַרומיקע פּאַליאַנקע מיט זייער טונקל־בלויען קאָליר. פייגעלעך האָבן זיך באַהאַלטן צווישן דעם געבלי און געטשוויטשערט זייער לויב צו דעם פאַרביקן אַרום. די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם

זיסן ריח פון די גלעקעלער. כ׳האָב אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָפּגעריסן אַ בלימל. אַזוי ווי אַ קינד אויף דער מאַמעס שויס זאָגט עדות וועגן חן פון אַ גאַנצער משפחה, אַזוי האָט דאָס בלימל אויף מיין דלאָניע עדות געזאָגט וועגן דעם צויבער פון גאַנצן וואַלד.

כ׳האָב זיך דערמאָנט יענע טעג, ווען דער וואַלד איז געווען אונדזער נאָרע. ווען יעדער בוים האָט געדינט בלויז פאַר אַ באַהעלטעניש פון אַ קויל. ווען איין רוישיקער באַריר פון אַ צווייג האָט אָנגעוויזן די ריכטונג פאַר דעם שונא.

...זאַלבעצווייט זענען זיי געפאָרן אויף אַ מאַטאָציקל, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין פּאַרטיזאַנער אויף דער וועלט ניט געווען. מיר האָבן גראָד געהאַלטן ביים איבערקרייצן דעם שאָסיי כדי אַריינגיין אין וואַלד, צוריק צו דער באַזע. איך האָב גלייך געגעבן אַ צייכן זיך אַריינצוואַרפן אין ראָוו. מיר זענען אויך געווען צוויי. מיר האָבן זיך ביידע געהאַט אומגעקערט מיט אַ זאַק עסנוואַרג פון אַ פריינדלעכן דאָרף. נאָך דער ערשטער קוילן־סעריע איז דער מאַטאָציקל געלעגן מיט די רעדער אַרויף און נעבן אים די זעלנער. בלויז איינער האָט נאָך געלעבט. ער איז געווען פאַרווונדעט ביים אַקסל. מיר האָבן אָפּגעשלעפּט דעם געהרגעטן צוזאַמען מיטן מאַטאָציקל אין ראָוו אַריין, און דעם פאַרווונדעטן, האָב איך געזאָגט נאַכקען, דאַרף מען ברענגען אין שטאַב. נאַכקע האָט אים געוואָלט ענדיקן. ער האָט זיך געשפּיגלט אין יענעמס שטיוול. דער געהרגעטער זעלנער האָט געטראָגן שטיוול מיט לייוונטענע כאַלעוועס, און די זענען געווען פון אמתן כראָם. כ׳האָב אים אַרויסגעריסן דעם אַווטאָמאַט פון די הענט. כ׳האָב געוואָלט ברענגען דעם דייטש צום קאָמאַנדיר, אפשר האָט יענער וויכטיקע ידיעות.

עטלעכע טעג איז דער זעלנער געלעגן אין היץ, ביז ער האָט זיך אויסגעטשוכעט. ער האָט געהאַט מזל. די קויל איז אַדורך דאָס ווייכע פלייש. אַסנע די סאַניטאַרקע האָט פאַרשאָטן מיט יאָדאָפאָרם די וווּנד, אים אויסגעפּראַוועט אַ טעמבלאַק, די האַנט זאָל ניט רייסן דעם פאַרווונדעטן אַקסל, און אַזוי איז ער געזעסן

אַן איינגעקאַרטשעטער ביז מען האָט זיך געקאַנט אויפרעדן מיט אים. דער קאָמאַנדיר האָט געפרעגט, איך האָב איבערגעזעצט. צו קיין גרויסע נייס איז מען ניט דערגאַנגען. בלויז זיין ראַנגע, זיין רעגימענט־נומער. די עמבלעם אויף זיין קראַגן פון מונדיר האָט אַלץ געזאָגט. זייער לייטענאַנט האָט זיי פאַרזיכערט אַז די גאַנצע געגנט איז ריין פון פּאַרטיזאַנער. זיי קאָנען רואיק פּאָרן, אָן באַגלייטונג.

דאַן האָט דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָטריאַד ווערעשטשענקאָ, וואָס האָט געגעסן ווערים אין געפאַנגענשאַפט, ביז ער האָט מצליח געווען צו אַנטלויפן אין וואַלד, באַפוילן מען זאָל דעם יעפרייטער דערשיסן. דעם כבוד אים צו הרגענען האָט ער מיר געגעבן, ווייל איך האָב אים געכאַפּט. כ'האָב געענטפערט:

— איך שיס נאָר אין אַ קאַמף.

קיין גוט אויג ביים קאָמאַנדיר האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט. ס'האָט אים געברענט די קנאה פאַר מיין קאָנען דייטש און ער האָט געמוזט אָנקומען צו מיר. קיין גרויסער אוהב ישׂראל איז ער אויך ניט געווען. האָט ער זיך פאַנאַנדערגעשריען, אַזש די אָדערן אויפן האַלדז האָבן אים געהאַלטן ביים פּלאַצן:

— פאַרפוילטער אינטעליגענט! וויניק האָבן זיי אייך געש־ניטן?!... נאָך איין וואָרט, און איך נעם צו פון דיר דאָס געווער! איך באַפעל — דערשיסן!!

כ'האָב אים געפירט אויסער דער זאָנע, טיפער אין וואַלד. ס'איז דאַן אויך געווען חודש אויגוסט. דער מאָך איז געווען פייכט פון נאַכטיקן רעגן. דער געפאַנגענער איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, פון מאָל צו מאָל זיך אָנגעשטויסן מיט דער פּלייצע אָן דער לופע פון אויטאָמאַט. יעדע ווייל פלעגט ער אויסדרייען דעם קאָפּ צו מיר. זיין יינגלשער, בלאַסער פּנים, איינגערעמלט אין אַ טונקעלן אָנוווקס, וואָס האָט זיך געבעטן אַ גאָלמעסער, האָט ניט געשטימט צו די פאַרהויבענע אַקסלען און איינגעהויקערטן רוקן. אַזוי זענען מיר דערגאַנגען ביז אַ זומפּ צווישן עטלעכע שיטערע ביימער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז דער פּלאַץ. האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דערלויבט מיר גאָט צו בעטן...

ער האָט זיך באַפרייט פון טעמבלאַק, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פאַרפלאָכטן די פינגער פוןביידע הענט און עטלעכע מינוט האָט ער געפּרעפּלט צום פאַרוואָלקנטן הימל, וואָס האָט זיך געריסן דורך די צווייגן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך ווידער געווענדט צו מיר:

— אויב איר וועט בלייבן לעבן... איך האָב איבערגעלאָזט אַ פרוי אין קיטצביהל, גערטרוד הייסט זי... גערטרוד קראָמער... אין עסטרייכישן טיראָל.. ווען מען האָט מיך מאָביליזירט איז זי געווען שוואַנגער. קיטצביהל, אין ווינקלערן־פּערטל... מיר האָבן דאָרט אַ הויז... אויב...

דער אַוטאָמאַט איז געווען אָנגעשטעלט אויף אָן איינצל־שאָס. ווייזט אויס, כ׳האָב אים געטראָפן גלייך אין האַרץ. ער איז אומגעפאַלן אָן איין קרעכץ.

דער אָפּהילך פון שאָס איז געווען אַ סימן פאַר נאַכקען, אַז ער קאָן קומען נעמען די שטיוול.

*

דעם טאָג האָב איך געבראַכט פעלד־בלומען פון מיין שפּאַציר. גערטרוד איז געווען שטאַרק איבערגענומען מיט מיין זשעסט. זי האָט דעם בוקעט איינגעפראַוועט אין אַ בלומען־טאָפּ און אים אַוועקגעשטעלט אויפן מיטאָג־טיש.

געוויינלעך האָב איך אָוונט־ברויט געגעסן איך מיין צימער. כ׳האָב געהאַט געקויפט ברויט, פּוטער, קעז און טיי האָב איך גענומען אין קיך. כ׳בין געווען דער איינציקער גאַסט, וועמען גערטרוד האָט דערלויבט אַזאַ היימישקייט. דעם אָוונט האָט זי מיך איינגעלאַדן טרינקען קאַווע צו איר אין דער וווינונג, אויפן צווייטן גאָרן. זי האָט געוואָלט מיר זאָלן ביידע זען אין דער טעלעוויזיע דעם אָנקום פונעם פּויפּסט אין ווין, און די מעסע, וואָס ער וועט אָפּריכטן אין דאָם פון דער הויפּט־שטאָט. קיין גרויסן אינטערעס צו אָט דער אימפּרעזע האָב איך ניט געהאַט, אָבער

כ'האָב איר ניט געוואָלט אָפּזאָגן. צווייטנס איז עפּעס בעסערס ניט געווען צו טאָן אין אַט דעם רעגנדיקן אָוונט צווישן באַרג און וואַלד.

כ'האָב מיטגענומען צום וויזיט אַן אָנגעהויבן פלעשל שערי. מיר זענען ביידע געזעסן אין דער פּינצטער אויף דער סאָפע קעגנאיבער דעם אַפּאַראַט. גערטרוד האָט ניט אָנגעצונדן דאָס ליכט, כּדי מען זאָל קאָנען בעסער זען. ווען דער פּויפּסט, אין זיין רויטער סוטאַנע איז צוגעגאַנגען צום פּאַרפּוצטן אַלטאַר מיט די גאָלדענע כּלים, האָט גערטרוד פאַרבויגן אַ קני און זיך איבערגעצלמט. דערנאָך האָבן מיר געטרונקען עטלעכע גלעזלעך שערי. צעהיצט, כּנראה, פון דער משקה און פון גאַנצן מעמד, האָט זי מיך געפרעגט צי ס'איז אמת, אַז מיר, יִדן, גלויבן ניט אין קינד.

כ'האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, און איבערגעפרעגט:

— אין וועלכן קינד?

— נו, אין יעזוס...

— ניין, מיר גלויבן ניט. מיר רעדן צו גאָט אָן פאַרמיטלער, און דאָס באַקומען מיר ניט אַלעמאָל אָן ענטפער...

גערטרוד האָט אינעם חושך ניט באַמערקט מיין שמייכל. זי האָט זיכער געמיינט, אַז איך בין געטראָפן מיט איר פראַגע.

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי. מיר אַלע וויסן וואָס דער קריג האָט אייך געבראַכט...

און זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מיינער.

כ'האָב געוואָלט אַראָפּפירן דעם שמועס אויף אַ הייטערן וועג.

— פרוי קראַמער...

— רופט מיך גערטרוד...

— גערטרוד... אַזאַ פרוי ווי איר... איר זעט נאָך אויס אַזוי, נו... אַזוי נעט... און איר זייט אַן אַ מאַן?

זי האָט מיר גלייך ניט געענטפערט. כ'האָב איר אָנגעגאָסן אַ פרישן קעלישאָק. צווישן איין אויפטריט און דעם אנדערן פון אַלע אייראָפּעישע קאַרדינאַלן אין ווינער דאָם האָט זי מיר דערציילט:

— כ׳האָב יאָ געהאַט קאַנדידאַטן. ווען כ׳האָב באַקומען די מעלדונג, אַז מיין מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן אויפן פראָנט... פון אָפּטייל האָט מען מיר געשריבן, אַז וואַרשיינלעך איז ער אַריינ־געפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. אַ סך האָבן זיך צוריקגעקערט... איך האָב געוואַרט. אַזוי זענען אַוועק די יאָרן. דער זון האָט חתונה געהאַט, אַוועקגעפאָרן, און איך... אַזוי איז עס געבליבן.

פּלוצעם האָט זי אויפגעלעבט:

— אָבער איר... איר וועט זיכער אויפבויען אייער לעבן צוריק. איר זעט נאָך אויס, ווי...

כ׳האָב איר געוואָלט אונטערזאָגן, ווי העמפרי באָגאַרט, דער פילם־אַקטיאָר. די טעלעפאָניסטקע ביי אונדז אין משרד האָט מיר אַמאָל געמאַכט אַזאַ קאָמפּלימענט. צוליב די האַרטע שטריכן מיינע אויפן פּנים. דערווייל האָט גערטרוד געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט:

— אַזוי מענעריש...

דער רעליגיעזער קאַרנאַוואַל האָט זיך געהאַט געענדיקט. פון עקראַן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די ביסקופּן, פּרימאַסן, אַפּאָסטאָ־לישע דעלעגאַטן, אויסגעפּוצטע אין ווייבערשע שפּיצן און האַפּט. ס׳איז נעלם געוואָרן דער אַלטאַר מיט דעם קריסטיק, דעם הייליקן ברויט און דעם שפּרענג־פּענדזל, מיט וועלכן דער פּויפּסט האָט פאַרגעבן אַלע זינד זיין עדה. זייער אָרט אויפן עקראַן האָט איצט פאַרנומען אַ האַלב־נאַקעט מיידל מיט שלאַנקע, געטאָקטע פיס. זי האָט רעקלאַמירט אונטער־הויזן.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט צו גיין. גערטרוד האָט ניט אָנגעצונדן צוריק דאָס ליכט. זי האָט גענומען מיין האַנט אין אירער — אַ וואַרעמע פרויען־האַנט, וועמענס באַריר כ׳האָב שוין לאַנג, לאַנג ניט געפילט אויף מיין הויט. זי האָט אויסגעשעפּטשעט:

— בלייבט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויפגעמאַכט די אויגן. גערטרוד איז שוין ניט געווען אין בעט. כ׳האָב פאַרשלאָפן דעם גאַנצן פרימאָרגן. ביים שיין,

וואָס דער אויסגעלייטערטער הימל האָט געוואָרפן דורך דעם שיטערן גאַרדין, האָב איך דערזען אויף דער וואַנט קעגנאיבער זיין פּאָרטרעט, זיכער געמאָלט פון אַ היימישן קינסטלער, ווי אַ פאָטאָגראַפיע האָט געדינט פאַר אַ מאָדעל

דאָס זעלבע יינגלשע פּנים, ריין אָפּגעראַזירט, און די אויגן, די קאַרע, מיט אַ זיכערן בליק אין זיי צו דער צוקונפט. אַנשטאָט דעם מונדיר איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמד און אַ געפּאַסקעוועטן קראַוואַט.

*

...אויב איר וועט בלייבן לעבן... איר דערציילן? ווידער גיין צוריק אין יענעם וואַלד, אין יענער צייט? וואָס וועט דאָס געבן? אירע אומאַרמונגען, אירע קושן. איר ליגן אין מיינע אָרעמס, ווען כ׳האָב זיך געקוויקט מיט איר נאַקעטקייט — זי וועט דאָך דאָס ניט קאָנען צונעמען צוריק פון מיר. דערציילן איר, אַז איך, בלויז איך, בין געווען אַן עדות פון זיין אומקום? אין נאָמען פון וואָס דאַרף איך זיך אַליין פאַרלייקענען? אַרום און אַרום איז דאָך דער קאָמאַנדיר געווען געערבט. פאַר בלויז טראָגן דעם דייטשן מונדיר האָט זיי געקומט דער טויט.

כ׳האָב פאַרלאָזט קיטצביהל. גערטרוד איז ניט אַרויס צו מיר זיך געזעגענען, ווען איך האָב אַריינגעלייגט מיין באַגאַזש אינעם אויטאָ. זי האָט געקוקט אויף מיר דורכן פענצטער פון איר שלאָפצימער, אויפן צווייטן גאָרן. איך האָב איר געזען דאָרט שטיין, אַ האַלבער גוף פאַרשטעלט פון גאַרדין.

צו עבענזע בין איך ניט דערפאָרן. פּלוצעם איז מיר גאַנץ עסטרייך מיאוס געוואָרן. דער אויטאָ האָט מיר טריי געפירט דורך די אַלפּן, ביז אַרויף גראָס־גלאָקענער, קיין צפון־איטאַליע. כ׳האָב געפלאָנט פון דאָרט זיך צוריקקערן קיין ציריך, אָפּגעבן דעם אויטאָ און פליען אַהיים. אויפן וועג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל, וואָס הייסט סערמיאָנע, נעבן אַ מיילן־ווייט ברייטער אָזיערע. די לאַנדשאַפטן האָבן מער ניט גערעדט צו מיר. כ׳האָב

געבענקט אַהיים, צו מיין וווינונג אין אַן אַלט הויז, ניט ווייט פון תּל־אָבֿיבֿער צענטראַלן מאַרק, דעם כּרמל־מאַרק.

איידער כ׳האָב זיך געלאָזט ווידער אין וועג, האָב איך באַזוכט זייער אַ זעענסווירדיקן פּאַרק, ניט ווייט פון סערמיאָנע. אַן אינהאָבער פון אַ גרויסער מעדיקאַמענטן־אונטערנעמונג אין מילאַנאָ מיטן נאָמען קאַרלאָ סיגורטאַ האָט פּאַרלייגט אויף פּופּציק העקטאַר ערד אַ פּאַרק. דער פּאַרמאַצעווט האָט דאָרט פֿאַרפּלאַנצטביימער און בלומען און אַלע קרייטעכצער, וואָס דינען צו מאַכן רפֿואות. אָט איז אַ קוסט האַרטע ריטלעך צוצוגרייטן פון זיי פּילן קעגן עצירות. אָט איז אַ בייט מיט ציבלקעס, וואָס מען קוועטשט אויס פון זיי אַ סגולה קעגן קאָפּ־ווייטיק. אויף דעם אַלעם האָט ער שווער געאַרבעט אין יאָר 1943. אַזוי דערציילט דער פּראָספּעקט, געדרוקט אויף כראָם־פּאַפּיר אין אַלע קאָלירן פון רעגן־בויגן. ער באַרימט זיך אויך, אַז מוסאָליני, בכּבֿודו בעצמו, איז געווען זיין גאַסט אין פּאַרק.

גערטרוד קראַמער האָט אין יענע יאָרן איבערגעבויט דאָס הויז אויף אַ פּענסיאָן.

און מיר אין יענע יאָרן?...

זיצנדיק דאָרט אינעם פּאַרק מיט די אַרומגעשאָרענע קלומבעס, די ציכטיקע סטעזשקעס, די אַלטאַנקעס באַהאָנגען מיט קלעטער־פלאַנצן, די רויזן, טוליפּאַנען, גלאַדיאָלן, און אַ צוגאָב שאָפּענס נאָקטיורן, וואָס האָבן געריזלט פון אַ הילכער, איינגעבויט אויף אַ הויכן טאָפּאָל — זיצנדיק דאָרט, האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך מיין קאָמאַנדיר ווערעשטשענקאָ, וואָס איז מסוגל געווען צו פאַר־טרייבן אַלע ווידעראַנאַנדן מיט איין כּפֿול־שמונהדיקער אין דער מאַמען אַריין.

כ׳בין אַרויס פון פּאַרק און סקאַנדירט יעדן זילב פון דער אייביקער רוסישער קללה. כ׳האָב בלויז ניט געהאַט דעם גענויען אַדרעס פאַר איר. האָב איך עס געשיקט צו האַלב אייראָפּע.

כ׳בין צוריק אין דער היים.

די פּאָו

די פּאָן

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אוווערטיורע צו דער אָפּערע „פּריישיץ״. דער לאַנגזאַמער אַריינפיר, וועלכער האָט געדאַרפט, לויט דעם קאָמפּאָזיטאָרס כּוונות, שילדערן דעם וואַלד, איז פאַרגאַנגען צו די ווייטסטע ווינקלען פון תּפיסה־הויף. דער צאַרטער פידל־קלאַנג האָט זיך אויפגעגאָסן מיט דער שטילער, צעצויגענער מעלאָדיע פון די וואַלטאָרנעס און געשאַפן דעם רושם פון אַ דעמערונג, וואָס רייסט זיך דורך די בוימער. אַ שיטערער טרעמאָלאָ, אַ דומפּער קלאַפּן פון די קעסל־פּויקן, באַגלייט מיט דעם זיפצן פון טשעלאָס, האָבן אַזוי ווי באַדויערט דעם פאַרשווונ־דענעם טאָג.

וועבערס מוזיק האָט טאַקע געטריבן דעם דמיון צו זען דעם בין השמשות זיך פאַרשפּרייטן אין אַ וואַלד, אָבער דער טאָג אין נאַקעטן תּפיסה־הויף איז געשטאַנען באַלויכטן פון אַ הייסער, אָן פניותדיקער, נאָכמיטאָג־זון. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט אויף דער ערד, האַרט ביי די ווענט פון די תּפיסה־בלאָקן, ווו דער שאָטן איז געווען לענגער, כּדי ניט צו פאַרלירן איין קלאַנג פון לאַנג־דערוואַרטן קאָנצערט. דער דיריגענט האָט דווקא געוואָלט אָנהייבן דעם קאָנצערט אין אָוונט, אָבער די וועכטער האָבן זיך קעגנגעשטעלט. דער רעגולאַמין פאָדערט די אַרעסטאַנטן זאָלן זיין אין אָוונט פאַרמאַכט אין זייערע צעלעס. האָט דער דיריגענט, בלית ברירה, מספּים געווען. ער האָט זייער געוואָלט דערפרייען די אסירים מיט אַ ביסל מוזיק. די מוזיקער האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן חשק צו פאָרן אין אַ הייסן סעפּטעמבער־טאָג קיין רמלה געבן קאָנצערט, אָבער דער דיריגענט האָט זיך איינגעעקשנט. ער מוז וויסן ווי ווערן אַרעסטאַנטן באַווירקט פון מוזיק. אויך דער תּפיסה־דירעקטאָר, אַ געוועזענער קיבוצניק,

איז געווען מלא התלהבות. ער האָט עס אָנגערעגט אין אַ בריוו צו דער אָרקעסטער־לייטונג אַראָנזשירן אַזאַ אימפּרעזע. ערשט ניט לאַנג איז ער געקומען פון אַ באַזוך אין דענעמאַרק און דער קאָפּ איז אים פול געווען מיט נייע אויפטוען און אויסבעסערונגען לטובת דעם אָרעסטאַנט. אָט האָט ער געזען אַ תּפיסה, ניט ווייט פון קאָפּענהאַגען, ווו די טויערן זענען אָפן און אַ ווייב קאָן קומען צו אַן אַרעסטירטן מאַן איין מאָל אין חודש. מען גיט זיי אַפילו איבער נאַכט אַ באַזונדערן צימער.

די וועכטער זענען ניט געווען גליקלעך פון זיינע גוטע כּוונות. ס'וועט שוין באַלד פון דער תּפיסה ווערן אַן אַפּרו־הויז. אויך דער קאָנצערט איז ניט געווען פאַר זייער געמיט. אָט האָט מען געשלעפּט ברעטער צו בויען אַ פּאָדיום. פרעמדע מענטשן האָבן זיך געדרייט איבערן שטח. מוזיקער זענען פאַרקראָכן מיט זייערע אינסטרומענטן אין אַלע פאַרבאָטענע ווינקלען. ס'איז שווער געווען צו האָבן השגחה אויף דעם גאַנצן האַרמידער.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך יאָ געפרייט מיט דעם קאָנצערט. מען וועט אַ פּאָר שעה אַרויס פון דער איינטאָניקייט. כאָטש פאַר דעם גרעסטן טייל איז די מוזיק געווען זייער פרעמד. דאָרט האָט געפּעלט דער צעצויגענער מדבר־ניגון, דער געציקלטער לייט־מאָטיוו. דאָך זענען זיי אַרטיק געזעסן אויף דער ערד און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ ביי יעדער קונציקער פידל־קאַדענצע. ווי אַראָפּגעפאַלענע מאַראַנצן, בראַרע, אין אַ פּרדס, האָבן זיי אויסגעזען פון דער ווייט אין זייערע רעקלעך פון אָראַנזשן־קאָליר, דעם פּריווילעגירטן מלבוש פאַר אַרעסטאַנטן מיט אַן אורטייל ביז פיר, פינף יאָר.

נאָך די אָוואַציעס האָט דער דיריגענט, דורך זיין איבערזעצער, געפרעגט וואָס וויל דער עולם מען זאָל נאָך שפּילן. דאַ האָט אַ קול, פון גאָרגל אַרויס, אָפּגעקלונגען. — בייטהאָווען !...

דער דיריגענט האָט זיך איבערגעקוקט מיט די מוזיקער. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן בלויז איין רגע. ווי דורך אַ געעפנטער דאַמבע האָט אַ פלאַס געטאָן פון פּאָדיום אַ געלעכטער, וואָס האָט

אַלעמען מיטגעריסן, אַפילו די פאַרכמורעטע תּפיסה־וועכטער. דערנאָך האָט דער דיריגענט געבעטן דעם איבערזעצער זאָגן, אַז דער אָרקעסטער האָט ניט צוגעגרייט קיין בעטהאָווען אין דער פּראָגראַם. ער איז אַראָפּ פון פּאָדיום, אַריין אין אַ דערבייִיק צימער און גלייך אַרויס צוריק פון דאָרט אָנגעטאָן אין אַן אַרעסטאַנטן־רעקל. די תּפיסה האָט געשטורעמט. דער בייפאַל איז געווען גאָר גרויס. די אַרעסטאַנטן האָבן פאַרטויבט דעם הויף מיט זייער בראַוואָ־פּאַטשערייִ.

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט מיט גערשווינס „אַמעריקאַנער אין פּאַריז", מיט טיילן פון „פּאָרגי און בעסס". אַלע האָבן זיך איינגעשלאָסן אינעם טאַקט פון די באַקאַנטע מעלאָדיעס, געהערט אַמאָל אויף דער פרייַ.

✶

— וואָס האָסטו געשריען בייטהאָווען, אַלע זאָלן לאַכן ?

— גרינבערג האָט מיר געגעבן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן איך זאָל שרייַען.

— אַז מען ווייס ניט, שרייט מען ניט. יענע, די אַשכּנאַצים, זוכן אונדז נאָר צו פאַרשעמען. פאַרוואָס האָט ער אַליין ניט געשריען ?

— ער האָט זיך געשעמט...

— פריער גנבנען זיי, דערנאָך שעמען זיי זיך...

— און פונוואַנעט ווייסטו אַזוי ריכטיק דעם נאָמען ?

— ווייל איך האַלט אַ בוך אין האַנט.

— און נסים האַלט דעם קליינעם אין האַנט... האַ, נסים ?...

— זיך צוגעטשעפּעט ווי די מאַנדאַוועשקעס. ווער איז דאָס דער גאַנצער בעט... אין זיין מאַמעס פּיריק אַריין...

די פיר געלעגערס אין דער צעל סקריפּען ווי טאַרמאָזן פון אַלטע וואַגאָנעס. קיינער פון די אַרעסטאַנטן שלאָפט ניט. נאָכן איבערריייד גייט יעדער פון זיי אַוועק צו זיינע מחשבות. נסים טראַכט, אַז מאָרגן, בעתן שפּאַציר, וועט ער וואַרפן דאָס פּעקל

פּאַפּיראָסן גרינבערגן אין פּרצוף אַריין. זשאַק איז געדערבט. אַפילו אין תּפיסה זוכן זיי בטל צו מאַכן דעם מאַראָקאַנער. מאָרגן וועט ער אים זאָגן פּאָר ווערטער, דעם מאַניאַק. ער מיינט, אַז ער איז געווען אַ דירעקטאָר אין אַ באַנק...

זשאַקן נאָגן די זאָרגן וועגן דער אַפּעלאַציע. דער אַדוואָקאַט גיט גוטע האָפענונגען, נאָר גיי ווייס... דערוויייל ציט ער געלט. ס'איז שוין באַלד אַוועק אַ העלפט פון דעם פאַרדינסט... דער פּאַסער האָט געזאָגט שושנהן אַז בריליאַנטן זענען געפאַלן... ס'וואָלט שוין אפשר געלוינט אַפּצוזיצן די פּאָר יאָר און ניט אויפהייבן דעם קאָפּ.

פּסח מאַכט חשבונות מיט דער צייט. אים איז געבליבן נאָך אַכט חדשים. וואוהין וועט ער גיין? אַ היים? וועלכע היים? פון וואָס וועט ער אָנהויבן? ווידער גנבענען אויטאָס? דער מנהל האָט צוגעזאָגט אים איינצואָרדנען אין אַ גאַראַזש, טאָקע ניט ווייט פון תּפיסה, אויפן וועג קיין רמלה; אָבער טאָמער?... טאָמער הויבט אים אָן ווידער ציטערן די הענט ביים אָנרירן דעם רודער, ווי ביי אַ שיכּור ביים אָנרירן די פלאַש בראָנפן? דער פּסיכיאַטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס גנבענען אויטאָס איז ביי אים אַזאַ מחלה... קומט אויס, אַ טריפער קאָן מען היילן און דאָס ניט?

בלויז יעקב, וואָס מען רופט אים „די פליגעלע" צוליב זיין הויך און גרויס, מאַטערט זיך ניט מיט זיינע מחשבות. ער איז שוין דאָס צווייטע מאָל אין תּפיסה. ער דערוואַרט גאָרניט פון קיינעם. יעקב האָט פיינט שותּפים, ניט צו קיין מחשבות און ניט צו קיין משא מתנ'ס. ער האָט שוין אַ פּלאַן וואָס ער האָט צו טאָן אין צוויי יאָר אַרום, ווען ער וועט אַרויס. ער וועט ווידער גיין אויף גרויס, אין אַ באַנק. מיט אַ שפּייער אין האַנט. אַ פּאָר מיליאָן מיט איין קלאַפּ. דערנאָך אַוועק. אַמבעסטן קיין דייטשלאַנד. דאָרט זענען אָנגעפאָרן אַ סך אייגענע.

אַ פולע לבנה שיינט אַריין דורך דאָס שמאָלע פענסטערל, האַרט אונטערן סופיט. די קראַטן שפּאַלטן דאָס ליכט. דער שלאָף דאַרף ניט לאַנג קעמפן מיט די פיר יונגען. נאָך אַ פּאָר מינוט און זיי דרייען זיך אויס מיט די פנימער צו די רויע בעטאָן־ווענט

פון דער ענגער צעל, און איין באַגער קלעבט זיי די אויגן — אַ חלום וועגן אַ נאַקעט מיידל מיט צעלאָזטע האָר און גרויסע בריסט, ווי מען זעט עס אין דעם זשורנאַל, וואָס זשאַק האָט אַריינגעשמוגלט אין תּפיסה.

*

— ...און כּדי איר זאָלט פאַרשטיין וואָס באַדייט אמונה, וועלן מיר עפּענען די גמרא ברכות. דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ מחלוקת צווישן דעם מלך חזקיהו און דעם נביא ישעיהו. מען האָט זיך געקריגט איבער כּבוד, ווער ווען עס זאָל גיין באַזוכן. וואָס האָט גאָט געטאָן ? ער האָט געבראַכט יסורים אויף חזקיהו און באַפוילן ישעיהו — גיי מבקר חולה זיין. איז דער נביא ישעיהו בן אמוץ אַוועק און געזאָגט צום קראַנקן : שרייב אַ צוואה, ווייל דו גייסט שטאַרבן. האָט יענער געפרעגט : הלמאי ? האָט ישעיהו געענטפערט : ווייל דו האָסט ניט געזאָרגט צו האָבן קינדער. האָט חזקיהו זיך פאַרענטפערט : כ׳האָב מורא געהאַט זיי וועלן זיין רשעים, האָט אים ישעיהו פוירגעהאַלטן : מיש זיך ניט אין גאָטס געשעפטן !... דו טו וואָס דו דאַרפסט און גאָט וועט טאָן וואָס ער דאַרף !... האָט חזקיהו פאַרגעלייגט — אדרבא, גיב מיר דיין טאָכטער, אפשר וועלן פון אונדז אַרויס גוטע קינדער. האָט ישעיהו זיך צוריקגעכאַפּט. צו שפּעט. דיין גזר איז געחתמעט. האָט חזקיהו אויסגעשריען — ענדיק דיין נבואה און גיי אַרויס פון מיין שטוב. האָסט פאַרגעסן, אַז ווען אַפילו אַ שאַרפע שווערד ליגט אויפן האַלדז, זאָל מען ניט פאַרלירן די אמונה און בעטן רחמים...

הרב בערלינער קומט אַלע וואָך געבן אַ שיעור אין דער תּפיסה. די אַרעסטאַנטן זיצן אויף די בענק אין דער גרויסער קאַמער, וווּ עס שטייט די טעלעוויזיע, און האָרכן אויס די רייד פונעם רב. ניט אַלץ איז צו פאַרשטיין, אָבער דאָ, דאָרט פאַראַנ־קערט זיך אַ וואָרט אין אַ מוח, וואָס איז יאָרן איינגעשטעלט אויף זוכן וועגן ווי אַרויסצוגיין טרוקן פון אַן איינברוך. דער רב שאָקלט זיך איבערן בעלעמער, גלעט די פעך־שוואַרצע באָרד, הויך צעוואַקסן

פון יעדן זייטן פּנים, און באַמת זיך איבערצייגן זיין כּיתה די וויכטיקייט פון אמונה און בטחון אין דער השגחה עליונה.

אויף דער ערשטער באַנק זיצט חגי דער בעל־תשובה. מען דערקאָנט אים דורך דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ און דעם טלית־קטן, אָנגעטאָן איבער דער אַרעסטאַנטן־בלוזע. ער שאָקלט זיך אין איין טאַקט מיט דעם רב און די דבקות פאַרשטשעמעט זיינע ליפּן. כּאָטש פאַר זיין זינד, אַ רויב־אָנפאַל אויף דער תל־אביבער צענטראַל־באַנק, דאַרף ער זיין אין דעם פאַרשלאָסענעם קאָרפּוס, האָט אים דער תּפיסה־דירעקטאָר אַריבערגעפירט אין אַ צעל, וווּ די טיר איז אָפן ביז דעם אָוונט־אַפּעל. דאָס האָט הרב בערלינער זיך משתדל געווען. ער האָפט, אַז חגי וועט זיין פון די ערשטע תּלמידים אין דער ישיבה, וואָס ער פּלאַנט צו גרינדן אין תּפיסה. די וועכטער האָבן ניט קיין איבעריקן צוטרוי צו חגיס פרומקייט, אָבער דער דירעקטאָר זאָגט, אַז מען דאַרף פּרוּוון.

הרב בערלינער האָט נאָך געוואָלט דערציילן אַ באַלערנדיקן משל פון דובנער מגיד, אָבער ס'איז ניט געבליבן קיין צייט. ער האָט זיך געאיילט באַזוכן דעם אַרעסט־הויז אין אַבו־כּביר, אויפ־מונטערן דאָרט עטלעכע אסירים. האָט ער זיך בלויז באַנוגנט מיט אַ פראַגע:

— וועמען איז עפּעס ניט קלאָר ?...

גרינבערג, אַ צערייצטער וואָס נסים האָט אים אין דער פרי צוריקגעוואָרפן דאָס קעסטל פּאַפּיראָסן, האָט זיך אָפּגערופן:

— רבי, מיר איז ניט קלאָר איין זאַך — חזקיהו איז געלעגן טויט־קראַנק, האָט ער גאָר געטראַכט וועגן מאַכן אַ ברית...

גרינבערג איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק, האָט חגי ניט געקאָנט צוקומען צו אים. איז ער געבליבן ביים שרייען:

— רבי, זאָגט אים! אַניט וועל איך אים זאָגן, דעם...

דאָ האָט געדאַרפט פאַלן אַ שמוציק וואָרט, אָבער הרב בערלינער האָט מיט אויפהייבן אַ האַנט, באַרואיקט די געמיטער:

— גרינבערג, גרינבערג... אַזאַ מענטש ווי איר... מיט אייער

בילדונג, דאַרפט עס נעמען ברייטער. צווייטנס, אַז גאָט וויל, נעמט ער אַרויס חזקיהון פון בעט און שטעלט אים אונטער דער חופה...

דאָ גייט ניט אָן אַזאַ געלעכטער ווי בעת דעם קאָנצערט. הרב בערלינער קומט ניט פאַרוויילן. ער הערט אויס אַ בקשה, אַ תחינה, און ניט איינמאָל טראָגט ער אַפילו אַרויס אַ גרוס צו דער משפחה. באַנוגענען זיך גרינבערגס בייזיצער מיט אַ שיפּען: — קאָסעממאַ, בן־זונה...

*

דער אויטאָ, וואָס האָט געדאַרפט קומען נעמען הרב בערלינער קיין אַבו־כּביר, איז ניט געקומען צו דער באַשטימטער צייט. דער תּפיסה־דירעקטאָר האָט איינגעלאַדן דעם רב טרינקען אַ גלאָז טיי. שוין העכער אַ יאָר. ווי הרב בערלינער קומט אין תּפיסה געבן אַ שיעור. דער דירעקטאָר פון תּפיסה, וואָס חלומט וועגן אַ תּפיסה, וואָס זאָל מגולגל ווערן אין אַ קיבוץ הינטער קראַטן, איז שטאַרק צופרידן פונעם רב׳ס באַזוכן. זיי האָבן זיך ביידע באַפריינדעט. הרב בערלינער לייגט אַרויס פאַרשידענע בקשות און דער תּפיסה־דירעקטאָר גיסט אויס פאַר אים זיין ביטער האַרץ אויף די צרות, וואָס מען מאַכט אים אין מיניסטעריום. ער וויל איינפירן אין תּפיסה נייע מנהגים, און זיי, דאָרט, טענהן, אַז מען האָט זיך נאָך קיין עצה ניט געגעבן מיט די אַלטע מנהגים. יעדער חידוש איז פאַרבונדן מיט ביודזשעטן, מיט קאָפּדרייעניש.

הרב בערלינער האַלט דאָס גלאָז טיי אין ביידע הענט און צוויישן איין זופּ און דעם אַנדערן שטאַמלט ער:

— אדון בן־זעירא... איך... וויל אייך בעטן וועגן חגין... אפשר קען מען אים געבן אַ וואָך אורלויב. ער וויל זען זיין יינגל. דאָס קינד דאַרף ניט וויסן, אַז דער טאַטע איז אין תּפיסה, חגיס ווייב איז אַוועק אין אַ וויַיטן יישוב. דאָרט גייט חגי אָן ווי איינער פון געהיים־דינסט. ער געפינט זיך מכלומרשט, אין אויסלאַנד...

בן־זעירא שטעלט אָן אויפן רב אַ פּאָר אויגן, ווי יענער וואָלט געבעטן מען זאָל צעברעכן די תּפיסה־מויערן. הרב בערלינער האַלט

אויס דעם בליק. ער ווייס, אַז דער קיבוצניק געהערט ניט צו די אָפּיצירן, וואָס די עפּאָלעטן האָבן זיי געמאַכט האַרב און ניט צוטריטלעך.

— איר ווייסט דען וואָס איר בעט? חגי האָט צו זיצן נאָך פינף יאָר. אַפילו ווען מען וועט אים אַראָפּרעכענען אַ דריטל פאַר גוטער אויפפירונג. ווען ניט איר, איז זיין אָרט אין אַן איינצל־צעל. איז נאָך ווייניק, איז ער געווען פאַרמישט אין אַ פּרווו צו אַנטלויפן. איר זעט חגין מיט זיין קאַפּל אויפן קאָפּ און דעם טלית־קטן. איך זע חגין מיט דעם מאַשין־געווער אין דער באַנק. זייט מיר מוחל, נאָר איך האָב ניט קיין גרויסן צוטרוי צו זיין פרומקייט. נאָכן דערשיסן דעם שומר, אַ פאָטער פון זעקס קינדער.

— אדון זעירא, עס שטייט געשריבן — במקום שבעלי תשובה עומדים, אינם צדיקים גמורים עומדים...

אַ שמייכל צעלייגט זיך אויף דעם דירעקטאָרס דאַרפישן פּנים, אַן אַ סימן פון אַ באָרד:

— די סקעפּטיקער גיבן צו — ווייל דאָרט איז ניט אַזוי ריין...

— דאָס מיינט מען דעם בעל תשובה, וואָס איז פריער געווען פרום, אָבער ניט וועגן אַזאַ, וואָס גאָטס וואָרט איז אים פריער פרעמד געווען

בן־זעירא זיפצט אָפּ:

— איך מוז אייך זאָגן, כבוד הרב, אַז איך באַוווּנדער אייך. לויט מיין חשבון דאַרפט איר איצט זיין בּײַ אַ יאָר פערציק.

— אמת...

— איר זעט? בערך, אין מיין עלטער. אין דער מועצת התורה האָלט מען זייער שטאַרק פון אייך. איר האָט געקאָנט אַרויף גאָר הויך. לויפט איר פון תפיסה צו תפיסה, און איך ווייס ניט ווער ס׳וועט אייך זאָגן אַ דאַנק..

הרב בערלינער שטעלט אַוועק אויפן טיש דאָס ליידיקע טיי־גלאָז. און רעדט אין זעלבן נוסח:

— איך מוז אייך זאָגן, אדון בן־זעירא, אַז איך באַוווּנדער אייך. איך ווייס, אַז איר זייט אַ פּראָנט־אָפיציר מיט אויסצייכענונגען.

איר האָט געקאָנט אַרויף גאָר הויך. זיצט איר אין דער תּפיסה פון רמלה, מיט וועלן מאַכן אַלץ בעסער, און איך ווייס ניט ווער ס׳וועט אייך זאָגן אַ דאַנק...

ביידע לאַכן.

— אַ דאַנק זאָגט איר? אין מיניסטעריום באַשולדיקן זיי מיר, אַז די דיסציפּלין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. כ׳האָב אויך געהאַט אַ דורכפאַל. איך האָב רעקאָמענדירט מען זאָל סאַלים סאַלם, דעם בעדואינער, וואָס האָט דערהרגעט דעם שוואָגער צוליב צוויי קעמלען, געבן אורלויב. איז ער מער ניט צוריקגעקומען. ס׳איז רעכט, אַז מען האָט אים דערמאָרדעט אויס נקמה. איך האָב אים געזאָגט: סאַלים, אין תּפיסה ביסטו זיכערער ווי אויף דער פריי. און ער האָט זיך געבעטן — כאַוואַדזשאַ, לאָז מיר שלאָפן אַ פּאָר נעכט אין מדבר, ציילן די שטערן, הערן דעם שאַקאַלן־געוואָי...

— איז וואָס זייט איר שולדיק?

— שולדיק, ניט שולדיק. זיי זאָגן, אַז איך האָב חטאים.

— וועלכע חטאים?

— וואָס איך וויל פאַרלייכטערן אַ ביסל די מערכה פון אַרעסטאַנט. איר האָט דאָך געזען אין וועלכע באַדינגונגען מיר האַלטן זיי. אין אַ צעל פון פיר זיצן צען.

— ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין אונדזער קליינער מדינה וועלן זיין אַזויפיל פאַרברעכער?

בן־זעירא צינדט זיך אָן:

— און וועלכע פאַרברעכער!... מילא, אַזאַ גרינבערג זיצט פאַר דעפראַודאַציע; אָבער איך האָב דאָ רוצחים, פאַרגוואַלדיקער, רויבער, איינברעכער, סוחרים פון העראָין...

— מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט די אומות העולם...

— ניין, הרב בערלינער, מיר האָבן זיך ניט אויסגעגלייכט מיט די אומות העולם. מיר האָבן זיך אויסגעקרימט מיט זיי.

— ערגעץ־ווו האָבן מיר פאַרזען.

— אפשר... אָבער דאָס זאָגט ניט, אַז מען דאַרף זיי האַלטן

ווי חיות אין אַ שטייג. זיבן טויזנט פֿאַרברעכער האָבן מיר. אין שאטה, אין כפר יונה, אין דער תּפֿיסה פֿון באר־שבע, אין יגור. אַפֿילו אין תּל־מונד, ווו עס זיצן די יוגנטלעכע. זאָלן זיי כאָטש אַרויס אויף דער פֿריי ניט צעבראָכן, ניט פֿאַרקריפּלט נאָך מער ווי זיי זענען דאָ אַריין. מען דאַרף זיי צוגרייטן ווידער אָנצוגיין מיט זייער לעבן .אַט ברענג איך אָן אָרקעסטער. קויף ביכער. כ׳האָב אַפֿילו איינגערעדט אַ ייִדן, ער זאָל אָרגאַניזירן אין תּפֿיסה אַ ברילאַנטן־שלײַפֿערײַ. זאָלן אַרעסטאַנטן לערנען אַ פֿאַך. שטעלט זיך פֿאָר — אַ שפּריצל פֿון אַ שטיין פֿעלט ניט.

— זעט איר, דאַרף מען דאָך גלויבן אינעם מענטש...

— און מיך האָבן אָנגעהויבן מאַטערן ספֿקות...

בן־זעירא האָט געעפֿנט דעם שופֿלאָד פֿון זײַן שרײַבטיש, אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ בריוו און אים אויסגעשטרעקט צו הרב בערלינער:

— לייענט, וועט איר אפֿשר פֿאַרשטיין מײַן געמיט.

דער רב האָט אָפּגערוקט דאָס זייטל פּאַפּיר פֿון זײַנע אויגן. די אותיות דאָרט זענען געלעגן אין קרומלעכע שורות, אָבער געשריבן דײַטלעך, ניט געציקלט, ווי אַרויסגענומען פֿון אַ לערנבוך פֿאַר די ייִנגערע קלאַסן. ער האָט געוואָנדערט מיט זײַן בליק איבער דעם כּתב און ניט פֿאַרראַטן מיט אַ מינדסטן צוק פֿון זײַן בערדיק פּנים, וואָס ער טראַכט און וואָס ער פֿילט. בלויז פֿון שורה צו שורה האָט ער געקנייטשט דעם שטערן, ווי ביי אַ שווערער סוגיא:

פֿראַנקפֿורט, 19.8.83

טײַערע זשאַנעט,

איך האָב דיר צוגעזאָגט צו שרײַבן גלייך ווי איך וועל זיך אײַנאָרדנען. שרײַב איך דיר. גאָט צו דאַנקען, איך בין אײַנגעאָרדנט. איך אַרבעט אין אַ קאַפֿע, אויף דער מאָזעל־סטראַססע. די שטאָט איז זייער שיין. דו גייסט און דו גייסט, און דו זעסט בלויז געשעפֿטן. פֿון כּל־טוב. אונדזער שטעטל גייט דאָרט אַריין אין איין גאַס. די קאַפֿע איז אַזוי: אונטן

טרינקט מען קאַווע און אויבן שטייט אַ בעט. דאָרט נעמט מען אויף געסט. איך טראָג אַ מגן־דוד אויפן האַלדז און מיר גייט זייער גוט. בעסער ווי די צווייטע — מערי. זי איז אַ דייטשע שאַרמוטאַ, פאַר די טערקישע גאַסט־אַרבעטער. אַ בעסערער גאַסט גייט צו מיר. איך פאַרדין, פרעג ניט. ס׳טרעפט אַ נאַכט ענדיקט מען מיט אַ פינף גרויסע. און אַן אַן אַלפאָנס, אַן אַרס. דאָ האָט זיך געוואָלט איינער צוטשעפּען צו מיר. אַ ישראלי. ער האָט מיר געזאָגט: איך וועל דיך היטן פון אַ קלאַפּ. אָבער כ׳האָב אים געשיקט קעביינע מאַט. די דייטשן זענען זייער פיינע מענטשן. מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר אַ קלאַפּ. זיי האָבן ליב אָרדונג. אַ דייטש דרייט ניט קיין קאָפּ. אַרויף, אַראָפּ, באַצאָלט און שלום על ישׂראל. בלויז איינמאָל האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם גאַסט. ער איז געווען גוט שיכּור. כ׳האָב געמוזט אים העלפן זיך אויסטאָן. אונטערן לינקן אָרעם האָב איך געזען ביי אים אויסגעטאַטוּירט אַ נומער און נאָך עפּעס אַ סימן. פריער האָט ער זיך געשפּילט מיט דעם מגן־דוד, געדרייט אים אין אַלע זייטן, און געהירזשעט דערביי ווי אַ פערד. דערנאָך האָט ער זיך צערעוועט — איך וואָפן עס־עס! קיינע ראַסן־שאַנדע! כ׳האָב אים געוואָלט באַרוּיקן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט. כ׳בין שיער ניט אומגעפאַלן. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ באַנקנאָט און זיך קוים אַרויסגעוואָלגערט פון קאַמער, דער אַלטער פּריק. כ׳האָב דאָס דערציילט עליזה׳ן. יענע דרייט זיך ביים באַנהאָף, ביי זייער תחנה מרכּזית, האָט זי מיר געזאָגט, אַז לויטן טאַטוּירטן נומער איז ער געווען זיכער פון די, וואָס האָבן געשאָסן ייִדן. ווייסט דאָך, ווען ס׳איז ביי אונדז יום השואה.

אין פראַנקפורט זענען מיר ביי אַ דריי הונדערט מיידלעך פון ישׂראל. רעגיסטרירטע אין דער זיטן־פּאָליציי. אַלע פאַרדינען זייער גוט. כ׳האָב שוין געריעדט מיטן שעף. גלייך ווי דו קומסט, טרייבט ער אַרויס די דייטשע הור, און מיר וועלן זיין צוזאַמען. איך צייל די טעג זאָלסט ענדיקן דעם

אורטייל. אַרום און אַרום בין איך דאָ גוט עלנט. ניט איינמאָל כאַפּט מיך אָ קריזשע. כאַשיש איז דאָ ניט טייער.

זײַ געזונט און ענטפער גלייך
דײַן חברטע שרה גינדי

שרייב מיר מיט וועמען זיצסטו אין איין צעלע.

הרב בערלינער איז אַ גוטע רגע געזעסן מיטן בריוו אין האַנט און געשוויגן. לסוף האָט ער צוריקגעגעבן דעם בריוו:

— פונוואַנען קומט עס צו אײַך?

— די תּפיסה־צענזור האָט אים איבערגעכאַפּט. מען האָט געמיינט, אַז דאָרט איז צעשאָטן אַ ביסל קאָקאַין. איר ווייסט גאָרניט מיט וועלכע וועגן מען שמוגלט אַריין אין דער תּפיסה נאַרקאָטיק.

— אַך גאָט, גאָט... צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען.

— איצט פאַרשטייט איר שוין מיינע ספקות? אפשר איז עס אַ ווונד וואָס מוז אייטערן?...

הרב בערלינער האָט גאָרנישט געענטפערט. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער אויטאָ איז געקומען נעמען דעם רב קיין אבו כביר. האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון שטול און מיט שווערע טריט אַרויס פון קאַבינעט.

*

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ כמורנער. אויך די אַרעסטאַנטן. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן, געקלאַפּט מיט גרויסע וואַסער־טראָפּנס אין די קראַטן. די עלעקטרי־לעמפּלעך אין די קאָרידאָרן, פאַרפאַנדערט הינטער געדיכטע נעצן פון שטאָל־דראָט, זענען ניט מסוגל געווען בייצוקומען דעם טונקל, בלויז געוואָרפן פאַסן ליכט אויף דעם אַרומיקן, בעטאָנענעם עלנט.

כאָטש די נאַכט אין תּפיסה איז זייער אַ לאַנגע, האָבן די אַרעסטאַנטן, אויפן וועג צום עס־צימער, געגענעצט און געצויגן די גלידער. אפשר צוליב דעם וועטער, וואָס האָט געקלעפּט די אויגן

און גערייצט די געמיטער. בכלל זענען די לעצטע פּאָר חדשים געפלאָסן אין דער תּפיסה ווי אַ שטראָם, האַרט אונטער דער ערד. מען האָט געהערט זיין אומרוּיִקן ריזלען און יעדע רגע דערוואַרט זיין צערייסן דעם דינעם שיכט באָדן. צופיל האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן. קיינער איז ניט געווען צופרידן. די וועבטער אַוודאי ניט. זיי האָבן באַשולדיקט בן־זעיראן, אַז די אַרעסטאַנטן נוצן אויס זיין נאַיִוויקייט, זיין קיבוצישן צוגאַנג. אַלע האָבן אים געוואָרנט, אַז ער האָט צו טאָן מיט כיטרעוואַנעס, ליגנער, מעסער־שטעכער, וועלכע שטעלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ. און ער האַלט זיך ביי זיינס. מען דאַרף פאַרבעסערן זייער קיום, וועלן זיי ווערן בעסער. סוף כל סוף האָט זיי אַ מאַמע געבוירן, ניט דער טייוול. אַלע וועבטער האָבן געהאַט שאָדנפרייד ווען צוויי אַרעסטאַנטן זענען אַנטלאָפן בעת אַן אויספלוג אין די כּרמל־בערג. בן־זעירא האָט אָרגאַניזירט אָט דעם יוצא־דופנדיקן פּרוּוו צו דערנענטערן די אַרעסטאַנטן צו דער נאַטור. זיי זענען דערנאָך געזעסן אינעם לייִדיקן עס־צימער, די וועבטער, געצאַפּט קאַווע פון קעסל און געלאַכט אויף אַלע ציין. זיי האָבן ווידעראַמאָל איבערגעחזרט דעם דירעקטאָרס מאָטיוו פאַר דעם אויספלוג. זאָלן זיי, די אַרעסטאַנטן, זיך באַקאַנען מיט דער ישׂראלדיקער לאַנדשאַפט. זאָלן זיי באַגרייפן דעם שיינעם אַרום, ווען אויף באַגרייפן דעם שיינעם אַרום דאַרף גאָר אָט די באַנדע אַ גוטע פּאָרציע הערצין.

בן־זעירא האָט געוווּסט, אַז מען טראַכט אים צו באַפרייען פון זיין אַמט. אַפילו בלויז פאַר דעם ניט געלונגענעם אויספלוג. דאָס פאַרלירן די אַרבעט האָט אים ניט אַזוי געאַרט. אים האָט מער געאַרט דאָס פאַרלירן דעם גלויבן. אפשר זענען זיי אין מיניסטעריום פאַרט גערעכט? דער רעפערענט דאָרט האָט געשריען:

— אַ פאַרברעכער דאַרף וויסן, אַז אין תּפיסה וועט ער ניט האָבן ווי אין דעם היים!

ביז וואָס־ווען האָט בן־זעירא מצליח געווען אין פאַראינטערע־סירן אַ פאַבריקאַנט פון קינדער־וועגעלעך צו עפענען אַ וואַרשטאַט אין תּפיסה. ער האָט אויך אַוועקגעשיקט אַ גרופּע יינגערע

אַרעסטאַנטן אין קיבוץ, מען זאָל זיי באַשעפטיקן אין קו־שטאָל, אינעם פּרדס. אָבער הונדערטער גייען אום אָן אַרבעט. זיי רייבן זיך איינער אָן אַנדערן אין דער ענגשאַפט. האָבן טענות צו אַלץ און צו אַלעם. אויך צו דער מדינה.

זענען זיי געגאַנגען דורכן קאָרידאָר צום עס־צימער, און דער באַפאַרשטייענדיקער מעניו האָט זיי אויפגערעגט נאָך איידער זיי האָבן אים געזען אויפן טיש. אַ שטיקל געלן קעז, האַרט ווי אַ ביליאַרד־קעגל; אַלט־געבאַקן ברויט, מאַרגאַרין, אַ צעקנייטשטער פּאָמידאָר, וואַסערדיקע מאַרמעלאַד און ביטערע ציקאָריע. אַלץ עסנוואַרג אויף ניט צו הונגערן, אָבער שווער אָראָפּצושלינגען. דער ערשטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער צעל פון די אַראַבישע אַרעסטאַנטן נסים. די טיר דאָרט איז געווען אָפן, לויטן מנהג וואָס עס האָט איינגעפירט בן־זעירא צום ווויל פון די אַרעסטירטע. נסים האָט דאָרט אַריינגעקוקט. אין תּפיסה האָט מען געוווּסט, אַז די אַראַבישע אַרעסטירטע נוצן אויס די צייט אויף לערנען. דער טיש אין צעלע איז טאַקע געווען פאַרוואָרפן מיט ביכער. בלויז איינצלנע פון זיי האָבן זיך אָנגעבאָטן צו גיין אַרבעטן. די איבעריקע האָבן אויסגעהערט פון די מער געבילדעטע חברים לעקציעס וועגן קאַמף אין על־סאַלוואַדאָר און ליבעריע. גאַנצע טעג זענען אָנגעגאַנגען הייסע וויכּוחים וועגן דער צוקונפטיקער פּאַלעסטינער מדינה. ווי איר צו פירן ניט ערגער ווי די ייִדן זייער מדינה. איצט, שוין פאַר פרישטיק, זענען זיי געזעסן אַרום טיש, אָבער צוזאַמען מיט די ביכער איז דאָרט געלעגן אויסגעשפּרייט אַ טוך אין פיר פאַרבן — שוואַרץ, ווייס, גרין און רויט. נסים האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, און זיך אָפּגערופן צו גרינבערגן:

— גרינבערג, בייטהוויין! גיב אַ קוק אויפן טישטוך, וואָס די אַראַבושים האָבן אויסגעשפּרייט.

גרינבערג האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן ביישטידל פון דער צעלע־טיר. ווי אַ בושל ביים טשאַטעווען אויף אַ זשאַבע, האָט ער אַריינגערוקט זיין לאַנגע נאָז טיפער אין צעל, כּדי צו זען בעסער נסים'ס אַנטדעקונג. אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך אויסגעדרייט

צום געזעמל אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער טיר.

— דאָס איז ניט קיין טישטוך. דאָס איז אַ פאָן.

זשאַק האָט זיך געוווּנדערט:

— אַ פאָן? וועלכע פאָן?

גרינבערג האָט זיך צעשמייכלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ מעשׂה הויך־קאָמיסאַר, וואָס דאַרף עפּעס דערקלערן די טובילצעס:

— אַ פּאַלעסטינער פאָן...

נאָך עטלעכע, צוזאַמען מיט זשאַקן, האָבן איבערגעפרעגט:

— וואָס הייסט אַ פאָן? ווי קומען זיי אין תּפיסה צו אַ פאָן?

און גרינבערג, אויפן רעכט ייִדישן שטייגער, ווי ער האָט עס געירשנט פון זיין טאַטן אינעם פּוילישן שטעטל, ענטפערט מיט דער זעלבער פראַגע:

— ווי קומען זיי אין תּפיסה צו אַ פאָן? מען נעמט אַ קאָלאָשע פון אַ פּאָר שוואַרצע הויזן. דאָס ווייסע שטיק רייסט מען אָפּ פון די גאַטקעס. פון אַ סוועטער נעמט מען אַ גרינעם פּאַס. צו רויט נוצט מען אַ טריקאָטאַזשנע אונטער־העמדל. מען נייט עס צוזאַמען און — אָט האָט איר אַ פּאַלעסטינער פאָן.

דאָ איז זשאַק אַרויס פאָראויס און אויסגערופן אויפן קול:

— אָבער אָן אַ מדינה!

— זיי וועלן דאָס אויך האָבן... דו זעסט יענעם פּאַרביסענעם מיטן שנאָר אויפן באַק? דאָס איז זייער מנהיג. דו זעסט די עקשנות אין זיינע אויגן? ווערסט מיט זיי גאָרניט מאַכן...

פּסח איז צוגעשפּרונגען צו גרינבערגן:

— אוי, וועלן מיר מיט זיי מאַכן!...

— אַ גרויס דיר פון דער מלחמה אין לבנון...

זשאַק האָט אַ כאַפּ געטאָן גרינבערגן פאַר די לעצלעך פון דער אָראַנזשן־בלוזע:

— נאָ, מאַניאַק, איך צעברעך דיר באַלד דעם פּרצוף. מיין ברודער איז דאָרט געפאַלן! דו הערסט? אַרמאַנד, מיין ברודער!...

ער האָט אָפּגעשטופּט גרינבערגן און אויסגעשריען:

— נסים, גיי אַריין צו די אַכמעדס און צערייס די פּאַן! אויף שטיק־שטיקלעך! דו הערסט?!...

שוין איז נסים געווען אינעווייניק, אין דער צעל פון די אַראַבישע אַרעסטאַנטן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער פּאַן. באַלד איז ער געלעגן אַ צעבלוטיקטער אויף דעם צעמענטענעם דיל. פון איבערן טיש האָט זיך מיט אַ שווונג אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ אַ פּיסל פון אַ בענקל, פאַרזען מיט אַן אייזערנער סקאָבע.

זשאַק האָט אַרויסגעכאַפּט זיין געווער — אַ ניקלנע לעפל, וואָס ער האָט וואָכן פאַרשפּיצט און געשאַרפט אין אַ ווינקל הויף, ווייט פון וועכטערס אויגן.

אין איין רגע איז די צעל פול געוואָרן מיט שׂנאה און בלוט. זשאַק האָט געהויבן דאָס אייגן־געמאַכטע כלי־זין און געשניטן פאַסן לעבעדיקן פלייש. די אַראַבישע אַרעסטאַנטן האָבן זיך פאַר־טיידיקט מיט די בענקלעך. לסוף האָט מען זיך געקלאַמערט איינער אין אַנדערן און זיך געקנוילט צוזאַמען אויפן דיל מיט פאַרקריצטע ציין און פאַרשטשעמעטע גאָרגלען. דער האַס האָט אַלץ פאַר־טרונקען — די ענגשאַפט, דאָס בידנע עסן. אויף איין מינוט איז צעריסן געוואָרן די נעץ פון גלייכגילט, וואָס יאָרן תּפיסה שפּינען איר און פאַנגען יעדן אַרעסטאַנט. פּלוצעם האָבן די ייִדישע אסירים דערפילט, אַז זיי געהערן ערגעץ־ווו. טאַקע הינטער קראַטן, אָבער דאָך אַ טייל פון דעם אַרום. דעם אַרום וואָס מען רופט מדינה.

דער יונגערמאַן גרינבערג, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד האָט באַוווּנדערט זיין גאונות ביים פעלשן באַנק־דאָקומענטן, האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען צו מאַכן אַ געוואַלד, אַז די וועכטער פון אַלע בלאָקן זאָלן זיך צוזאַמענלויפן. זיי האָבן זיך קוים דערקליבן דורך דעם אָנגעפּראָפּטן קאָרידאָר צו דער צעל, ווו ס'איז אָנגע־גאַנגען דער אכזריותדיקער געשלעג. מען האָט מיט שטעקנס פאַר־טריבן די אַרעסטאַנטן אין די צעלעס און פאַרהאַקט די טירן אויף קייט און שלאָס.

בן־זעירא איז ניט געווען אין תּפיסה. מען האָט אים אַלאַרמירט אין דער היים ער זאָל גלייך קומען. אין אַ האַלבער שעה אַרום

איז ער געזעסןביים שרייב־טיש און געגלעט די נאָסע האָר אויפן קאָפּ. ביי זיין זייט זענען געזעסן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער זיכערהייט אין תּפיסה און דער הויפּט־וועכטער. בן־זעירא איז ניט אַרויסגעקראָכן פון זייערע כאַאָטישע דערקלערונגען וואָס ס׳איז געשען. האָט ער באַפוילן מען זאָל אויפזאַמלען די ייִדישע אַרעסטאַנטן אין עס־צימער. נאָכן פרישטיק זאָל מען אָפּפירן צוריק אין די צעלעס און פאַרשליסן די טירן. ביידע געהילפן האָבן זיך איבערגעוווּנקען. בן־זעירא איז דאָך געווען אַזאַ חסיד פון אָפענע טירן...

די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַלטן ביי דער מוטנער קאַווע. בן־זעירא האָט זיך געגרייט האַלטן פאַר זיי אַ רעדע. בעת אַן אסיפה אין קיבוץ איז אים דאָס רעדן געגאַנגען גאָר לייכט. אָבער דאָ, צווישן די תּפיסה־ווענט, וואָס זייער גרויקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די פּנימער פון די אַרעסטאַנטן — דאָ האָט בן־זעירא געשטאַמלט. ס׳איז אים שווער געווען צוצוקומען מיט דאָס ריכטיקע וואָרט צו מענטשן, וואָס דאַרפן זיצן יאָרן און קאָרמען זייער פאַרביטערטקייט. בן־זעירא האָט זיך געריכט, אַז מען וועט איבער־רייסן זיינע רייד מיט די שטענדיקע טענות וועגן דעם עסן, וועגן דער ענגשאַפט, וועגן אָפּטערע זעונגען מיט דער משפּחה. אָבער צו דער טענה, וואָס האָט זיך געריסן פון הונדערטער מיילער נאָכן אויסרעדן די ערשטע פאַר ווערטער, האָט ער זיך אינגאַנצן ניט געריכט.

— איך וויל אייך זאָגן... דאָס איז אַזוינס.. נסים חליווה איז שווער פאַרוווּנדעט. אויך די אַנדערע — סאַלים אל עביד און אַטאַשי זיידאַן... זשאַק זיצט אין קאַרצער...

בן־זעירא האָט אויפגעהויבן דעם טאָן:

— יעדער פאַרמשפּטער איז אונטערן שוץ פון דער מאַכט! מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין זיכערקייט! און איר... איר...

קולות האָבן אים איבערגעריסן.

— זיי וועלן דאָ ניט זיין קיין באַלעבאַטים!

אַפילו גרינבערג, וואָס האָט געגלויבט בלויז אינעם כּוח פון געלט, האָט אויך געשריען:

— מען דאַרף צו זיי אַ שטאַרקע האַנט!

יעקב „די פליגעלע" האָט ניט געשריען. זיינע פּלענער האָבן ניט געהאָט צו טאָן מיט דעם אַרום. ער איז געזעסן ווי אַ זייטיקער. ווי די אַלע טענות געהערן אים ניט אָן. מיט זיינע מחשבות איז ער שוין לאַנג ניט געווען דאָ, ניט צווישן יידן און ניט צווישן אַראַבער.

בן־זעירא האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער ליאַרעם האָט, גובר געווען. די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן סקאַנדירן:

— אַ בלוי־ווייסע פאָן! אַ בלוי־ווייסע פאָן!

— ס'איז אונדזער תפיסה! אונדזער תפיסה!...

*

בן־זעירא איז געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט קעגנאיבער אַן אָפּגעבליאַקעוועטן אייל־בילד, וואָס אַן אַמנעסטירטער גנב מיט אַ טאַלאַנט צו מאָלן האָט איבערגעלאָזט אַ מתנה. אין די אויערן ביי בן־זעירא האָבן נאָך אַלץ אָפּגעהילכט די אויסרופן פון די אַרעסטאַנטן אין עס־צימער, באַגלייט מיט אַ קלאַפּעריי פון די אַלומיניום־קענדלער. ער האָט נאָר געוואָלט פאַרשטיין צי מיינען זיי דאָס ערנסט, אָדער סתם אַ קונדסעריי צו פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל. זיי האָבן נאָך געפאָדערט מען זאָל אַרויפציען אַ ווייס־בלויע פאָן אויפן דאַך, וווּ עס שטייט די טעלעוויזיע־אַנטענע. מען זאָל זי זען פונדערווייט... און ווער האָט עס געשריען? מעסער־שטעכער, וואָס זענען מסוגל קוילענען אַ מענטש צוליב אַ פּאַפּיראָס. לומפּן פון ערגסטן אָרט. אַפילו דער ציניקער גרינבערג.

ס'האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. בן־זעירא האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל:

— יאָ, מאָרגן? בסדר. אַכט אין דער פרי? גוט... צום ווידערזען...

מען האָט אים גערופן קיין ירושלים. דער תפיסה־דירעקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פאַרקראַטעוועטן פענצטער, וואָס איז אַרויס צום תפיסה־הויף. אַ גרופּע אַרעסטאַנטן האָבן געשפּילט קויש־באַל. פּאָרלעך האָבן מאַרשירט הין און צוריק,

געאיבט די פיס זיי זאָלן קאָנען דינען אויף דער פריי. אַנדערע זענען געשטאַנען אין אַ געזעמל, זיך מתווכּח געווען וועגן די לעצטע געשעענישן. בלויז איינער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. דער אייביקער תּפיסהניק מסעודי, וואָס וויל ניט געבן קיין גט זיין ווייב, כאָטש דער ראַבינאַט האָט אַזוי געפּסקנט. בן־זעירא האָט געקוקט אויף מסעודין און געשמייכלט, באַוווּנדערט זיין עקשנות. באַדיי זיצן אין תּפיסה און ניט נאָכגעבן, ווייל אַ ווייב דאַרף האָבן אין זיך הכנעה, ניט לויפן צו דיינים.

דער גאַנצער תּפיסה־הויף איז געווען פאַרגאָסן מיט דער בעסטער ישׂראל־זון, די זון פון פריען דעצעמבער. זי האָט זיך אַריינבאַקומען דורך דער דראָטן־נעץ, געצויגן גאָר הויך איבערן גאַנצן שטח. דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ ווו די זון האָט געהאַט אַ צוטריט. אין דער גאַנצער תּפיסה האָט געוועלטיקט דער האַלב־חושך.

בן־זעירא האָט זיך צוריקגעקערט צום שרייב־טיש, געעפנט דעם שופלאָד און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן פון דאָרט אַ בלייער, אַ בוך, העפטן, גילזן פון ביקסן־קוילן — אַלץ קליייניקייטן וואָס קלייבן זיך אָן אין משך פון דינסט און וואַרטן אויף אַ פרייער מינוט צו מאַכן אַ סדר צווישן זיי. ער האָט גוט געוווּסט וועגן וואָס מען רופט אים קיין ירושלים. אפשר האָט ער טאַקע ניט מצליח געווען? קאָנצערטן, גמרא־שיעורים... און דאָ דער רוצחישער געשלעג... אָבער די געשרייען וועגן דער פאָן...

בן־זעירא האָט געהויבן די אַקסלען, ווי ער וואָלט שוין געווען אין מיניסטעריום, כּדי צו דערקלערן מעשׂים, וועלכע ער אַליין באַגרייפט ניט.

ער האָט געוואָרפן דעם תּוכן פון שופלאָד אין אָפּגענוצטן רייזע־טאַש און געטראַכט וועגן די אַמאָליקע קיבוץ־אסיפות. דורך דעם קנויל ווערטער, וואָס האָבן זיך אַריינגעפּאַסט בלויז אין לאָזונגען און שטיקער דיאַלעקטישע פאָרמולעס, איז געפלויגן אין דער לופט אַ רוף צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט. און די מדינה איז געבליבן ביים אַלטן... כּנראה, אַז צוזאַמען מיט דער פאָדערונג

אויפצוהענגען גאָר הויך אַ בלוי־ווייסע פאָן, איז עס אַ וווּנד וואָס מוז אייטערן, אַריינגערעכנט די מיטל־אַלטערלעכע שגעונות פון אַ מסעודי און די מיידלעך אין פראַנקפורט.

בן־זעירא האָט צוגעוואָרפן שרה גינדיס איבערגעכאַפּטן בריוו צו דעם מיש־מאַש אין טאָרבע, גענומען זי אין האַנט און אַרויס פון קאַבינעט אויף ניט צוריק צו קומען.

אויף פרעמדער ערד

אויף פרעמדער ערד

איידער מען האָט נאָך באַוויזן אַריבערגיין די גרענעץ, איז די גאַנצע לאַנדשאַפט שוין געווען פאַרוווּנדעט. דרום־לבנון מיט אירע גרינע סעדער און גאָלדיקע פּרדסים, מיט אירע זשורטשענדיקע וואַסער־שטראָמען ביז דעם שנייאיקן שוים ביים ברעג ים, איז אַלץ צעטרייסלט געוואָרן פון די טאַנקען, וועלכע האָבן זיך געריסן צו די פּאָזיציעס מיט זייער מאָטאָר־געברויל און געקלאַפּ פון די קייטן. דער האָריזאָנט, פאַרשמירט מיט רויך־פלעקן און גרעלע וואַלקנדלער פון די אויפגעריסענע פּאַספּאַר־באָמבעס, האָט דערמאָנט דעם שוץ־קאָליר פון אַ זעלנערישער פעלד־בלוזע. הונדערטער האַרמאַטן און הוביצעס האָבן צעפּאַסעוועט דעם שטח, געגנישטערט מיט זייערע לופּעס וואָס נאָך אויסגלייכן מיט דער ערד. איין שׂרפה האָט זיך איבערגערופן מיט דער צווייטער. לבנון איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

נאָכן דעראָבערן די בופאָר־פעסטונג איז די איינהייט אַוועק מערבדיק, צום ברעג ים, פאַרנעמען די שטאָט צור. אין דעם פּאַנצער־אויטאָ ווו גיורא איז געזעסן מיט דער מאַשין־ביקס פאַרשפּאַרט צווישן די קני, האָבן געפעלט צוויי זעלנער. יענע זיינען געבליבן ליגן צופוסנס דער פעסטונג. אַ שראַפּנעל האָט זיי פאַר־קייקלט אַראָפּ באַרג, ווי צוויי שטיינער, אָפּגעקרישלט פון די פעלזן. ביים שטורמען די בופאָר־פעסטונג זענען געפאַלן זעקס זעלנער. די אַנדערע פיר זענען געלעגן אַ הונדערט מעטער ווייטער. פון זיי אַלע האָט גיורא געקענט איינעם — גידי. ביידע זענען זיי געקומען פון איין דאָרף. גיורא האָט געהאַט פאַר די אויגן אַ פּאָר קאָ־מאַנדאָ־שיך מיט הויכע כאָלעוועס און גראָבע גומי־זוילן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אונטער דעם ברעזענט. אונטערן ברעזענט איז געלעגן גידי. ער האָט געוואָלט אויפהויבן דעם צודעק, אַ קוק

טאָן ביים בלאַסן ליכט פון פּריאָיִקן זון־אויפגאַנג אויף זיין חבר מיט וועמען ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, אין שול געגאַנגען, דעם קאָמאַנדאָ־קורס אַדורך און געטיילט מיט אים דעם ערשטן חלום וועגן אַ נאַקעט מיידל. דער סערזשאַנט האָט, אָבער, ניט צוגעלאָזט נאָענט צו די טויטע. ער האָט אים גראָב אָפּגעשטופּט — ניטאָ וואָס צו זען... ככה זה...

גיורא האָט זיך געשאָקלט אַהיים און אַהער מיט די איבעריקע זעלנער צוליב דעם שטייניקן וועג, און געחזרט וואָס צו זאָגן ווען ער וועט קומען אויף חופש אַהיים. גידיס מאַמע וועט דאָך זיכער פרעגן ווי איז ער געפאַלן. דער טאַטע זיינער וועט גאָרנישט פרעגן, ווייל ער האָט פאַרלאָזט די שטוב, דעם מושב, דאָס לאַנד שוין לאַנגע יאָר. מען ווייסט ניט אַפילו ווו ער געפינט זיך. וואָס וועט ער איר דערציילן? מען האָט ניט געזען איינער דעם אַנדערן. ער האָט בלויז געהערט גידיס רוף — אחרי! נאָך מיר! פאַרטאָג האָט ער געפונען דעם חבר ליגן פאַרהילט ביז איבערן קאָפּ אונטער אַ שטיק ברעזענט. בלויז די שיך...

אַ טאָג פריער, דאָס איז געווען שבת, האָט גיורא געזען גידיס מאַמע ביים לאַגער־טויער. אין לאַגער האָט מען קיינעם ניט אַריינגעלאָזט. די איינהייט האָט זיך געגרייט אין וועג, קיין לבנון. גידי איז געשטאַנען ביים אנדער זייט פאַרצוימונג, און אַריבער־געשריען:

— אמא, אל תדאגי! וואַרף מיר אַריבער פופציק שקלים און דעם זעקעלע צוקערלעך! און ער, גיורא, האָט נאָכגעשריען:

— אסתר, גריסט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. זאָגט זיי: הכל בסדר...

גיוראס מאַמע איז געווען קראַנק און דער טאַטע איז געווען שטרענג צו אים, ניט געהאַלטן פון פיעשטשען. אַז מען פיעשטשעט אַ זעלנער, האָט דער טאַטע געהאַט אַ זאָג, קאָן ער נאָך אָנהויבן צוויי מאָל טראַכטן ווען מען דאַרף אויסשטרעקן די ביקס...

גיורא האָט זיך אויך פאַרגעשטעלט דעם באַזוך פון דער שטאָט־קאָמענדאַנטור. דער קצין וועט אַ רגע שטיין פאַר דער

קאַליטקע. גידיס מאַמע וועט אַרויסלויפֿן פֿון שטוב אים אַנטקעגן.ביידע וועלן זיך שושקען אַ רגע נעבן די קוסטעס גערַאניום. דערנאָך וועט זי שרייען אויפֿן גאַנצן דאָרף — גידי! גידי! און די שכנטעס וועלן איר האַלטן פֿאַר די הענט זי זאָל ניט רייסן שטיקער פֿון זיך. גיורא האָט שוין דאָס ניט איין מאָל געזען בעתן יום־כּיפּור קריג...

גידיס מאַמע וועט האַלטן אין איין פֿרעגן... און ערשט איצט, ווען דער פּאַנצער־אויטאָ איז שיעור ניט אַראָפּ פֿון פּעלזיקן וועג און געצוווּנגען אַלע זעלנער זיך איינקלאַמערן אין די ראַנדן פֿון דער שטאָלענער ראָם, האָט זיך גיורא דערמאָנט, אַז די מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און ווער ווייס, צי ער קאָן ניט אַמאָל האָבן גידיס סוף... אפשר וועט ער גאָרניט דאַרפֿן דערציילן ?... ער קאָן דאָך אויך אַזוי בלייבן ליגן אונטער אַ ברעזענט, מען זאָל אַרויסזען בלויז די שיך...

גיורא האָט אַליין ניט געוווּסט פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי פֿאַנאַנדערגעוויינט. די טרערן האָבן גערונען איבער די באַקן פֿאַזע דעם רימען פֿון העלם און געשמאַרצט דעם אונטערקין. דאָרט, ביי דער בופֿאַר־פֿעסטונג, האָט ער געהאַט טרוקענע אויגן, איז וואָס פּלוצעם דאָס וויינען ? די זעלנער אַרום האָבן אים אָנגעקוקט. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. בלויז אליעזר דער רעזערוויסט, דער עלטסטער אין דער פּלוגה, האָט אויסגעשעפּטשעט :

— ער האָט געכאַפּט אַ קריזשע... ס'איז זיין ערשטע מלחמה...

*

דער שלום פֿון גליל איז מגולגל געוואָרן אין אַ מלחמה פֿון גליל. דער אייגנטלעכער ציל איז געווען צו פֿאַרטרייבן די טעראָריסטן ביז פֿערציק קילאָמעטער פֿון דער גרענעץ, אָבער יענע האָבן זיך אַרויסגעדרייט פֿון אונטער דער ביקס, ווי עס דרייט זיך אַרויס שטרוי פֿון אונטער דעם בעזים בעת אַ ווינט. זונטיק, דעם זעקסטן יוני, האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרויסמאַרש. ביים טרייבן די זלידנע פֿליגן פֿון די פֿאַרשוויצטע פּנימער האָבן די זעלנער זיך געחכמעט,

אַז די גענערעלער האָבן אַ שוואַכקייט צום חודש יוני. די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט זיך אויך אָנגעהויבן אין יוני, דעם פינפטן. די רעזערוויסטן האָבן זיך דערמאָנט, אַז די אינוואַזיע פון די אַלירטע אַרמייען אין נאָרמאַנדיע, בעתן צווייטן וועלט־קריג, האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען דעם זעקסטן יוני. יעדן האָבן ליב צו גיין אויף גרויס, מען קלייבט ניט אויס סתם אַ טאָג...

גיוראס איינהייט איז אַוועק אויף צור. אויף דער שטאַב־קאַרטע האָט דעם וועג באַצייכנט אַ גראָדע ליניע פון אַ דיקן, רויטן בלייער; אָבער אין דער אמתן האָט זיך דער וועג געצויגן דורך פעלז און בערג, דורך זאַמדיקע שטעגן און פעלדער, געדיכט פאַרזייט מיט מינעס. אָט איז אַ פּאַטרול אַרויף אויף אַ מינע. די פינף זעלנער זענען שוין פון דאָרט ניט אַרויס. וואָכן לאַנג האָט אַ געשריי געקלאַפּט אין גיוראס אויערן:

— שיסט מיך! איך קאָן ניט מער! שיסט מיך!...

און די שטילקייט נאָכדעם האָט מער געגרוילט ווי דער געשריי.

אין שטאַב האָט מען אויך ניט פאַראויסגעזען אַ ווילדן ווידער־שטאַנד פון טויזנטער יוגנטלעכע, פאַרגלויבטע אין זייער ציל ביז פאַרצווייפלונג. עס האָבן ניט געהאָלפן די פאָדערונגען דורך די הילכערס זיך אונטערצוגעבן. זיי האָבן געקעמפט ביז צולעצט. דער מאַרש אויף דער שטאָט צור איז באַגלייט געווען מיט אַ שיסעריי פון אַלע פענסטער. די הייזער האָבן אַזש אויפגעציטערט. ווי טויזנטער פייקלען וואָלטן מיט זייער טראָמל געוואָלט פאַרטויבן די גאַנצע וועלט, געבן איר פאַרזוכן דעם טעמפּן טעם פון מלחמה.

אין צור איז מען אַריין אַ זייגער דריי בייטאָג. יעדע קאָלאָנע האָט נאָכגעשלעפּט אירע פאַרוואונדעטע. אַעראָפּלאַנען האָבן געוואָרפן פלוג־בלעטלעך די באַפעלקערונג זאָל זיך פאַרזאַמלען ביים ברעג ים און דאָרט וואַרטן ביז מען וועט אָפּריייניקן די שטאָט פון די טעראָריסטן. גיורא און די איבעריקע זעלנער האָבן נאָך באַוויזן צו זען די לעצטע רייען פרויען מיט קינדער לויפן אין דער ריכטונג פון ים. צוועלף טויזנט איינוווינער זענען אַרויס פון זייערע

היימען ניט צו וויסן אויב זיי וועלן ביים צוריקקער געפינען אַ שטיין אויף אַ שטיין. אליעזר דער רעזערוויסט האָט געבורטשעט:
— ווייבער, קינדער... אַ מלחמה... קאַשע מיט באָטשווענע...
דעם פאַרגלייך האָט ער געזאָגט אויף ייִדיש, ווי זיין שוויגער די ליטוואַטשקע.

*

גיוראס פלוגה איז געבליבן אין צור. די איבעריקע איינהייטן זענען אַוועק ווייטער, דעראָבערן די שטאָט צידון און דערנענטערן זיך מער צו ביירוט. מען האָט שוין לאַנג אויפגעהערט ציילן די קילאָמעטערס. די אַרמיי האָט זיך פאַרנומען אויף גאָר אַנדערע צילן... צוזאַמען מיט אַ באַטאַליאָן פון דער גרענעץ־וואַך האָט מען די זעלנער איינסטאַציאָנירט אין אַ בנין, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער שטאָט־קאָמענדאַנטור. די געביידע איז געשטאַנען אויף רויע בעטאָן־זיילן. זי האָט געהאַט די מראה פון אַ פאַרלאָזענעם וואָקזאַל. מען האָט געקאָנט גיין צווישן די זיילן ווי אונטער אַ בריק.
די פלוגה האָט זיך געהאַט אויסגעלייגט אויפן צווייטן שטאָק פון דער קאָמענדאַנטור. זיי זענען געווען מיר און פאַרלאַנגווייליקט. ס'איז ניט געווען מיט וואָס זיך צו באַרימען, אויסלאָדן אין אויפגערעגטע רייד דעם סך הכּל פון אַ געלונגענעם נצחון. דאָס שאַרן זיך ביי די ווענט פון הויז צו הויז און וואַרפן גראַנאַטן אין יעדן פאַרדעכטיקן טויער, אפשר האָט זיך דאָרט פאַרטייעט אַ טעראָריסט, האָט ניט געבראַכט די באַפרידיקונג פון גובר זיין דעם שונא. ס'איז געווען אַ מלחמה אָן אַ פראָנט. האָט זיך די איינהייט פאַרנומען מיט שטיין ביי די קאָנטראָל־פונקטן אויף די וועגן, פאַטראָלירן אין די גאַסן און היטן מיט זיבן אויגן יעדן בוים, יעדן קוסט, טאָמער זיצט דאָרט אַן אַראַביש יינגל מיט דער רער פון אַ מינען־וואַרפער אויפן אַקסל גרייט געהרגעט צו ווערן, אַבי זייען פייער אויף דעם פאַרהאַסטן ישׂראלי. די זעלנער האָבן געקריצט מיט די ציין. זיי האָבן, אָבער, ניט געהאַט קיין ברירה. דער אַרויסמאַרש פון דער אַרמיי האָט זיך געענדיקט מיט אַ יאַגעניש

נאָך גרופּעס טעראָריסטן, וועלכע זענען געלאָפן אין דער ריכטונג צו דער הויפּט־שטאָט ביירוט.

נאָך זיצן חדשים אין צור האָבן זיך די זעלנער פאַרהיימישט. שטייען זיי ביי דעם איבערבלייב פון אַ קאַפע אין דער חרובער הויפּט־גאַס. די קאַפע געהערט צו וואַניד אַנטיבאַס. זי אַליין זעט אויס ניט ווי אַרויס פון אַ מוטערלעכער טראַכט, נאָר ווי פון אַ באַק־אויוון. אַ פולכנע, מיט איבערגעשוואָמענע בריסט און אַ רונדיקן, מעליקן פנים. זיי שטייען, די זעלנער, און לעקן פון אייז־קרעם, אויף וועלכן וואַניד איז אַזאַ בריה. איר אייז־קרעם פון וואַניל, פיסטאַש, מיט באַנאַנעס אָדער מעלאָן האָבן אַ שם אין אַלע איינהייטן. אליעזר דער רעזערוויסט האָט זיך באַפריינדעט מיט דעם קריסטלעכן סטאַליער אַנטאָן. ער ברענגט אין וואַרשטאַט אַריין זיינע חברים פון דער פלוגה. אַנטאָן דערציילט ווי די טעראָריסטן האָבן געהאַלטן די גאַנצע שטאָט פאַרן האַלדז. אין זיין צעבראָכענעם ענגליש פאַרזיכערט ער, אַז ניט אַלע פאַלעסטינעזער זענען געווען אַזוי. אַט האָבן צוויי געאַרבעט ביי אים אין וואַרשטאַט, זענען זיי אַנטלאָפן, מורא געהאַט מען זאָל זיי אויף פאַרשלעפּן אין געפאַנגען־לאַגער. אַנטאָן נעמט זיך הובלען אַ ברעט און זיין טאָכטער סעסיליאַ, אַ שלאַנק מיידל מיט אַ פּאָר געטאָקטע פיס, וואָס שטופן די זעלנער צו הייסע מחשבות, טיילט אין קליינע קוביקלעך שאַרפע קאַווע. איר הויכער בוזעם פאַרשיכורט דעם סאָלדאַטישן דמיון. אַלע הענט ציען זיך צום קופערנעם טאַץ מיט די קוביקלעך קאַווע, ניט אַזוי צוליב דעם געטראַנק, ווי צוליב דעם לייכטן באַריר פון סעסיליעס פינגער.

*

גיורא און ששון זענען געלעגן אויף די בעטלעך מיט די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ. דער ברוגז איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ ווי אַ שפּין אויף זיין אייגענעם פאָדעם. בעתן פאַטראָלירן אַ זייטיק געסל איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַן אַראַבער אין אַ קאַפּיע. גיורא האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם פאַרבייגייער, אָבער

ששון האָט אים פאַרהאַלטן, געבעטן דאָקומענטן. עס איז אים געגאַנגען אין ווייזן גיוראַן, אַז דאָ איז ער, ששון, דער בריה, ווייל ער קאָן אַראַביש. אין דער פלוגה ווייס מען, אַז ששון איז קוים דורכגעקראָכן דעם סערזשאַנטן־קורס. ער האָט שוועריקייטן מיט לייענען און שרייבן. איצט, מיט זיין אַראַביש, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער אַראַבער האָט געזוכט זיין דאָקומענט. ער האָט פאַרשאַרט די פראַנדזן פון דער קאַפּיע, זיין קאָפּצודעק, און זיך געריעט אין דער טיפער קעשענע פון דעם ברוינעם מלבוש, אַ מין קאַפּאָט, לאַנג ביז די פיס־טריט. זיין פנים, צעטריקנט פון יאָרן פעלד־אַרבעט אונטער דער ברענענדיקער זון, האָט זיך נאָך מער געקנייטשט בעת דער זוכעניש. די הענט האָבן אים לייכט געציטערט. וואָס טיפער ער איז דערגאַנגען צם דעק פון דער זייטן־קעשענע, אַלץ מער איז געוועז קענטיק זיין אומרו. ער האָט געביסן די צעשפּאָלטענע אויבערליפּ מיט אַ פּאָר פאַרשפיצטע וואָנסן איבער איר.

ששון האָט פאַרלוירן דאָס געדולד, געגעבן אַ הוקע. גיורא האָט געשעפּטשעט:

— שריי ניט. זעסט דאָך... ער זוכט.

ששון האָט זיך אויסגעדרייט צו גיוראַן.

— לערן מיך ניט! איך קאָן זיי בעסער ווי דו...

און גיוראַ שעפּטשעט ווייטער:

— אַז דו קענסט זיי בעסער, דאַרפסטו שרייען?...

ששון האָט פאַרגעסן דעם אַראַבער און זיך גענומען צו גיוראַן:

— די אשכּנזים... האָסט ליב אַראַבער, האַ? נעם אים צו וואַניד, גיב אים קאַווע... אַוועק די צייטן, חבוב, איצט וועלן מיר אייך לערנען רעדן...

דערווייל האָט דער אַראַבער געפונען דעם דאָקומענט. ער האָט אים אַרויסגעצויגן צו ששונען. ששון האָט אַריינגעקוקט אין געשריפטס און עס צוריקגעוואָרפן דעם אַראַבער. די צייגניש איז געבליבן ליגן ביי יענעמס פיס. דער אַראַבער האָט זיך איינגעבויגן, אָפּגעטרייסלט זיין קעז־קאַרטע פון שטויב און עס צוריק אַראָפּ־

געלאָזט צווישן די פֿאַלדן פֿון זיין נאַציאָנאַלן טראַכט. אין איין רגע האָבן זיינע אויגן, צוויי שוואַרצע שׂנאה־שליחים. זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ששונס פּנים. דערנאָך האָט ער הכנעהדיק פֿאַרבויגן דעם קאָפּ און אַוועק זיין וועג.

*

— דער וויפֿלטער איז היינט ?

אליזער דער רעזערוויסט האָט עס געפֿרעגט סתּם אַזוי, צו פֿאַרטרייבן דעם לאַנגווייל. די זעלנער זענען געלעגן אויף די פֿעלד־בעטלעך איינגעדרייט אין די האַריקע פּלאַנדעקעס, וואָס האָבן מער געביסן ווי געוואַרעמט. פֿון ששונס ראַדיאָ האָט זיך אַ זינגער געציקלט, געפֿלאַכטן אַ טאָן אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל צען איבער־געחזרט דיזעלבע מוזיקאַלישע פֿראַזע, ווי ער וואָלט געקייט אַ געשמאַקן ביסן און ס׳איז אַ שאָד אים אַראָפּצושלינגען.

— דער ערשטער...

דאָס האָט געענטפֿערט אַריק, דער פֿאַרבינדלער. ער האָט תּמיד געוווּסט צו ענטפֿערן אויף יעדער פֿראַגע. ער האָט געוווּסט, אַזוי האָט ער פֿאַרזיכערט, וואָס מען רעדט אין שטאַב, ווער מיט וועמען עס קריגט זיך דאָרט, וואָס וועט זיין ווייטער. אַלץ. אָט האָט ער זיי פֿריער דערציילט וועגן אַן אָפֿיציר וואָס האָט זיך אַנטזאָגט צו פֿירן די זעלנער אויף ביירוט. ששון האָט געשריען אַז די אשכּנזים פֿאַרקויפֿן די מדינה און ווען ניט אליעזר וואָלט אַרויס אַ געשלעג. אויף צולהכעיס האָט ששון אַנגעשטעלט זיין ראַדיאָ אַלע זאָלן פּלאַצן.

— וועלכער ערשטער ?

— דער ערשטער נאָוועמבער.

אליעזר, כּדי צו פֿאַרטרייבן דעם איבעררייד, האָט אָנגעהויבן אויפֿן קול מאַכן חשבונות מיט דער צייט :

— דעם זעקסטן יוני זענען מיר דאָ אַריין. היינט האָבן מיר דעם ערשטן נאָוועמבער. זיצן מיר שוין דאָ... וויפֿל ? און מען זעט ניט קיין סוף.

— גיב אַ קוק אויף דיין... צווישן די פיס... וועסטו זען דעם סוף...

דאָס האָט פנחס, דער וויצלער אין דער פלוגה, אַריינגעוואָרפן זיין וואָרט. דאָס געלעכטער האָט געקלאַפּט אין די ווענט פון דער קאַמער, פאַרפוצטע מיט אַנטבלויזטע מוידן אין כלערליי פּאָזעס, אויסגעשניטן פון די זשורנאַלן, איינגעהאַנדלט ביי די סוחרים נעבן דער תל־אָביבער אויטאָבוסן־סטאַציע.

— איר לאַכט און מיר ווילט זיך וויינען. מאָרגן ווער איך פינף און דרייסיק. בין איך שוין דורכגעגאַנגען דעם זעקס־טאָגיקן קריג, די מלחמה פון אויסמאַטערן דעם שׂונא ביים סועץ־קאַנאַל. כ׳האָב געיאָגט טעראָריסטן אין ירדן־טאָל, כ׳בין געווען אין יום־כּיפּור־קריג, אין דער ליטאַני־אַקציע, און איצט דער פאַרבייסן — די מלחמה אין לבנון. איך געדענק גאָרניט ווען האָב איך צייט געהאַט חתונה צו האָבן.

— אליעזר, דערציייל בעסער ווי איז געווען די ערשטע נאַכט...

ששון האָט פאַרלאָשן דעם ראַדיאָ און פייערלעך געמאָלדן:

— איצט, ווען איך באַקום חופש, הויב איך אָן הורן פון אינדערפרי !...

— ווענען? כיבע די ציג אין כפר סלמה...

ששון האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעטל און צוגעפאַלן צום פלוגה־וויצלער, צו פנחסן.

— אין דיין מאַמעס פּיריק אַריין! נאָך איין וואָרט און איך צי דיר אַרויס די געדערים !...

גיוראַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— הויבסט שוין ווידער אָן? ס׳איז דיר ווייניק מיטן אַראַבער?

— זע ווי איין אשכנזי האַלט פאַר דעם אַנדערן.

אליעזר האָט זיך אָפּגערופן:

— איך בין אויך אַן אשכנזי...

און אַריק נאָך אים:

— איך אויך!

— זייט איר אַלע קעגן אונדז. עס געפעלט אייך ניט מאַראָקאָ. מיר הורן ציגן...

— לאָז אָפּ, ער האָט גאָרניט געמיינט.

— אליעזר, דו ווייסט דאָך, איך האָב פאַר דיר כּבוד. אָבער אַזאַ ווי גיוראַ... ווי דו קוקסט אים אָן, מיט דער בלאָנדער טשופּרינע, מיט די בלויע אויגן, דער שענסטער זעלנער אין דער פּלוגה, אַן אַקטיאָר אין קינאָ... אָבער אין האַרץ?

— ששון, וואָס רעדסטו? גיב אַ קוק — מיר ליגן אַלע אין איין לאָך און קייען די ערד, וואָס איז גיוראַן בעסער ווי דיר?

— ס'איז אים בעסער, ווייל זיין טאַטע האָט אַ משק מיט צוואַנציק קי און צוויי קינדער. און מיין טאַטע האָט אַ גרינס־ווענעלע מיט אַכט קינדער. זיין טאַטע האָט אים געשיקט אין דער מיטל־שול, און מיין טאַטע האָט מיר געשיקט העלפן ביי די אבטיחים. איך וועל קוים דערגריין צו אַ רב־סמל, און ער זאָל נאָר וועלן, קאָן ער דערגריין צו אַ קצין.

— טאָ ווער איז שולדיק? זאָג אַליין!...

— איך ווייס?...

אַריק דער פאַרבינדלער, וואָס ווייס אַלץ, האָט געוואָלט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אָבער אליעזר האָט געגעבן אַ סימן מיט דער האַנט — פאַרשווייגן!... האָבן די זעלנער ווידער זיך אויסגעלייגט אויף די בעטלער, יעדער מיט זיין פּעקעלע מחשבות צוקאָפּנס.

*

גיוראַ האָט באַקומען אורלויב. די בענקשאַפט נאָך דער היים האָט אים צעצויגן דעם וועג. דער שווערסטער אָפּשניט איז געווען צווישן צור און מטולה. דער אויטאָ האָט זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּשטעלן. דער וועג איז ניט געווען אַזאַ זיכערער. טעראָריסטן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּרדסים, האָבן באַשאָסן יעדע דורכפאָרנדיקע מאַשין. זיי האָבן בעסער געקאָנט דעם שטח

און נאָך יעדער דיוועֶרסיע פלעגן זיי פאַרשווינדן ווי אין דר׳ערד אַריין. אַהיים איז ער אָנגעקומען פאַר אָוונט. פריער האָט ער נאָך געמוזט וואַרטן ביז א דאָרפישער וועט פאַרבייפאָרן און אים מיטנעמען פון הויפט־שאָסיי, ווו די מיליטער־מאַשין האָט אים אַראָפּגעלאָזט.

גיוראַ האָט פאַרשטופּט די מאַשין־ביקס אין דער פּראָמוגע צווישן ביידע פענסטער פון צימער. דעם קיטבעג האָט ער אַריינ־געלייגט אונטערן בעט. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די זעלנערישע בגדים, אויסגעטאָן די קאָמאַנדאָ־שיך און אָוועק זיך ארומוואַשן. דערוויל האָט די מאַמע אָוועקגעשטעלט אויפן טיש זיינע באַליבטע מאכלים. געבראָטענע קאַרטאָפל און אַ פערטל הון, געדושעט אין רויטן ווייַן. זי האָט אויך אויסגעבאַקט אַ צימערינג־טאָרט באַשאָטן מיט מעל־צוקער, וואָס געווייינלעך מאַכט זי עס שבועות.

איז ער געזעסן ביים טיש אין אַ ווייס העמד, זייער באַשעפטיקט מיטן עסן און שוין דאָס ווייפלטע מאָל אויסגעהערט דעם טאַטנס זכרונות פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. פון יום־כיפור־קריג האָט ער ניט געהאַט קיין זכרונות. ער האָט שוין דאַן ניט געדינט צוליב זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ. דער פאָטער איז אויך געזעסן אין אַ ווייס העמד, לכבוד דעם זון, און זיך געשפּיגלט אין גיוראַן. ער האָט ליב געהאַט מיליטער, און גערן געוואָלט זען זיין זון, דעם הויכן, שיינעם יונג מיט זילבערנע עפּאָלעטן און שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול, ווי אַמאָל, אין זיין געבוירנלאַנד פּוילן. דאָרט האָט אַ ייִדישער בחור ניט געקאָנט קומען דערצו, איז כאָטש דאָ, אין דער אייגענער מדינה.

גיוראַס פאָטער האָט אַרויפגעלייגט ביידע אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט די אָנגעדראָלענע אָדערן אויפן געבלימטן טישטוך, צוגעשפּאַרט דעם אויסגערונדיקטן רוקן צום ווענטל פון שטול, און ברייטלעך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, גיוראַ? מען האָט זיי דערשטיקט. זיי וועלן

שוין אויף קרית שמונה ניט שיסן. איך דערמאָן זיך, בעתן זעקס־טאָגיקן קריג, ווען זיי זענען געלאָפן באַרוועסע פון פראָנט...

— אבא, זיי לויפן מערניט באַרוועסע פון פראָנט. זיי קעמפן...

דער פאָטער האָט זיך געקרימט:

— זיי קעמפן... מיר האָבן דאָך שוין באַלד פאַרנומען גאַנץ ביירוט. מ׳וועט זיי אַרויסטרייבן פון לבנון ווי די הינט, צוזאַמען מיט די סיריער.

— דערווייל לאָזן זיי זיך ניט טרייבן און יעדן טאָג פאַלן זעלנער.

— איך פאַרשטיי טאַקע ניט. אין זיבן און זעכציקסטן יאָר האָבן מיר אין זעקס טעג געמאַכט אַש און פּאַראָך פון דער גאַנצער מצרישער אַרמיי, און דאָ...

— אבא, רייד ניט וועגן יענע זעקס טעג. דער לייכטער נצחון האָט אונדז פאַרשיכורט... ס׳האָט דערנאָך גענוג געקאָסט.

— מיר זענען אַריין אין לבנון מאַכן אָרדנונג!

— ס׳איז נאָך ווייט צו אָרדנונג...

— איז וואָס מיינסטו, מיר וועלן זיי קוקן אין די אויגן?

— איך מיין גאָרניט.

— אַזוי רעדט ניט קיין סאָלדאַט!

גיורא האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גאָפּל און מיטן גאַנצן כּוח אים אַריינגעזעצט אין געבלימטן טישטוך. די מאַמע האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן פאַר קאָפּ.

— גיורא וואָס איז געשען?...

און גיורא האָט זיך פאַנאַנדערגעשריען:

— איך וויל ניט זיין קיין סאָלדאַט אין לבנון! איך וויל ניט זיין קיין סאָלדאַט אויף פרעמדער ערד! איך וויל זיין אַ סאָלדאַט אויף אַ פראָנט, וואָס באַדראָט די מדינה! איך וויל ניט נאָכלויפן קיין טעראָריסטן ווי אַ היצל!...

די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— גיוראַ, מיין קינד, באַרויִק זיך... איך דערקען דיך ניט...

זי האָט זיך געוואָלט צוטוליען צו אים און ער האָט זיך געריסן פון איר:

— איך וויל דיר זאָגן, אבא, דיר און דיינס גלייכן — מיר זענען אַוועק קיין לבנון אויף טעג און מיר זיצן דאָרט חדשים. מיר טאָפּטשען אין אַ בלאָטע ניט אַרויסצוהייבן די פיס. מאָרגן וועט מיר גידיס מאַמע פרעגן ווי ער איז געהרגעט געוואָרן. זאָל איך איר דערציילן, אַז ווען עס קומט ניט קיין באַפעל צו אַטאַקירן די פאַרשאָלטענע בופאָר־פעסטונג ביינאַכט, נאָר פאַרטאָג, וואָלט אפשר גידי געלעבט? אַלע האָבן זיך געאײַלט.. זאָל איך דערציילן ווי מען האָט געשאָסן אויף אונדז פון אַ הויז פול מיט קינדער און איך בין ניצול געוואָרן אַ דאַנק דיין זאָג — ווער עס שיסט שנעלער, דער בלייבט לעבן?! איך האָב טאַקע געשאָסן שנעלער, זייער שנעל...

גיוראַס פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען אַ סך נידעריקער פון זיין זון. האָט ער אַרויפגעקוקט צו אים, געוואָלט אים אָננעמען פאַרן אָרעם, אָבער ער האָט ניט געוואָגט. האָט ער בלויז אַרויסגעשטאַמלט:

— איז זאָג... וואָס זאָל מען טאָן?...

— רעדן מיט זיי! ניטאָ קיין אַנדער וועג. דו, און די אמאַ, די אַלע, וואָס זיצן ביי דער טעלעוויזיע און זעען ווי דער מיליטער־חזן מאַכט אָן אל מלא רחמים, אַ מאַמע וויינט און אַן ארון ווערט אַראָפּגעלאָזט אין גרוב — איר אַלע דאַרפט אויסשרייען — גענוג!

דערנאָך איז ער נאָך לאַנג געשטאַנען אונטער דעם עפּל־בוים אין זייער גאָרטן. די נאַקעטע צווייגן האָבן דורכגעלאָזט דעם פאַרוואָלקנטן נאָוועמבער־הימל. דער גאַנצער דאָרף האָט געשלאָפן. אַפילו די הינט האָבן ניט געבילט. בלויז דער טרייער, אויסגעדינטער בולדאָג האָט געבורטשעט ביי זיך אין ביידל. דעם הונטס בורטשען האָט גיוראַן צוריק דערנענטערט צו דער היים, צו די קינדער־יאָרן, ווען זאָלבעדריט, מיט גידין, פלעגן זיי לויפן איבער די

פעלדער, וואַרפן פּאַראויס אַ טעניס־באַל, כּדי דער הונט זאָל עס ברענגען צוריק אַ פּאַרסאָפּעטער, מיט סלינע פון יעדן זייטן פּיסק. ס'האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף טאַטע־מאַמע. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַזוי שטרענג געריידט מיט זיי. און וואָס, אייגנטלעך, איז ער בייז אויפן פאָטער? ווען יענע וואָלטן כאָטש ניט געשריען, אַז זיי ווילן אונדז אומברענגען;... אָבער מען מוז דאָך זוכן ווי זיך אויפצוריידן... אָדער וועט אויסקומען אייביק אומגיין מיט דער ביקס?...

גיורא האָט געטראַכט וועגן דער שוועסטער. אַ שאָד וואָס זי האָט ניט געקאָנט קומען פון ירושלים. זי האָט עקזאַמענס. ווען זי איז אינדערהיים, וואָלט אפשר ניט געווען אַזאַ איבעררייד. וואָס איז געשען מיט אים? ער איז דאָך תּמיד געווען דער נאָכגיביקער, דער מילדער. זי, עדינה, איז דאָך געווען די שרייערקע. האָט זי עקזאַמענס. וועט זי אויסהאַלטן? וועט ער, גיורא, אויסהאַלטן זיין עקזאַמען, דאָרט אין לבנון?...

✶

גיורא האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין אורלויב. קיינער פון זיין איינהייט האָט ניט געפעלט. בלויז ששון. מען האָט אים געגעבן אַ העכערן ראַנג און אָוועקגעשיקט אין דער אַדמיניסטראַציע פון צענטראַלן געפאַנגען־לאַגער. דעם עלפטן נאָוועמבער איז איינ־געפאַלן די קאָמענדאַנטור אין צור. מען האָט זיך קיינמאָל ניט דערוווּסט פאַרוואָס האָט פּלוצעם דער בנין פאַרבויגן זיינע בעטאָן־פּיס און זיך אָוועקגעלייגט אויף דער ערד ווי אַ קראַנקער קעמל. די איינציקע השערה איז געווען, אַז אַ גאַז־באַלאָן האָט אויפגעריסן און גורם געווען צו דעם חורבן. זעקס און זיבעציק נפשות זענען געבליבן אונטער די רואינעס. איינצלנע האָט מען באַוויזן אַרויס־צוציען פון אונטער די איינגעפאַלענע ווענט. אָבער אליעזר, אַריק, פּנחס, גיורא זענען ניט געווען צווישן זיי.

ביים פאַנאַנדערוואַרפן שטיקער בעטאָן האָט אַ זעלנער אויפ־

געהויבן אַ זייטל פון אַ נאָטיץ-בוך פאַרשריבן מיט עטלעכע שורות. ער האָט אָפּגעטרייסלט דעם זשוויר פונעם שטיקל פּאַפּיר און איבערגעלייענט:

לעדינה היקרה צור, עיר דובדבנים 10.11.82

שלום רב,

ראשית כל ברצוני לדעת אם עברת את הבחינות. אני, כשלעצמי לא יודע אם...

דער זעלנער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּיר. פריער האָט ער עס גוט צעקנייטשט אין פויסט. ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט. אפשר אָטעמט נאָך ווער אונטערן גרוז...

געזעגנט זיך מיט פוילן

געזעגנט זיך מיט פוילן

אַט איז ער ווידער, נאָך פינף און פערציק יאָר, געשטאַנען ביים ברונעם, וואָס האָט באַזאָרגט דאָס גאַנצע שטעטל מיט וואַסער. ער האָט באַרירט די אייזערנע האַנט פון דער פּאָמפּע, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט צו געפינען אַ שפּור פון דער מאַמעס וואַרעמער דלאָניע. זי פלעגט עס ברענגען דעם ערשטן עמער וואַסער, כדי אָוועקצולאָזן אין גאַנג דעם טאָג־טעגלעכן קיום פון דער טיי־קאַן אָדער דעם ציקאָריע־טעפּל. דערנאָך האָט זי ביז אָוונט געהאָלפן דעם טאַטן ביים נייען בורקעס פאַר די פּויערים פון אַרום.

פינף און פערציק יאָר. געבליבן אַלץ ווי געווען. טאַקע ווי אין דעם אויסגעדראָשענעם טעאַטער־לידל, וואָס די ערשטע שורה „איך וויל נאָך איינמאָל זען מיין היים" איז געשפּרונגען אין זכרון. אָט די שורה, צוזאַמען מיט דער אָפּגענוצטער מעלאָדיע, האָט אים באַגלייט צום אַעראָפּלאַן אין לוד, און פאַרשוווּנדן געוואָרן דאָ, ביים ברונעם, ווו אַלע קינדער האָבן זומער געקילט די באָרוועסע פוס־טריט.

די שטוב איז געבליבן. ניט אַזוי ווי געווען. די מזוזה האָט געפעלט. אירע קאָנטורן האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אויף דעם ברוינעם האָלץ פונעם ביי־שטידל. די נייע שכנים האָבן זיך ניט געגעבן די מי איבערצושמירן די ראַם פון דער אַריינגאַנג־טיר. אַ העלער אָפּדרוק איז געבליבן נאָך דער אַראָפּגעריסענער מזוזה.

אַריינגיין אינעווייניק? אים איז אָפּגעפאַלן דער גאַנצער חשק צו זען נאָכאַמאָל די היימישע ווענט. וואָס וועט ער דאָרט זען? ווי די נייע שכנטע טושעט חזיר־פלייש אין דער מאַמעס פּסחדיקער בראָט־פאַן?

דאָס אַלץ פון וואָס ער איז אַנטלאָפן מיט יאָרן צוריק, כדי צו בויען ארץ־ישראל, איז צוריקגעשווומען צו אים דורך אַן איינציקער טרער. ווי מען האָט עס דעמאָלט מזלזל געווען אין טאָטנס פּיר. ווי מען האָט זיך עס דאָן געריסן פון בית־מדרש. ווי דער שליח פון ארץ־ישראל, אַ בחור מיט פאַרביסענע ליפּן און אַ שאַרפן פּנים, ווי אַ האַק צו קאָרטשענען בוימער, האָט עס דאָן אויסגעשריען — ארץ־ישראל דאַרף ניט קיין גאָט! ארץ־ישראל דאַרף דעם מענטש!

דאָס שטעטל איז געלעגן אויסגעצויגן פאַר זיינע אויגן ווי שטייענדיק וואַסער. און אָט, אויף דאָס שטייענדיק וואַסער האָט ער געלאָזט, דורך זיין דמיון, שווימען געשטאַלטן, וועלכע האָבן אַמאָל, פאַר דעם חורבן, באַלעבט און געפאַרבן אין הייטערע קאָלירן די גרויע, שטעטלשע אָרימקייט. אָט איז דער לאָמער אייזיק, וואָס האָט בעת דעם יערלעכן פּורים־שפּיל זיך אַזוי געסטאַרעט ביים נאָכקרימען המן הרשע, שטרענג גערעדט וועגן אומברענגען יידן. און דאָרט, אין מיטן מאַרק, שטייט צאַלע שמולייזער אין טיר פון זיין קראָם, און איבער אים די אייגנהאַנטיק־אויסגעמאָלטע שילד אין פּויליש: *Łopaty, śruby i inne towary galanteryjne.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלאַכט, אָבער צאַלע שמולייזער האָט זיך גאָר ווייניק געמאַכט דערפון. ער האָט באַקומען אַלע פרייטיק די וואַרשעווער צייטונג „מאָמענט”, און געוווּסט אַלץ בעסער פון אַלע. דאָרט, נעבן די חורבות פון בית־מדרש, שפּרייזט, מיט אַ צעבויגענעם טשייניק אין האַנט, יודל פון דער אָפּפערע, דער שטאָט־משוגענער. דער טשייניק האָט אים געדינט אַריינצוזינגען אין אים, ווינטערצייט, אַריעס און סתם ניגונים, זיי זאָלן זיך דאָרט אויפהיטן איינגעפראָרענע ביז פרילינג.

ער האָט אויך אויסגעשטעלט צוריק עטלעכע הייזער. אָט איז דאָס געמויערטע הויז, וואָס עס האָט אויסגעבויט משה מאַכנעס,

* רידלען, שרויפן און אַנדערע גאַלאַנטעריע־סחורה.

דער גביר פון שטעטל. יעדעס רויטלעכע ציגל איז יוסט געזעסן אין אַ רעמל פון ווייסע וואַפּנע. און דאָס גאַנעקל, דאָס נגידישע גאַנעקל, די זומערדיקע ערן־לאָזשע פאַר בעסערע געסט. ווייטער די גמינע, די פּאָסט, אַראַנאָווסקיס אַפּטייק. און אין עק שטעטל דער שייער פון די פייערלעשער. דאָרט האָט מען געמאַכט פאַר־שטעלונגען מיט דער הילף פון אַ פאַרהונגערטן, גרויס־שטאָטישן אַקטיאָר, וועמען אַלע מיידלעך האָבן געקאָרמעט, אים געשטאָפּט ווי אַ גאַנדז אויף פסח...

ער האָט זיך דערמאָנט נעמען, צונעמען, וואָס לצים האָבן צוגעקלעפּט גאַנצע משפחות. די ווייסע קעפּלאַך. אַלע קינדער זיינען געווען בלאָנד. דער פּייפּעץ, דער סובאָטניק, די פּאַגעגעלע. אַ קאָד פון דור צו דור, פאַרשטענדלעך בלויז אין שטעטל. אַפילו עטלעכע לאָקאַלע גלייכווערטלעך האָט ער זיך דערמאָנט. אַז מען האָט מורא, דונערט ניט? אַ שערבל לעבט איבער אַ טאָפּ... אַ געשוואָלענער מעג אַלץ עסן...

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. געקומען אויף קבר אָבות און פאַרגאַנגען צו די אַלע סאַכארין־דעטאַלן פון זיין שטעטל, פון הונדערטער שטעטלעך אין פּוילן.

באַלד וועט ער זיך, אפשר, ווידער דערמאָנען וועגן דעם פריץ׳ס בעריאָזעווע וועלדל, וועגן עפּל־סאָד, וועגן דאָס שענסטע מיידל, יודעסקע האָט זי געהייסן, וועגן דעם ערשטן, אומבאַהאָלפענעם קוש אין אַ פרייטיק־צונאַכטיקן חושך.

ער האָט געטריבן פון זיך די דערמאָנונגען, אָבער זיי זענען געקומען צוריק. מיט מער עקשנות. די יונגע יאָרן אויף דער פּוילישער ערד האָבן אים געהאַלטן אין קלעם. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט דעם ריח פון פּוילישן פעלד, פון דער לאָנקע. ער איז געשטאַנען אין מיטן שטעטל, ביים ברונעם, און געשפּירט אויף זיינע ליפּן דעם זיס־זויערן טעם פון די שוואַרצע יאַגעדעס און די פּאַזימקעס, געדיכט צעוואָרפן אין געבלעטערטע קופּעס ביי די ראַנדן וואַלד. די לאַנדשאַפט, די ווילדע, צעוואָרפן און צעשניטן

אויף קאַרגע שטיקער שטחים. אַ פּויער איז מסוגל געווען צו גיין מיט אַ מעסער אויפן שכן אין אַ שטרייט פאַר איין אייל ערד. דער יידישער קרעטשמער האָט ניט איין בלוטיקן וויכוח אויסגעגלייכט...

— הערשל ? !

ער האָט זיך געהאַט אַזוי פאַרטראַכט, אַז דער עלטערער קריסט מיט די לאַנגע, גרוילעכע וואָנסן, איינגעקוטעט אין אַן אָפּגעטראָגענער בורקע, איז אים אויסגעקומען ווי אויסגעוואַקסן פון דער ערד. יענער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— הערשל ?

איצט האָט ער אַריינגעקוקט אין יענעמס פּנים. די אויגן... דאָס גאַנצע פּויערישע פּנים איז געווען צעאַקערט. בלויז די אויגן זענען געבליבן יונג. אַ פּאָר בלווע אויגן, אַ ביסל פאַרזשמורעט. נו יאָ, דער זשמוראַק... טאַדעק..

— טאַדעק ? !

און שוין האָט דער שאַרסטקער קראַגן פון דער בורקע געריבן הערשלס באַק. אַ פּאָר גוטע רגעס זענען זיי געשטאַנען פאַרקלאַמערט איינער אין אַנדערן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו צעשיידן, טאָמער איז די גאַנצע, צופעליקע באַגעגעניש בבחינת אַ חלום, וואָס ביים מינדסטן ריר וועט ער פאַרפלויגן.

דער פרילינג אין פּוילן האָט זיך תמיד פאַרשפּעטיקט. אויך איצט, אין דעם אַפּריל־טאָג, האָט די זון געוואָרפן קילע שטראַלן, געקאַרגט אַ ביסל וואַרימקייט. ביידע חברים, וואָס די צייט האָט זיי צעריסן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נעבן דעם געדענקשטיין פאַר די צען קריסטלעכע ערובניקעס, וועמען די דייטשן האָבן דערשאָסן אין מיטן מאַרק.

דער צעשויבערטער שמועס, דורכגעפלאָכטן מיט איבערגעהיפּערטע פּרטים, האָט זיי ביידן פאַרשלונגען.

— הערשל, הערשל, ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען עס איז זען...

— די וועלט איז קליין געוואָרן.

— וואָס הייסט קליין? פון ישראל ביז פוילן איז אַ רייזע.

— טאַדעק, דו מיינסט, אַז מען פאָרט נאָך מיט פערד? ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— געדענקסט אונדזער גניאַדע קלאַטשקע. ווי מיר פלעגן איר ביידע פירן פלאָווען, וואַשן איר ביים טייך.

— און ווי דו פלעגסט מאַכן מיט מיר געשעפטן — איך זאָל דיר געבן איבערשרייבן פון מיין העפט, וועסטו מיר לאָזן רייטן אַ האַלבע שעה...

— די דייטשן האָבן פאַרברענט די שקאָלע. דעם לערער ווישניאַק אויך...

— דערציייל בעסער וועגן זיך. ווי ביסטו איבערגעקומען דעם קריג?

— איבערגעקומען... כ'בין געזעסן אין תפיסה. פאַר מאַכן בימבער, היימישן בראָנפן. ווען מען האָט צוויי קליינע קינדער און מען דאַרף זיי געבן ברויט... געדענקסט זאָשקען פון זעקסטן קלאַס? נו, זאָשקע, די ווייבע איי. זי האָט תמיד אַלעמען נאָכגעגעבן. מיט איר האָב איך חתונה געהאַט. אַפילו דעם טויט האָט זי נאָכגעגעבן. אַוועק אינדערשטיל..

— אַ גוטע נשמה געווען...

— גאָט רעכנט זיך ניט דערמיט...

דאָס שטעטל האָט מיט אירע ליידיקע געסלעך און שיטערע פאַרבייגייער אויסגעזען ווי נאָך אַ מאַרק־טאָג. עס האָבן בלויז געפעלט די שיכורע געשרייען פון אַמאָל, דאָס בראָזגען מיט דער שענק־טיר, די קריגערייען נעבן דער קוזשניע, ווער דאַרף פריער אָנקומען צו טעוולען דעם שמיד. די אַרומיקע שטילקייט האָט זיי פאַרוועבט אין אַ שמועס, וואָס ביידן איז ניט אָנגעקומען לייכט צו פירן, ווי אַ משא באַרג אַרויף, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו מינוטיקע הפסקות. אָט האָט הערשל געוואָלט ענטפערן, אַז זאָשקע איז כאָטש געשטאָרבן ביי זיך אין בעט, ניט ווי אַנדערע,

אָבער ער האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער ווידער געפרעגט אויף טאַדעקס אייגענע. אויפן ברודער סטאַך, אויף טאַטע־מאַמע.

— סטאַך... די קלעפּ וואָס איך האָב פון אים אַריינגעכאַפּט פאַר חברן זיך מיט דיר, מיט אַרקע דעם מילנערס... אייביק משוגע. איי, סטאַך, סטאַך... ווי ער פלעגט שטיין נעבן צאַלע שמולייזערס קראָם מיט אַ שילד „קויפט נישט ביי יידן״. דערנאָך איז ער אַוועק צו די ווייסע פאַרטיזאַנער. געקעמפט קעגן אַלע. קעגן דייטש, קעגן ייד, קעגן קאָמוניסטן, קעגן אַלץ. דערשאָסן האָבן אים אונדזעריקע. ער האָט ניט געוואָלט אַרויס פון וואַלד. דער קריג האָט זיך געענ־דיקט, און ער דאָס זייניקע — ס׳איז אַ מאָסקווער רעגירונג, יידן האָבן איר געבראַכט... אַ ביסל איז דאָס אמת געווען...

— מען האָט זיי דערנאָך די ערשטע אַרויסגעטריבן...

— איך בין אַ פּראָסטער פּויער. כ׳האָב פאַר דעם קריג גאָרנישט פאַרשטאַנען, כ׳פאַרשטיי איצט אויך גאָרנישט...

— ניט וויכטיק. ס׳איז שוין קיינזאַך ניט וויכטיק. נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין.

— אמת. דערצייל מיר בעסער ווי לעבסטו? האָסטו משפּחה?

— כ׳האָב אַ פרוי מיט צוויי קינדער. זין. ביידע אָפיצירן. איך אַליין בין שוין אין פּענסיע.

— האָסט געאַרבעט אין אַן אַמט?

— אין אַרמיי. כ׳האָב דערדינט ביז אַ פּאָלקאָווניק.

טאַדעק איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות:

— הערשל! אַ פּאָלקאָווניק?

— אין רעזערוו.

— אָבער אַ פּאָלקאָווניק — דו ווייסט? כ׳האָב גלייך געפילט, אַז דו... דיין בליק... ווי דו ביסט געשטאַנען ביים ברונעם און געקוקט אין דער ווייט. אויסגעגלייכט. ניט ווי קיין ייד... אָט האָבן מיר געדאַרפט אַזעלכע קעגן די דייטשן.

— און די בחורים פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס כ׳בין

געקומען צופאָרן מיט נאָך יידן לייגן אַ קראַנץ אויף זייער דענקמאָל, זענען ניט געשטאַנען קעגן דייטשן?

— יאָ, אָבער דאָס זענען געווען קינדער, ניט קיין זאַוואָדאָוועֿ. אָן געווער.

— הלואי וואָלט מען זיי מער געהאָלפֿן.

— און וואָס האָבן מיר געהאַט? האָבן די דייטשן אונדז ווייניק געקאָסעט? אַט האָב איך געלייענט אין דער צייטונג, טאַקע אין שייכות מיט אָפּמערקן פֿערציק יאָר נאָך דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד, אַז מען האָט יאָ באַזאָרגט די געטאָ מיט געווער.

— איין רעוואָלווער אויף צען מאַן.

— און בכלל, וויפֿל זענען געווען פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן? מיטן לעבן ריזיקירט...

— צו ווייניק.

טאַדעק האָט זיך אויפֿגערעגט:

— די אייביקע טענות...

— די טענות וועלן ניט פֿאַרגעסן ווערן.

טאַדעק האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף זיין שול־חבר׳ס אַקסל.

— לאָמיר ניט פֿאַרסמען די באַגעגעניש. זאָג מיר — ביסטו געווען אַריין צו אייך אין שטוב?

— ניין, צו וואָס?

— דאָרט וווינט איצט זאַטשיוק, דער וואַלד־וועכטער. געוואָרן אַ שטאָטישער אויף דער עלטער. זיין זון איז אונדזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, אַ פּאַרטייאישער.

— וואָס איז אַן אונטערשייד? זאָלן זיי וווינען.

— ניין, כ׳האָב בלויז געמיינט — אפשר ווילסטו עפּעס אָפּנעמען... כאָטש מען האָט אַלץ גלייך צעראַבירט.

— ווען גלייך?

— נו, נאָך דער אַקציע.

— ביסט דאַן געווען אין שטעטל?

— יאָ. ווען מען האָט אַלעמען געטריבן צו די וואַגאָנען...
דיין מאַמען, די שוועסטער... בלויז דעם טאַטן...
הערשל האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן פון דער באַנק.
— ווייסט עפּעס מער וועגן אים?
— בעסער ניט ריידן...
— טאַדעק, כ׳בין געפאָרן אַכט שעה פון וואַרשע, כדי נאָכ־אַמאָל צו זען דאָס שטעטל. נאָכאַמאָל זיך צודריקן צו אַ בוים אין וואַלד, איינזאַפּן דעם יאַדלע־ריח. נאָכאַמאָל דורכגיין עטלעכע געסלעך פון אונדזער יוגנט; אָבער מער פון אַלץ האָב איך געוואָלט געפינען אַ שפּור פון מיינע נאָענטסטע, אַ ברעקל דערמאָנונג. איז אויב דו ווייסט עפּעס וועגן טאַטן, וועסטו מיר ניט זאָגן?
טאַדעק האָט פאַרביילט אַ פויסט, געקלאַפּט מיט אים זיך אין קני אַריין און געשעפּטשעט צו זיך אַליין:
— ניט געדאַרפט... ניט געדאַרפט ריידן...
הערשל האָט ניט נאָכגעלאָזט:
— רייד, אויב דו ביסט אַ פריינד!
טאַדעק האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער באַנק. ביידע חברים זענען געשטאַנען איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, און די פּאָר ווערטער האָבן טויב אָפּגעקלונגען צווישן זיי:
— מען האָט אים אויפגעהאָנגען...
הערשל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.
— מען האָט אים אויפגעהאָנגען אַ פּאָר שריט פונדאַנעט, טאַקע וווּ מיר שטייען. מיט נאָך ניין יידן. די דייטשן האָבן געלאַכט. זיי האָבן געהערט פון אייערן אַ מנהג, אַז מען דאַרף האָבן צען צו אַ מאָדליטווע... מען האָט זיי באַערדיקט טאַקע דאָ. נעבן דעם אָנדענק־שטיין.
ביי דעם רעזערוו־פּאָלקאָווניק פון דער ישראל־אַרמיי האָט זיך געבראָכן דאָס קול:
— קאָן גאָר זיין, אַז איך טרעט אויף זיין קבר...
ביידע האָבן זיך צוריקגעזעצט אויף דער באַנק. דאַסמאָל האָט

זיך דער שמועס איבערגעריסן אויף זייער לאַנג. ביז הערשל האָט זיך אָפּגערופן:

— אויפן אָנדענק־שטיין ווערן ניט דערמאָנט די יידן.

טאַדעק האָט געשוויגן.

— זענען זיי דאָך אויך געווען פּוילישע בירגער.

דער פּויער האָט שווער אָפּגעזיפצט:

— אַלץ פּאָליטיק. ניט צו פאַרשטיין.

— ס'איז יאָ צו פאַרשטיין. דאָס ציט זיך פון יענע יאָרן ווען סטאַך איז געשטאַנען מיטן שילד נעבן צאַלע שמולייזערס קראָם. ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט.

פלוצעם האָט די גאַנצע פאַרביטערונג אַ שטראָם געטאָן פון הערשלס מויל:

— די דייטשן האָבן צוגערויבט מיין טאַטנס לעבן און די פּאָליאַקן האָבן צוגערויבט זיין טויט! האָסט מיך געפרעגט צי איך וויל עפּעס אָפּנעמען. יאָ, איך וויל אָפּנעמען! איך וויל אָפּנעמען דעם צוגערויבטן טויט פון מיין טאַטן. איך וויל אים ברענגען צו זיך אַהיים, אין מיין לאַנד! דאָס איז דער פאַרמעג וואָס איך וויל ברענגען פון פּוילן...

טאַדעק האָט איינגענורעט דאָס פּנים אין בײדע דלאָניעס. אַ ביטער געוויין האָט צעטרייסלט זיינע ברייטע אַקסלען. דאָס כליפּען, ווי אַ שווערער האַרבסט־רעגן, איז צו הערשלען ניט דערגאַנגען. ער איז געזעסן ביים זייט פון זיין יוגנט־חבר און ניט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווו אים צו טרייסטן. ער איז איצט געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין. בלויז מיט זיך.

אויסער דעם האָט ער גוט געוווסט, אַז טאַדעק וויינט ניט, וואָס פּוילן האָט פאַרגעסן צו פאַראייביקן זיין טאַטנס אָנדענק. טאַדעק האָט זיך זיכער איצט דערמאָנט וועגן דעם ארימאַנסקן, גרויען לעבן אין זיין נאָך־מלחמהדיקן פּאָטערלאַנד. וועגן דעם אומגעלומפּערטן רעזשים וואָס ווערט אומגעלומפּערט געפירט. ער האָט געוויינט וואָס אַ הומאַרלאָזע אידייע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ שוואַרצער ראָב,

אויף זיין לאַנד פון פרעמדע הימלען; און אפשר האָט ער גאָר פשוט געוויינט אויף זיין יוגנט, וואָס איז צעריבן געוואָרן אונטער די מלחמה־רעדער.

הערשל האָט אים ניט מיטגעפילט. דער פונק בענקשאַפט נאָך די בשותפותדיקע, אָוועקגעגאַנגענע טעג האָט שוואַך געטליעט. דער צאָרן האָט אים געלאָשן. זיי האָבן דעם יידישן עקזאָמען ניט אויסגעהאַלטן. דאָס רוב פון זיי זענען געשטאַנען ביים וועג, דורך וועלכן מען האָט געפירט זייערע יידישע שכנים צום אומקום, און געפינטלט מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיי געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. טאַדעק אפשר נישט, אָבער זיין טאַטע מיטן ברודער סטאַך זענען זיכער געווען אין המון...

איידער ער פאַרלאָזט אויף אייביק אָט די באַנק נעבן אָנדענק־שטיין, אויף וועלכן עס פעלן די יידישע נעמען, מוז ער זיך באַ־פרייען פון אַלדאָס פוילישע, וואָס האָט אים געהאַלטן יאָרן ווי מיט צוואַנגען. ער מוז דערשטיקן די ליבשאַפט צוזאַמען מיט דער שנאה צו זיין געבוירן־לאַנד. זאָל די גלייכגילט נעמען די אויבער־האַנט.

טאַדעק האָט אים ניט באַגלייט צום וואָקזאַל. ער האָט גע־זשמורעט די פאַרטרערטע אויגן צו דעם אַוועקגייענדיקן חבר. זיי האָבן זיך אַפילו ניט אַרומגענומען ווי געהעריק. בלויז האַנט אויף אַקסל. ווי ער האָט ניט געוואָלט איינשליסן זיין שול־פריינד אין דער לאַנדשאַפט, פון וועלכער ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַפרייען, האָט עס די צייט אָן אים געטאָן. צופיל יאָרן איז מען געווען אָפּגעריסן. צופיל בלוט און אומקום האָט געשטראָמט צווישן זיי.

שוין זיצנדיק אין צוג, וואָס האָט אים דערווייטערט פון זיין שטעטל, איז ער נאָך אַלץ ניט געווען זיכער צי וועט ער מצליח זיין, נאָך דעם אַלעם, אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל די פוילישע בלום פונעם האַרץ.

א י נ ה אַ ל ט

צו פוס קיין ארץ־ישראל	11
דאָס קול אין דער ווילדעניש	27
אַ שליחות אין יפו	35
זילבערוואָרג פון פוילן	43
בענקשאַפט	59
ביים כנרת	69
די עוזרת סילטאַנאַ	79
כנור־דוד	93
מאַרגאַ	105
בראָניע און מיימון	113
אַ נסיעה צו דער יוגנט	125
די פאָן	143
אויף פרעמדער ערד	165
געזעגנט זיך מיט פוילן	183

פון זעלבן מחבר:

דער וועג קיין סדום

— ישראל־דערציילונגען פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1959

ביים ווילנער דורכהויף

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1967

אַ טאָג פון מלחמה

— ישראל־דערציילונגען פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1973

ברוניסלב הוברמן — קוים לדמותו

— ביאָגראַפיע פון גרינדער פון ישראלדיקן
פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער

פאַרלאַג הספריה המרכזית למוסיקה בישראל, 1973

אויף ווילנער גאַסן

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא

פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט״, 1981

אין דרוק:

גראַף פּאָטאָצקי — דער גר־צדק פון ווילנע

זיין וועג צום יידנטום

דער ווילנער טרוימער־פּאַראיין

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא

30 שנה בשרות המוסיקה

זכרונות מעבודתי בתזמורת הפילהרמונית הישראלית